STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01932

VAYB UN MAN

Melech Ravitch

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מלך ראַוויטש

ווייב און מאַן

דריי פאַמיליען־דראַמעס

ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין

1931 ווארשע

עטלעכע ווערטער

* * *

בוך איין בוך אויס שווער איך מיר מער קיין הקדמות נישט צו שרייבן. אָבער גיי קעמף קעגן אַ שלעכטער צוגעוווינהונג. איז דעריבער כאַטש — וואָס קירצער!

די דריי דראַמעס, וואָס דאָס דאָזיקע בוך „ווייב און מאַן" אַנטהאַלט, זענען אויפגעשריבן געוואָרן אין משך פון די לעצטע צוויי יאָר. אין גערדאַנק זענען זיי פיל פריער רייף געוואָרן. אַן אַבסאָלוט רייפע פאָרם זיי צו געבן — אפילו לויט מיין ווילן און קענען — איז דערווייל איבער מיינע כוחות. אויף דעם גרעסטן טייל פון דער יידישער ליטעראַטור, און ממילא אויך אויף מיינע שריפטן, ליגט דער חותם פון אייליקייט, יאָגעניש און האַסט. אונזער לעבן איז אַזאַ. דעם גרעסטן טייל פון אונזערע אַרבעט־שעהן פאַרשלינגען זייטיקע זאַכן, די עיקר־אַרבעט איז אַ שטיפקינד ביים טיש פון אונזער צייט. און די יאָרן פון לעבן פליען — שווייגן קען מען נישט. מוז מען אָפּלייגן אויף שפּעטער די גרינדלעכע באַאַרבעטונג פון די ווערק, אויף שפּעטער, נישט זעלטן אפילו אויף — „צו שפּעט".

די ערשטע און דריטע דראַמע פון דאָזיקן בוך זענען געוויס שפּילבאַר. צי וועלן זיי געשפּילט ווערן? — דאָס וועט אָפּהענגיק זיין פון דער סוביעקטיוויקייט פון די „אָביעקטיווע באַדינגונגען", וואָס זענען ליידער סווערען אין אונזער נערוועזער און אָרעמער קולטור־מלוכה.

און דאָך וועל איך איינגעשפּאַרט ווייטער גיין אויף דעם איינמאָל באַטרעטענעם לעצטן וועג פון שרייבן סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און פאַמיליען־דראַמעס, ווייל נאָר דאָ, אָדער אין ערגעץ נישט, איז מיין וועג.

מ. ר.

אינהאלט

* * *

I (זייט 9)

א היים אין א הערבסטנאכט

טרויערשפּיל אין דריי אקטן

*

II (זייט 97)

ליבע און טויט

דריי אקטן

*

III (זייט 171)

דריי פרויען וואָס האָבן ליב געהאט

דראַמע אין פיר אקטן

* * *

אַ היים
אין אַ הערבסט־נאַכט

טרויערשפּיל אין דריי אַקטן

פערזאָנען

דער מאַן — ווייט איבער די פערציק יאָר.

דאָס ווייב — אין די זעלבע יאָרן.

דער זון — אונטער די צוואַנציק יאָר.

* * *

דער ערשטער אקט — אין דער שטוב פון מאַן, זייגער 8 אין אָוונט. דער צווייטער אקט — אין שטוב פון ווייב, צו מיטערנאַכט. דער דריטער אקט — אין שטוב פון זון, ארום 3 פארטאָג. אַלע דריי אקטן אין דערזעלבער נאַכט.

דער ערשטער אַקט

די שטוב פון מאַן. די ווענט טונקל־גרוי. בילדער: קאַל־טע, וויסטעווינטער־לאַנדשאַפטן. אין מיטן שטוב אַ טיש, עטלעכע שטולן ארום אים. אין לינקן עק פון שטוב אַן עמאַזשערע מיט ביכער. אין דער לינקער וואַנט אַ טיר, וואָס פירט פון קאָרידאָר, פון די טרעפּ. אין דער מיטלוואַנט צוויי פענסטער צו דער גאַס צו. צוויי־טער שטאָק. אין דער רעכטער וואַנט צוויי טירן. די ערשטע טיר פון פובליקום — צו דער שטוב פון ווייב, די צווייטע — צו דער שטוב פון זון. סעפּטעמבער־אָוונט, די שטוב איז פינסטער, די פענסטער אָפן. דורך די פענסטער דריינגט וואַלצער־מעלאָדיע, פאַרטעמפּט, ווייט, אומעטיק.

דער זון

(מען הערט אים אויפשליסן די טיר און פאַרשליסן צוריק, אין מאַנטל קומט ער אריין — גייט דורך די בינע און צו זיך אין שטוב. דאָרט צינדט ער אָן ליכט, גייט דאָרט אומרואיק אויף און אָפּ. קומט אריין, גייט צו צום פענסטער, שטייט אַ רגע, קוקט נייגעריק ארויס, ווי ער וואָלט אונטן עמיץ געזען, גייט צו צום ליכט און דרייט עס אויף. ער איז הויך געוואקסן און אַטלעטיש געבויט. האַלט דעם קאָפּ שטענדיק געבויגן, אַן אייביקער שמייכל אין די ווינקלען פון מויל. פון צייט צו צייט הויבט ער אויף די

אויגן, עפנט זיי ברייט און קוקט יענעם גלייך אין פנים אריין. באלד לאזט ער ווידער אראפ די אויגן און בויגט איין דעם קאפ). שוין ווידער קיינער נישטא אין דער היים. (קוקט אומרואיק אויף זיין האנטזייגער). און אפשר זענען זיי אוועק אויף דעם אוונט צוזאמען. (דענערווירט) אך, קיינער ווייסט דא קיינמאל נישט, וואס דער אנדערער טוט. אפשר אויפשרייבן א פאר ווערטער, איבערלאזן אויפן טיש? (גייט ווידער צו צום פענסטער, בויגט זיך שטארק ארויס).

דער מאן

(מען הערט עמיץ אויפשליסן די טירן, פארווײלן א רגע אין קארידאר, אויסטון דעם מאנטל. דער מאן קומט אריין. ער איז קלענער פון זיין זון, שטארק גרוי, האלט אפט די הענט אויפן הארץ און רינגט זיי פארצווייפלט ביים רעדן. שטענדיק פארטיידיקט ער זיך קעגן עפעס. קוקט פארוואונדערט אויף דעם זון, גייט צו צו אים און רירט אים אן). דו?

דער זון

(גיט זיך א ריס און נעמט פלוצים ארום דעם מאן). פאטער! א, ווי גוט! ביזט גאנץ אליין?

דער מאן

דו זעסט דאך.

דער זון

ווי גוט, וואס דו ביזט דא און ביזט גאנץ אליין, וואס ביזטו עפעס איצט אהערגעקומען?

דער מאן

וואס איז עס פאר א פראגע? עס איז דאך מיין היים. חוץ דעם האט די מוטער געבעטן היינט צו קומען פרי. מיר דארפן גיין צוזאמען אין טעאטער. עס איז א געדענק־טאג ביי אונז. גראד היינט זענען עס פינף און צוואנציק יארן, זינט — —

דער זון

אזוי זעלטן גייסטו מיט דער מוטער. (פארטראכט). סענטימענטן, איך וואלט עס קיינמאל נישט געגלויבט, אז איר וועט געדענקען אייער זילבערנע חתונה. און איבריגנס, גוט. זעלטן, אז עס טרעפט

זיך אזוי גוט.

דער מאַן

וואָס איז דען היינט מיט דיר? זאָג.

דער זון

איך גייט דאָך ביידע זיבער אוועק.

דער מאַן

און וועו נישט?

דער זון

דאַן וואָלט איך אייך געבעטן.

דער מאַן

וואָס איז דען, זון, מיט דיר? דו ביזט אין א גוטער שטימונג. אזוי געלטן ביי דיר. וואָס איז דען די סיבה דערפון?

דער זון

צווינג מיך נישט, פאָטער. קיינמאָל רעד איך נישט מיט דיר, זאָל איך פלוצים דיר זאָגן דאָס?

דער מאַן

אָבער די מוטער דאַרף יעדע רגע אָנקומען. זאָג גיך, וואָס אייגנט-לעך ווילסטו?

דער זון

אז איר זאָלט זיבער גיין אין טעאַטער, מער גאָרנישט.

דער מאַן

(נעמט אָן דעם זון ביי ביידע הענט) איך האָב פאַרשטאַנען, גוט!

דער זון

(נאָך א רגע טראַכטן גייט ער צו צום מאַן) ניין! איאָ, דו האָסט גאָרנישט פאַרשטאַנען. טו עס מיר צוליב, מיר איז בעסער אזוי.

דער מאַן

(מיט א שמייכל) נו, איז גוט, איך האָב גאָרנישט פאַרשטאַנען.

דער זון

(פלוצים געריצט פון שמייכל) לאָך נישט, פאָטער! אָך, וואָס פאַר א שטוב איז דאָ. דאָ גייען אַלע אַרום מיט א ווילדן ווילן צו יען יענעם נאַקעט. איך בין דאָך שוין אַלט אַכצן יאָרן, איך האָב דאָך שוין א רעכט אויך צו האָבן א סוד!

דער מאַן

ווייל איך דיר דען נעמען דאָס רעכט?

דער זון

פרעגט און פרעגט, און דערצו דער שמייכל. קיינמאָל רעד איך נישט מיט דיר, און ווען איך רעד נאָר אַרויס איין וואָרט, זע איך, אַז דו ביזט אויך אַזוי ווי די מוטער, וואָלסט מיך אויך גע־וואָלט זען נאַך נאַקעט, אייביק ווי אַן ערשטגעבוירן קינד.

דער מאַן

ווען דו וואָלסט אַליין די ווערטער געהערט, וואָלסטו געוויס אַזוי נישט גערעדט.

דער זון

אַליין זאָגסטו שטענדיק, אַז צוויי מענטשן זענען, ווי צוויי הויכע מויערן, וואָס נעענטער צו זיין, אַלץ גרעסער די פינסטערניש צווישן זיי און אַז עס קומט דערצו, ווערסטו — —

דער מאַן

(לייגט אים אַרויף די האַנט אויפן אַקסל) ווען דו וואָלסט וויסן ווי טרויעריק מיר איז, וואָלסטו — — נו, שוויג שוין בעסער.

דער זון

שוויג, שוויג — אייביק שווייגן. וואָס איז דאָס פאַר אַ קללה, וואָס ליגט דאָ צווישן אונז? וואָס האַלט אונז צוזאַמען? אַך, פאַר־וואָס באַפרייט איר מיך שוין נישט פון אייך?

דער מאַן

(האַלט אים צו דאָס מויל) דאָס נישט, נאָר דאָס רעד נישט אַרויס, איך בעט דיך, נאָר דאָס נישט. יעדע רגע קומט די מוטער, און דאָס מוז פירן צו אַ צוזאַמענשטויס.

דער זון

(גייט עטלעכע שריט אַוועק פון אים און זאָגט רואיק) פאַרוואָס זאָל איך שווייגן, אַז אייביק מאַטערט מיך נאָכאַמאָל און נאָכ־אַמאָל אייך צו זאָגן, אַז ווען איר וואָלט דעם עלטערן ברודער מיינעם באַצייטנס פון דער היים אַוועקגעשיקט, וואָלט ער נישט אַזוי מוראדיק געענדיקט. — —

דער מאַן

(נאָך דעם וואָרט דערלייכטערט) האָסט באַלד ראָס שוועסטע געזאָגט. אָבער איצט לאָמיר שוין שווייגן ביז די מוטער וועט קומען.

דער זון

איצט דאַרף איך באַלד שוין גיין. אָבער — איר וועט זיכער נישט דאָ זיין?

דער מאַן

זיכער נישט.

דער זון

(גייט אום איבער דער שטוב אַ ווײַלע, זעצט זיך אויף דעם טיש און קוקט אויף דעם מאַן, וואָס זיצט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ) פּאָטער!

דער מאַן

(שטייט אויף, גייט צו שווייגנדיק צום זון און קושט אים).

דער זון

וואָס איז דיר, פּאָטער?

דער מאַן

דו ווייסט דאָך, אַזוי בין איך שוין, מיר איז אומעטיק בלויז, ווי שטענדיק.

דער זון

פּאָטער, איך מוז עס עמיצן זאָגן. אָבער קוק נישט אַזוי אויף מיר, קוק נישט אויף מיר מיט אַזעלכע אָפענע אויגן.

דער מאַן

ווען דיר איז דערפון בעסער, און ווען דו ווילסט — זאָג.

דער זון

דו ווייסט, אַז איך בין שוין אַכצן יאָר אַלט? (פּויזע) און דו ווייסט, אַז אַנדערע יונגע מענטשן אין מיינע יאָרן האָבן שוין פיל, פיל איבערגעלעבט? (פּויזע).

דער מאַן

איך ווייס עס און עס איז מיר טרויעריק דערפאַר.

דער זון
ביז איצט האָב איך געקענט נאָר קוקן אויף אַ פרוי און שווייגן, אָבער צוגיין און זאָגן אַ וואָרט — נישט. פאָטער, ווען דו וואָלסט זויסן, ווי מיך פּייניקט דער געדאַנק וועגן פרויען. שוין פון קינד־ווייז אויף. אין די נעכט ליג איך און איך וויל מיט אַ מעסער שניידן שטיקער פון מיר, אָבער רעדן וועגן דעם, איז מיר אַזוי שווער.

דער מאַן
איך פאַרשטיי דיך אַזוי גוט. דו מוזט אָבער אַרויס פון דעם פאַרשלאָסענעם קרייז.

דער זון
אָבער איך וויל דאָך זאָגן גאָר עפּעס אַנדערש היינט. (לאָזט טיפער אַראָפּ דעם קאָפּ). שוין זינט עטלעכע טעג קען איך איינע. אויף אַ גאָרטנבאַנק האָב איך זי באַגעגנט. זי האָט אַליין אָנגע־הויבן צו רעדן צו מיר. זי איז מיט עטלעכע יאָר עלטער פון מיר, אָבער דאָס איז גוט אַזוי — גוט. באַלד ווי זי האָט מיך דערזען, האָט זי לאַנג, לאַנג געקוקט אויף מיר, ביז איך האָב שיעור נישט דאָס באַוווסטזיין פאַרלוירן, שפּעטער איז זי צו נענטער און די וואַרעמקייט פון איר לייב איז געגאַנגען כוואַ־ליעסווייז מיט יעדן האַרץ־קלאַפּ אירן צו מיר —

דער מאַן
און?

דער זון
מיר רעדן זעלטן, זעלטן. אַז מיר זענען צוזאַמען בין איך רואיק. נאָר מיט יעדער שעה, וואָס מיר זענען צעשיידט, ווער איך אומרואיקער און אומרואיקער. איך האָב איר געזאָגט, אַז עס איז אַ שרעק אין מיר זי צו פאַרלירן פּלוצים, האָט זי מיר גע־זאָגט, וווּ זי וווינט, אָבער אין יענער גאַס טאָר איך נישט קומען אפילו.

דער מאַן
אפשר האָט זי אַ מאַן.

דער זון

אָבער ניין, ניין — זי איז אפילו נישט פון דאַנען, זי איז נאָר אויף א צייט דאָ.

דער מאַן

דאַן איז אפשר מעגלעך, אַז — נישט — איין — מאַן —

דער זון

רעד נישט אַזוי, ווען דו וואָלסט זי נאָר איינמאָל געזען, וואָלסטו אַזוי נישט גערעדט.

דער מאַן

נו נישט, נו נישט, מיר גלויבן דאָךביידע אַזוי אין מענטשן.

דער זון

אָבער איך וויל דיר נאָך עפּעס זאָגן. האָט זי מיך איינמאָל גע־פרעגט, גאַנץ אַליין, צי איך בין שוין נאָענט געוועזן מיט א פרוי. האָב איך איר געזאָגט, — אַלץ האָב איך איר געזאָגט — אַז אין מיר ברענט עס אַזוי געוואַלטיק, אַז ווען איך רעד מיט איר, אין — — איך האָב זי ליב, דאַכט זיך מיר אַפּט, אַז איך טאָר נישט עפענען דאָס מויל און אַרויסרעדן א וואָרט, ווייל פייער וואָלט אַרויס פון מיר.

דער מאַן

אין אַלעם ביזטו דאָך דאָפּלט אַזוי גרויס, ווי איך. אפילו אין אָט דעם געפיל.

דער זון

האָט זי מיר דאָס מויל צוגעהאַלטן מיט איר האַנט, מיט איר האַנט — מיט איר — האַנט. און זי אַליין האָט מיר געזאָגט, הערסטו? זי אַליין, אַז זי וויל זיין נאָענט מיט מיר. האָב איך זי ברוטאַל געפרעגט: ווען? און זי האָט מיר באַלד געזאָגט, אַז זי וויל קומען צו מיר. צו איר אהיים — טאָר איך נישט. און אין א האַלבער שעה דאַרף איך מיט איר אַרויפקומען דאָ אהער. — זאָלט איר נישט זיין, נישט זיין דאָ. איך בעט דיך, פאָטער, איך בעט דיך. זייגער ניין.

ד ע ר מ אַ ן

טאַ וואָס־זשע ביזטו אַזוי אומרואיק, ביז גיין איז נאָך אַ גאַנצע שעה. דאַרף זי שוין איצט ערגעץ וואַרטן אויף דיר?

ד ע ר ז ו ן

ניין, פינף מינוט פאַר גיין דאַרף זי וואַרטן דאָ אַנטקעגנאיבער. דאָ. (גייט צום פענסטער).

ד ע ר מ אַ ן

(ציטערט אויף) דאָ אַנטקעגנאיבער?

ד ע ר ז ו ן

וואָס איז דיר דען, פאָטער?

ד ע ר מ אַ ן

אָך, ווי יונג דו ביזט נאָך, דו האָסט געקוקט אויף דיין פאָטער אין דער לעצטער צייט, גערעדט מיט אים און גאָרנישט געזען.

ד ע ר ז ו ן

מיר זענען דאָך פרעמדע אייגנטלעך, וואָס איז דען דאָס פאַר אַ וווּנדער?

ד ע ר מ אַ ן

(נעמט אָן דעם זון ביי ביידע הענט און רעדט פריי) ווי ווונדער־לעך דאָס לעבן איז; וואָס פאַר אַ ביליק טעאַטער עס שפּילט; גראָד דאָ אַקעגנאיבער, מיט צוויי וואָכן צוריק, האָט זיך אָפּגע־שפּילט די שטומע און לעצטע סצענע פון אַ גרויסער איבערלעבונג.

ד ע ר ז ו ן

איך פאַרשטיי דיך נישט.

ד ע ר מ אַ ן

דאָ אַנטקעגנאיבער צווישן אָט די ביימער, האָב איך נאָך עט־לעכע אָוונטן נאָכאַנאַנד א י ר טונקעלע געשטאַלט געזען, דעם שאָטן פון מיין גרויסער איבערלעבונג, וואָס האָט געדויערט אַזוי־פיל טרויעריקע יאָרן. צוליב א י ר האָב איך אַלץ מיט גוואַלט צוריסן.

ד ע ר ז ו ן

דו, פאָטער? דאָ אין דער שטוב ווערט דאָך אַלץ גערעדט, גע־שריגן, נור נישט דאָס, וואָס איז דער אמת.

דער מאַן

זי — אונטן און איך בין אַלע די אַוונטן רויק געזעסן אין שטוב, און זי האָט געזען מיין שאָטן אָפּט אין פענסטער. און עס איז פאַרביי. שפּעטער האָב איך ווי וואַנזיניק געזוכט איר נאָמען אין די כראָניקן — אָבער נישט געפונען. און איצט מוז זי שוין רויק זיין, רויק. אַזוי גייט אַלץ פאַרביי —

דער זון

און דאָ אין שטוב האָט קיינער, קיינער גאָרנישט געאַנט?

דער מאַן

גיין. און איצט, צווישן אָט די זעלבע ביימער קומט צו דיר צוריק, צו מיין זון, דאָס זעלבע, ווי וווּנדערלעך.

דער זון

און איך האָב געמיינט, אַז דיר איז פרעמד דאָס אַלץ, פרעמד. די היסטערישע געשרייען דאָ אין שטוב האָב איך נישט געגלויבט.

דער מאַן

איצט ווערט עס מיר פרעמדער, פרעמדער — שוין קיינמאָל מער וועט דאָס האַרץ מיינס אויפפלאַקערן. דיין פאָטער איז שוין טויט.

דער זון

(קושט אים) נאָך קיינמאָל האָב איך דיך נישט געקושט, ווייל איך האָב א ל י י ן געוואָלט. אפילו דאַן, ווען דו ביזט געלעגן אויף דער ערד, ווען מיין ברודער איז געלעגן טויט נעבן דיר, ווען איך האָב וואַנזיניק אים געקושט און דיך און די מוטער, אפילו דאַן האָט מיך פּלוצלונג עפּעס א שטויס געגעבן פון דיר אַוועק.

דער מאַן

אָבער איצט גיי, דו גיי פון דאַנען, אין גאָרטן.

דער זון

(א וויש מיט די הענט איבערן פּנים, און ניכטער) מיינסטו, אַז עס איז בעסער אַזוי?

דער מאַן

אָבער נישט פריער ווי פונקט ניין זאָלסטו קומען אהער. ביי דער מוטער קען מען דאָך נישט וויסן. אַז מיר וועלן נאָך דאָ זיין

וועלן מיר באַלד אַוועק. זיי דרייסט! וואָס גייט דיך אָן די גאַנצע וועלט.

דער זון

און אויב זי? —

דער מאַן

פאַר איר זײַנען מיר דאָך געוויס פרעמדע מענטשן. זי גייען מיר דאָך געוויס נישט אָן. די מוטער וועט אוועק, זי וועט אוועק, פאַר פרעמדע מענטשן איז זי נישט דרייסט. דו וועסט גיין גלייך מיט איר — אין דיין שטוב.

דער זון

(קושט דעם פאָטער אין קאָפּ, דערלאַנגט אים די האַנט, אָפּ).

דער מאַן

(ער גייט צו צום זייגער, וואָס שטייט אויף דער עטאַ־זשערקע, עס איז האַלב ניין, ער גייט אריין אין קאָרי־דאָר, טוט אָן דעם מאַנטל, גייט צו צום פענסטער, קוקט אַ ווײַלע אַראָפּ, עפּעס ציט צו זיין אויפמערק־זאַמקייט, עפּעס באַמערקט שווידערט אים אויף און ער גייט האַסטיק אַוועק פון פענסטער און פאַרלעשט דאָס ליכט. ווידער דרינגט אריין וואַלצער־מעלאָדיע. שטיל, ווי ער וואָלט עפּעס געגנבעט, פאַרמאַכט ער די פענסטער, לאָזט אַראָפּ די סטאָרן און פאַרציט די פאָרהאַנגען. אין קאָרידאָר הערט זיך אַ האַסטיק עפענען פון טירן.)

די פרוי

(אין אַ גוטער און זינגעוודיקער שטימונג קומט אריין און דרייט אויף דאָס ליכט, דערשרעקט זיך) אַך, ווי דו האָסט מיך דער־שראָקן! וואָס ביזטו עפּעס אַליין אין דער פינסטער געזעסן? יעדע מינדעסטע קלייניקייט, וואָס ער טוט, מוז איבעראַשן. אָבער פינקטלעך, פּינקטלעך, דאָס מוז מען לויבן. אַט אַזוי איז ער געוועזן פאַר — פאַר — אַך, ווי שרעקלעך, שוין גאַנצע 25 יאָרן. גוט, וואָס איך האָב מיך אָן דעם טאָג דערמאָנט. אַן איינזאַמע

פייערונג אזא. גוט וואָס איך האָב געהענקט. יעדע קלייניקייט, וואָס הערמאָנט די פאַרגאַנגענהייט, וועקט עפּעס אויף אַן אַלטן סענטימענט צו דיר. אויך דעמאָלט זענען מיר — דו ווייסט עס דאָך — אין זעלבן טעאַטער געגאַנגען. (גייט צו און קושט אים, הויבט אים אויף פון שטול, לייגט זיינע הענט ארום איר קער־פּער, די הענט זענען ווי טויט). אזוי איז ער. (זי גייט מיט אַן עקל־באַוועגונג פון אים אוועק). נו ענטפער שוין אַ וואָרט, ענטפער שוין!

דער מאַן

דו האָסט דאָך קיין וואָרט נישט געפרעגט, וואָס זאָל איך ענט־פערן? געוויס זענען מיר אויך דעמאָלט אין זעלבן טעאַטער געוועזן. דאַרפסטו מיין באַשטעטיקונג? איך זיץ און איך וואַרט אויף דיר. מער גאָרנישט.

די פרוי

אַך יאָ, די גוטע שטימונג איז שוין ווידער דאָ. נאָך בין איך אַנגעטון, איך קען באַלד ווידער גיין אליין. מען מוז נישט דעם אָונט פאַרברענגען צוזאמען. מען מוז נישט. דאָ אין שטוב בין איך אַ פרעמדע און אַן איבעריקע, אָבער צווישן מענטשן איז עס גאָר אַנדערש, מען וואַרט אויף מיר סיי ווי. איין וואָרט און איך גיי ווידער. אָבער די נשמה איז אַזוי באַליידיקט. קיין איין אָונט זאָל מען נישט קענען זיין צוזאמען, נאָך פינף און צוואַנ־ציק יאָרן. זאָג אליין קאָן דען דאָס לעבן עמיצן מער בינדן, ווי אונז בינדט? געבורט פון קינדער, און אפילו טויט פון קינדער. דו ביזט, דו ביזט שולדיק. נור דו!

דער מאַן

ווערטער יאָגן זיך ביי דיר ווי אין אַ געיעג, שווער דיר צו ענט־פערן. מען ווייסט נישט אויף וואָס. אליין רעדסטו און אליין ענטפערסטו דיר. דאָס זענען די אומגערעכטסטע מענטשן, וואָס רעדן שטענדיק אליין. אָבער, איבעריקע רייד: איך האָב די טע־אַטער־בילעטן, טו דיך איבער און קום. עס איז דאָך שוין שפּעט.

די פרוי

אַך וואָס די בילעטן! אָבער וואָס פאַר אַ וואָרט האָסטו ערשט

אריינגעוואָרפן? עפּעס אַזוינס האָב איך נאָך נישט געהערט. שוין ווידער אַ נייע לעבנס־טעאָריע מיט געריכטע און אומגע־ריכטע מענטשן, און אַלץ איז קעגן מיר. ווען נישט אַט די שפּי־ציקע פּראַזן און גלייכצייטיק די לעבנספרעמדע גלייכגילטיקייט, וואָלט אפשר נאָך ער, נאָך ביז צום היינטיקן טאָג (ווייזט אויף דער שטוב פון זון) געלעבט. (באַלד וואַרגן זי טרערן). אָבער ניין, ניין! טויזנט מאָל האָב איך מיר שוין געשווירן — און די טרערן קומען אַליין. (האָט באַצווינגען דאָס געוויין, אָטעמט שווער). בעסער שווייגן, בעסער גאַנץ שטיל זיין.

דער מאַן

(פּלוצלונג אין אַ געענדערטן טאָן) טעאָריעס האָסטו געזאָגט; ווען זיי וואָלטן מיר בייגעשטאַנען פאַר פינף און צוואַנציק יאָרן וואָלטן אין אָט דער שטוב געוווינט היינט פרעמדע און גליקלעכע מענטשן. וואָלטן אָט די ברעטער דאָ שוין נישט באַשפּריצט געוועזן מיט בלוט פון אַן אַכצניאָריקן, וואָלטן אָט די ווענט שוין נישט גע־וועזן אויסגעהוילט פון די שפּיציקע און שאַרפע ווערטער, וואָס שלאָגן זיך שטענדיק אָפּ אין זיי. (גייט צו צו דער וואַנט) נאַ, זע, אַז איך זאָג אמת, זע ווי זיי שיטן זיך די ווענט, די טויטע, שטיינערנע ווענט האַלטן נישט אויס, אָבער דער מענטש האַלט אויס.

די פרוי

(טריומפירנדיק) אָבער דער מענטש וויל נישט און ווערט ענלעך צו — — זיין אייגן ווייב. שוין ווידער אַן אָנפאַל פון מענער־היסטעריע? אַך, פאַרוואָס אַנטלויף איך נישט אין דער רגע פון אָט דער שטוב? וואָס פאַר אַ כישופקראַפט לאָזט מיך נישט באַלד אין דער ערשטער רגע אַנטלויפן פון דאַנען? און באַלד, אָט באַלד איז שוין צו שפּעט. און די אויגן ברענען ווי פייער. און צווישן מענטשן קענסטו שוין נישט גיין.

דער מאַן

(איז געבליבן ביי דער וואַנט) ווען איך וואָלט נור זיכער געוווּסט, אַז די ווענט האָבן שוין דאָס ערגסטע געזען, אַז זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט זיין עדות פון טרערן מיט בלוט געמישט. עפּעס

טונקעלע אנונג צייטיקט אין מיר. מיט אונזער זון איז עפּעס נישט גוט, הערסטו?

די פרוי

(דערשראָקן פון זיינע רייד, לויפט צו צו אים און האַלט אים די הענט פאַרן מויל) רעד נישט, רעד נישט, דיינע ווערטער זענען ווי קללות. איך האָב אַזוי מורא פאַר דיינע רייד.

דער מאַן

איך זע בלויז קומען אַן אומגליק, דו אָבער ברענגסט עס. — אָבער וואָס ווען דען נוצן די רייד. טו דיך אָן, קום אוועק פון דער שטוב. מיר האָבן דאָך ביידע אַ גלייכע שרעק פאַר איר. קום אַנטלויפן פון איר היינט. זאָל די היינטיקע נאַכט אוועק. זי שרעקט מיך עפּעס מער ווי שטענדיק, אין דרויסן פאַרגייט באַלד די שרעק. פאָלג און קום.

די פרוי

איצט נאָך? נאָך אַזעלכע ווערטער? צוזאַמען?

דער מאַן

פון די קלענסטע סיבות ברענגסטו אַרויס די גרעסטע ווירקונגען. דיך ציט צום אומגליק. באַרויקסט דיך נישט פריער ביז —

די פרוי

ביז דו זאָגסט נישט עטלעכע פון דיינע אמתע ווערטער. ערשט מיט אַ פּאָר מינוט צוריק, די בעסטע שטימונג, די בעסטע פריינט; איך האָב אָבער געפילט, אַז מען דאַרף נישט גיין. נישט פאַר אונז איז זיין צוזאַמען. אפילו אין אַזעלכע געדענקנעכט.

דער מאַן

און ביזט דאָך געקומען.

די פרוי

אַט די גלייכגילטיקייט דיינע צו מיר דערשלאָגט מיך. פאַרוואָס ווילסטו קיינמאָל נישט וויסן, פון וואַנען איך קום? וואָס קען דען אַ מאַן פאַרשטיין, ווי דאָס פייניקט.

דער מאַן

(ווידערווילִיק) אייגנטלעך וויים איך, נור דאָך, ווו ביזטו דען געוועזן?

די פרוי

איצט פרעגסטו און דערצו ווידערוויליק ווי א קינד, וואס מען פייניקט. ווען דו וואלסט אנדערש געווען — ווען דו וואלסט כאטש איינמאל מיט אנגעצונדענעם אינטערעס געפרעגט, ווער זענען זיי, מיינע פריינט.

דער מאן

(געלאנגווייליט, באמיט זיך, קען אבער נישט פארדעקן די גלייבגילטיקייט) יא, ווו ביזטו געווען?

די פרוי

איך וואלט דיר דאך ווידער די קניען געקושט, ווען איך וואלט כאטש איינמאל געזען, אז דו ביזט ווידער מאן צו מיר. אייגנטלעך — א, ווי שרעקלעך דאס איז פאר א פרוי — ביזטו דאך קיינמאל נישט אייפערזיכטיק געווען אויף מיר.

דער מאן

דו קענסט דאך מיך און צווינגסט דאך די פראגן אויף מיינע ליפן ארויף. און אז איך פרעג, ענטפערסטו אלץ איינס נישט.

די פרוי

אזוי פרעגסטו. איך וואלט נישט קיין פרוי געווען, ווען איך וואלט איצט געענטפערט.

דער מאן

צו דעם ביזטו דא אויף דער וועלט — צו פייניקן. ווען איך וואלט מיט אמתער אויפרעגונג געפרעגט ווו דו ביזט געווען, וואלסטו אלץ איינס נישט געענטפערט. דאן וואלסטו מיט טראפנס אייפערזוכט, ווי מיט שווערן גיפט, געפייניקט מיין הארץ, ביז דו וואלסט עס פארפייניקט. מיר איז בעסער אזוי ווי עס איז.

די פרוי

אזוי לעב איך שוין יארן צווישן טאג און נאכט. דערזועלבער קערפער, דערזעלבער גייסט — פאר איינעם איז ער די העכסטע בענקשאפט, פאר איינעם איז ער בלויז עקל. און פארוואס, פארוואס?

דער מאן

דאס זענען אייביקע געזעצן. ווייי דעם, וואס קען זיך צו זיי נישט

צובוינן. איך טראַכט און שווייג, דו טראַכסט נישט און ברענגסט מיט לייכטקייט אַזעלכע ווערטער אויף די ליפּן. און דאָך — אַביסל מוט — און עס קען אַנדערש ווערן.

די פרוי

אַ, ווי דאָס פּייניקט אַ פרוי. דערזעלבער קערפּער, ליגט מער דיר שטענדיק גרייט אין די נעכט, און זעלטן רירסטו אים אפילו מיט ווידערווילן אָן. און אַן אַנדערער גליט און ווערט פאַרברענט.

דער מאַן

ווער צווינגט דיך דען?

די פרוי

דיין שווייגן. עס פאַרבלוטיקט און עס צעטרעט דעם שטאָלץ, צעקרישלט אים. נור ווייל דו שווייגסט. פאַרוואָס פּייניקט עס מיך, פאַרוואָס קען איך נישט שווייגן, ווען דו —

דער מאַן

וויפיל מאָל זאָל איך דיר זאָגן, אַז איך האָב קיינעם נישט מער?

די פרוי

פּלוצלונג די באַהאַלטנקייט. זאַכן, וואָס זענען אַלעמען באַקאַנט.

דער מאַן

וואָס וועלן דען ברענגען די רייד?

די פרוי

אָבער איז זי דען נישט געקומען צו דיר אין דער לעצטער צייט? זוי פּלאַנסטו דען פאַרשווינדן? וואָס פאַר אַן אומרויקייט האָט דיך דען אַרומגעטריבן פון איין ווינקל אין צווייטן אין שטוב?

דער מאַן

(שטרענג און נאָענט ביי דער פרוי) ווער האָט דיר דאָס אַלץ געזאָגט?

די פרוי

(לאַכט) קיינער נישט. אינטואיציע. ווי לאַנג איז זי דען געווען אויף גאַסטראָלן ביי דיר? איצט איז זי, דאַכט זיך, שוין ווידער פאַרשוואונדן. די יונגע פריינדין, די שילערין. ווי סטאַביל דו ביזט דאָך אויסער אַט דער שטוב, עס זענען דאָך שוין מער ווי צען יאָרן אַריבער.

דער מאַן

ווי אַלע ווייבער פון דער וועלט זיצסטו און היטסט די שטוב, היטסט די גאַנצקייט אירע, מעג זי אינעווייניק זיין איין שטיק פּוילעניש. מיט אַלע מיטלען טוסטו עס. עס געלינגט דיר, וואָס ווילסטו נאָך מער? דו וועסט געווים די לעצטע בלייבן דאָ — זיצן אויף אַ קופּע חורבות פון מענטשלעכע לעבנס, מיסט פון מענטשלעכע געפילן. איז דיר נאָך ווייניק? דיין אַריינרייסן זיך אין יענעמס האַרץ האָט דאָך דאָ שוין בלוטיקע שניט געצייטיקט — פאַר זעקס יאָרן.

די פרוי

(דערדריקט פון די רייד) אָ, פאַרוואָס קען איך נישט פאַרשווייגן ווערן? איך ווייס דאָך שוין פון פריער דעם סוף, אָבער איך מוז, איך מוז רעדן. יעדעס וואָרט דיינס דרינגט דורך מיט אַזאַ מוראַדיקער קראַפט צו מיר, אַפילו ווען איך וואָלט מיר די אויערן פאַרשטאָפּט, עס שפּאַלט די דעק פון קאָפּ און דרינגט גלייך אין מוח אַריין.

דער מאַן

אַלע איינס צי דו שווייגסט. דיינע ווערטער קומען פון איעדער באַוועגונג דיינער, דיינע פינגער רעדן, דיינע ברעמען.

די פרוי

אַזאַ ים מיט עקל צו אַ פרוי, ווי, ווי, און איך האַלט עס אויס. נור איין זאַך טרייסט מיך, אַז אויך איך פיל שוין זינט גאַנצע צוואַנציק יאָרן אין טיפן האַרצן גאַרנישט צו דיר. נור אונזער ערשטער זון איז נאָך פון ליבע געבוירן געוואָרן, אָבער דערפאַר דאַרף איך מיך נישט שעמען, איך בין דאָך נאָך אַזוי יונג געווען.

דער מאַן

פלאַטערנדיקע ליבע, וואָס איר פרוכט האָט נישט לענגער אויסגעהאַלטן ווי אַכצן יאָר איבער דער ערד.

די פרוי

דו האָסט אים באַצייטנס פון דער וועלט געטריבן, די קללה, וואָס ליגט אין דיין גאַנצן וועזן. דיינע לאַנגזאַמע ווערטער, וואָס מאַכן אַ מענטשלעך האַרץ לעבעדיק ווי אַ זיפּ.

דער מאַן

דיין בלוט האָט אים אומגעברענגט. עס איז געזאַלצן און הייס ווי טרערן. בלוט פון מענטשן איז זיס־ווייניק ווי יונגע פרוכט, דיינס איז געזאַלצן ווי טרערן. (קערט זיך אָפּ פון איר).

די פרוי

(מיט פאַרדרוס) ביי יעדער געלעגנהייט, אין יעדער שעה פון טאָג, איז ער גרייט מיט פאַרדעקטע ווערטער און מיט שיינע פראַזן צו וואַרפן די שווערע באַשולדיקונג אויף מיר. אַזוי ווי יעדער געמיינער מערדער רוקסטו דיך אַוועק פון דער שווערער באַשול־דיקונג פון דעם מאָרד, וואָס דו האָסט אויסגעפירט! דו האָסט געהרגעט, מיט באַדאַכט און לאַנגזאַם.

דער מאַן

ווי שפּילנדיק דו גייסט צו צו אַ ווונד אין אַ האַרץ, ווי צו אַ קאַץ, וואָס וואַרעמט זיך אין דער זון. (טרערן וואַרגן אים, ער דריקט דאָס פּנים צו דער פינסטערער שויב, מען זעט זיין גע־שמאַלט אין פּראָפיל, מען זעט דאָס צוקן פון דער פּלייצע) אָבער איצט קום שוין, קום. קום אַרויס פון דער שטוב. איך בעט דיך קום, איך האַלט עס לענגער דאָ נישט אויס, אָדער איך גיי אַליין—
(ער גייט אויפגערעגט אויף און אָפּ צו די טירן, צו די פענס־טער, בלייבט האַרכנדיק (אומעטום אַ רגע און גייט ווייטער).

די פרוי

ניין, ניין — איצט גייסטו נישט אַליין. עס איז זינלאָז, איך ווייס עס גוט, אָבער אַזוי און נישט אַנדערש וויל איך. ווייל דו ווילסט מיט אַזעלכע מיטלען זיין היינט אַליין דעם אָוונט — וויל איך נישט.

דער מאַן

ווי גייט דיין אינטואיציע אין דער קרום, היינט גראָד וויל איך, אַז מיר זאָלן צוזאַמען גיין פון דאַנען.

די פרוי

(אומדערוואַרט) אויז איך וויל, אַז היינט זאָל עס אַ סוף נעמען. היינט מוזן מיר זיך דערערדן ביז צום סאַמע שלום. עס מוז, עס מוז נעמען אַ סוף! היינט ווייל עס איז אַ געדענקטאָג.

דער מאַן

נוט. אויב דו ווילסט. און דו ווייסט גאַנץ רויק זיין? ווי עס איז נויטיק אין אַזעלכע אַנטשיידנדיקע מאָמענטן? הייסט עס, אַז ענדלעך איז דער מאָמענט געקומען, נאָך פינף און צוואַנציק יאָרן, ענדלעך געקומען?

די פרוי

איצט בין איך רויק. מענסט די שפּיציקסטע ווערטער געברויכן, זיי וועלן אָפּפּאַלן פון מיר ווי פון שטאָל. אַזוי ווי כעס טליעט און ברעכט אויס אויף אַמאָל, אַזוי איז היינט איבער מיר געקומען די גאַנצע, יאָרן־לאַנג דערשטיקטע, רויקייט.

דער מאַן

גראָד היינט, גראָד איצט?

די פרוי

היינט, איצט.

דער מאַן

ווילסטו אַט איצט אַ מאַכן דעם גרויסן חשבון פון גאַנצן לעבן?

די פרוי

אַט איצט אַ, עס וועט אינטערעסאַנטער זיין ווי אין טעאַטער. דאָרט איז דאָמאַנטישער סענטימענט, דאָ די האַרבעווירקלעכקייט. איך וויל דאָס צווייטע.

דער מאַן

אָבער איצט? (איראָניש) ליינ עס אָפּ אויף איין טאָג, וועט זיין פינף און צוואַנציק יאָרן מיט נאָך איין טאָג. (אַ רגע טראַכטן) איך מוז עס דיר דאָך זאָגן: ער, ער דאַרף באַלד קומען אַהיים. ער האָט מיר היינט אַ סוד פאַרטרויט.

די פרוי

איז ער דאָ געווען? און דו האָסט גאָרנישט געזאָגט?

דער מאַן

איצט זאָג איך דאָך.

די פרוי

דאַן זאָל ער קומען, ווער שטערט אים דען?

דער מאַן

מיר ביידע. ווייל עס פאַרשטיין.

די פרוי

זאָג עס דייטלעך. פלוצלונג די צאַרטקייט און די נישטדערזאָגטע ווערטער —

דער מאַן

ער קומט נישט אַליין אַהער.

די פרוי

אַזוי, אָדער אַנדערש ווערט פון יעדן שטאַרקסטן באַשלוס — שטויב. (טראַכט אַ רגע) איבעריקנס — מיט וועמען קומט ער דאָ אַרויף?

דער מאַן

(בעטנדיק) איך ווייס נישט, עס גייט מיך נישט אָן. מען דאַרף אים דאָך לאָזן לעבן מיט אַן אייגן לעבן. ער וועט אפשר אין זיך באַצווינגען דאָס, וואָס יענער האָט נישט געקענט באַצווינגען. יענער האָט געלעבט מיט אונזער לעבן און זיין סוף איז געווען אַזאַ ווי ער איז געווען. ער איז געשטאָרבן מיט אַ טויט וואָס — וואָס מיר ביידע האָבן אים אַרויפגעצוווּנגען. זאָל דער איצט לעבן מיט זיין אייגן לעבן.

די פרוי

שוין ווידער אַ טעאָריע. פאַרגעס נישט, אַז ער איז נאָך אַ קינד. ער וועט זיך פאַרפלאָנטערן. אָ, וואָס פאַר אַ שרעק באַפאַלט מיך, וואָס פאַר אַ שרעק.

דער מאַן

צווינג נישט דאָס לעבן, אונזערע קינדער אַנטלויפן פון דעם צוואַנג — דו ווייסט דאָך, אַז פון דער שטוב אַנטלויפט מען גור אין טויט אַריין. די שטוב האָט נישט קיין אַנדערן אויסוועג.

די פרוי

אָבער איך מעג דאָך וויסן, מיט וועמען ער קומט דאָ אַהער?

דער מאַן

מיט אַ מיידל קומט ער. עס איז אין אים אַזאַ גרויסע בענקשאַפט. ווען דו וואָלסט עס וויסן, ווען דו וואָלסט עס געקענט פאַרשטיין.

לאָז עס, איך בעט דיך — לאָז עס. איך ווייס נישט ווער זי איז — נור איך פיל ווי דאָס לעבן רייסט זיך, וויל אויסשפרייטן ווידער העלע פליגל איבער אָט דער שטוב.

די פרוי

(איראָניש) ווי שיין עס זינגט זיין מויל, ווען ער דערפילט נור ערגעצווו דעם אָטעם פון אַ פרעמדער פרוי. ווי אויפגעלעבט ער ווערט.

דער מאַן

יענער איז געווען אַ קינד פון אונזער ליבע, שרעקלעכער געמיש אין זיין בלוט. ווי האָט אַזאַ אייביקער שטורם, און דערצו אין אַזאַ קרענקלעכן קערפּער, אַזוי לאַנג אויסגעהאַלטן, ווייס איך נישט. דער איז געבוירן געוואָרן ווי אונזער רעטער, אין זיין בלוט זענען מיר אַנטלאָפן פון דעם האַס, וואָס האָט זיך אַלעמאָל שטאַרקער אין אונז באַזעצט. ער איז אַ קינד פון האַס — ווען ער וואָלט עס געוווסט. מען דאַרף אים לאָזן אַליין, וואָס ווייטער פון אונז, האָב ווייטער, כאָטש אין זיין בלוט זענען מיר. ווער קען דעם צוזאַמענהאַנג? אפשר איז גראָד אין אים דאָ שטאַרקערער לעבנס-ווילן. מען דאַרף אים לאָזן אַליין; דאָס קינד פון האַס.

די פרוי

דו האָסטו עס געזאָגט? האַס? (טרערן פּלאַצן פּלוצלונג פון אירע אויגן) פאַרוואָס האָסטו מיר דאָס וואָרט פריער נישט געזאָגט? קיינמאָל נישט ביז איצט? איך וואָלט עס דאַן אין בויך דערשטיקט — דאָס קינד פון האַס. אַזויפיל ווערטער האָב איך שוין פון אים געהערט, און איצט נאָך דאָס, און ווער ווייסט צי עס איז שוין דאָס ערגסטע. אַלעמאָל עפּעס שרעקלעכערס. אַ, ריים שוין וואָס גיכער פאַנאַנדער אונזער בונד. טו עס דו, ווען איך קען עס נישט טון. דו ביזט דאָך אַ מאַן, דו ביזט דאָך סוף כל סוף אַ שטאַרקער מאַן. איך וועל איינווויליקן, איך וועל איינוויליקן אויף אַלץ, איך שווער עס דיר.

דער מאַן

איך בין אַ ווילנלאָזער מענטש, וואָס ווילסטו פון מיר?

די פרוי

בלויז מיט מיין ווילן געשעט דאך נישט דאס אלץ. מיט אט דער ווילנלאזיקייט דיינער שלעפסטו שוין דאס לעבן אונזערס אזוי לאנג, אזא לעבן פון האס, ווי קענסטו עס אזוי?

דער מאן

ווייב און מאן, אזעלכע ווי מיר, אויף דעם שטראם פון לעבן, זענען ווי שטיקער האלץ אין א פארפלייצונג. דער שטראם טראגט. זעלטן ווען ווארפט ער אויף א ברעג ארויס. א לעבן מיט ליבע דויערט נישט לאנג, ליבע ברענט אויס, פלאקערט אויס, האלט מענטשן לאנג נישט צוזאמען. נור האס האלט מענטשן לאנג צו־זאמען. נור האס, נור דער ווילן אייביק זיך עפעס נאך שארפערס צו זאגן. האס פון מאן און ווייב איז אן א דנא.

די פרוי

אויף די הענט קלעפט ער, דער האס, פלוצלונג דערפיל איך אים שווארץ אין פנים. פארוואס האסטו דאס מיר נאך קיינמאל נישט געזאגט? היינט איז דאך שוין כמעט קיין אויסוועג נישטא.

דער מאן

ליבע איז קלאר און נישט טיף, אבער דער האס איז מוטנע און טיף.

די פרוי

לאמיר גיין פון דאנעט, לאמיר אנטלויפן — איך וועל אים היינט שוין סיי ווי נישט קענען מער קיקן אין פנים אריין. (בויגט אראפ דעם קאפ מיט שרעק צו איר בויך) אט דא איז עס געוואקסן, א שטיק פלייש, זיין זאמען איז געווען האס. און אט איצט איז ער שוין גרויס, גרעסער פון אונז ביידע. ווי שרעקלעך גיך ער וואקסט. דו האסט עס דאך אזוי געזאגט, ליבע איז קליין און פארגענגלעך. אונזער ערשטער איז געווען קליין און קראנק. אבער דער האס איז מעכטיק און גרויס. ווי געוואלטיק איז ער אויס־געוואקסן. ווי שוואך איז יענער געווען.

דער מאן

א קינד פון ליבע. מיר האבן אויסגעצויגן אלץ, אים גארנישט מיט־געגעבן אין לעבן. דאס גליק האבן מיר אויסגעטרונקען, ער איז

געוועזן אַ לײדיקער בעכער. — אָבער איצט לאָמיר שוין לאָזן די ווערטער. קום שוין, נעם דיך שוין צוזאַמען. יעדע רגע דאַרף ער דאָ זיין, ער טאָר אונז דאָ נישט טרעפן. ער איז דאָך אומ־בארעכנט און איך האָב אים צוגעזאָגט.

די פרוי

וואָס שלעפּסטו מיך, לאָזט נישט די געדאַנקען צוזאַמענגעמען. אַ מוטער נעמט דאָס אַנדערש אויף. איך פיל, איך פיל, ווי עס פאַרמעסט זיך ווידער אַ גרויס אומגליק אויף אונז. ווער איז זי? איך מוז דאָך וויסן ווער זי איז. און ווי לאַנג דויערט עס שוין? איך קען דאָך מיין קינד נישט וואַרפן פון דער העלער הויט אין די אָרעמס פון אַ פרעמדער פרוי. וואָס אַ פרוי קען — (מיט אַ זעלבסטזיכערן שמייכל) ווייס איך דאָך בעסער.

דער מאַן

אויף די אַלע געדאַנקען וועט דאָך צייט זיין שפּעטער. עס איז דאָך דער ערשטער שריט — אין לעבן אריין. זעסטו אים דען נישט? פילסטו דען נישט, ווי עפּעס אַ מוראדיקע קראַפט בויגט אים אַלעמאָל מער און מער צו דער ערד? האָסטו דען קיינמאָל נישט באַמערקט ווי ער, דער אַכצניאָריקער האַלט דעם קאָפּ אַזוי געבויגן ווי אַן אַלטער מאַן? עפּעס ווי די ערד וואָלט אים גע־צווינגן. ווי עפּעס אַן אינערע לאַסט, עפּעס אַ באַשטימונג וואָלט אים אַנגעבויגן. מען דאַרף אים לאָזן אויפהויבן דעם קאָפּ, אַנ־דערע מענטשן אַרום זיך דערזען. זאָל ער זיך פאַרליבן שטאַרק און הייס. ער איז דאָך שיין — ער וועט האָבן גליק. ער וועט לעבן. אָ, ווי איך וויל, אַז ער זאָל לעבן. פּלוצלונג באַפאַלט מיך אַזאַ ליבע צו אים. און אין דער לעצטער צייט עפּעס שטאַרקער, ווי שטענדיק.

די פרוי

און יענער שיינער געדאַנק, אַז ער איז אַ קינד פון האַס —

דער מאַן

ווער ווייסט, ווער ווייסט, אַמאָל מישן זיך מיר די ווערטער צו־זאַמען, אַנדערע ווערטער גייען צו צו אַנדערע געדאַנקען. אָבער

וואָס טויגן די רייד, ער איז יונג און ער מוז ליב האָבן. איך אין זיינע יאָרן —

די פרוי

האָסט גערעדט, גערעדט און נישט ווילנדיק שליסט זיך דער קרייז פון דיינע רייד אזוי אומפאַרהאָפט. מיט מיר גאָר — ווי קען ער ליב האָבן, ווען שוין אכצן יאָרן הערט ער אין אָט דער שטוב דיינע ווערטער? איז דען דאָס מעגלעך, אַז די ווערטער האָבן זיך אבסאָלוט אין אים נישט איינגעקריצט?

דער מאַן

ניין, עס איז נישט מעגלעך, פונקט ווי עס איז נישט מעגלעך, אַז דיינע טרערן האָבן זיך נישט איינגעפרעסן אין זיין נשמה.

די פרוי

ווי ברוטאַל דו רעדסט, ווען דו וואָלסט נישט אַזויפיל גערעדט וועגן מיינע טרערן, וואָלט איך נישט אַזויפיל געוויינט. פאַרגעס נישט, אַז זיי זענען די לעצטע רעטונג מיינע. איך בין דאָך אַ פרוי.

דער מאַן

געוויס, עס איז גלייכגילטיק — אָבער דאָך, וואָס קען ער טראַכטן וועגן ליבע ווען ער זעט דיך, זיין מוטער, אזוי זעלטן אין דער היים, און אַלעמאָל הערט ער אַנדערע געמען פון מענער ארום דיר —

די פרוי

וואָס? אייפערזוכט פלוצים?

דער מאַן

ניין. אָבער פאַרוואָס רעדסטו אַזויפיל אין שטוב וועגן דעם?

די פרוי

וואָרף נישט ווידער אַלץ אויף מיר, וויפיל קען איך דען אין איין טאָג דערטראָגן? נישט פון שטוב ווייסט ער עס, וועגן דיר — און אויך וועגן מיר. אין שטוב איז אַ כאָאָס שטענדיק געוועזן. דאָ איז דאָס וואָרט נישט הייליק און נישט אין יעדן וואָרט, וואָס דאָ ווערט גערעדט און געשריגן גלויבט ער. אָבער די גאַס האָט אונז שוין צו גוט אין זינען. זי זעט פון וויטן —

האָט פּערספּעקטיוו. זעט נענויער. און דערצו די שול, יעדעס מאָל, ווען ער פלעגט קומען פון שול, פלעגט ער מיך פאַרוואַרפן מיט פראַגן. ער מער ווי דער עלטערער. די טרערן האָבן גע־שטיקט און טויזנט אויסרייד האָב איך נאָך דערצו געמוזט אויס־זוכן. בעסער וויל איך נישט געדענקען יענע צייט. אַ, וואָס פאַר אַ קראַפט האַלט אונז שוין אַזוי לאַנג צוזאַמען? וואָס פאַר אַ קראַפט?

ד ע ר מ אַ ן

קענסטו דען נישט די קראַפט?

ד י פ ר ו י

שוין ווידער עפּעס אַ וואָרט, ווידער עפּעס אַ שטיין אין סאַמע האַרץ אַריין. נו זאָג עס שוין, זאָג עס שוין גאַנץ אַרויס. עפּעס אַ פאַרשאָלטענע קראַפט ציט מיך צו דיינע ווערטער — ציט זיי פון דיר אַרויס, שיילט זיי אָפּ ביז צום סאַמע זויערן קערן.

ד ע ר מ אַ ן

די קראַפט, וואָס האַלט אונז צוזאַמען? דאָס איז דיין איינרע־דעניש, אַז די קינדער מוזן האָבן אַ היים. שוין לאַנג קיין קינ־דער נישטאָ, אייגנטלעך קיינמאָל נישט געווען. און די איינ־ציקע היים, וואָס מיר קענען געבן די קינדער איז דער פריער טויט. די קילע ערד. (נאָך רויקער און גלייכגילטיקער) אפשר איז דאָס גוט אַזוי. דו האָסט עס געוואָלט! דו! איצט איז עס דייטלעך און קלאָר. ווער איז דער מערדער פון אונזער זון? ווער? קענסטו איין רגע לאָגיש טראַכטן, דאַן טו עס איצט. ווער? (מיט גרויסע און פרעגנדיקע הענט פאַר איר איבעראַשט פּנים) ווער?

ד י פ ר ו י

(שרייט) איך בין אַ פרוי, לאָז אָפּ מיט דער לאָגיק! שווערע שטיינער וואַלגערט ער אויף מיר אַרויף. איך קען עס נישט פאַרטראָגן מער. האָב רחמנות אויף אַ פרוי. (זי נעמט קליידער צום איבערטון זיך אין די הענט און וואַרפט זיי ווידער אַוועק, פאַלט צו מיט געוויין צום טיש און בלייבט אַזוי אָן באַוועגונג).

ד ע ר מ אַ ן

(גייט צו צו איר, פּלוצים צאַרט) אַ גאָט, די זעלבע קראַפט, וואָס צווינגט דיך צו הערן און צו רעדן אָן אַן אויפהער, צווינגט דאָך מיך אויך. נו שוין, שוין, באַרויק דיך, לאָמיר גיכער גיין פון דאַנען, (הויבט אויף די קליידער און לייגט זיי צו איר אויף דעם טיש) טו דיך איבער און לאָמיר גיין, דו וועסט זען, אַז קעגן יעדער דערוואַרטונג וועט זיך די נאַכט נאָך פאַרענדיקן גוט. קום, לאָמיר גיין פון דאַנען. ער איז דאָך פול מיט שטי־מונג. ער וועט קומען און וועט אונז טרעפן, און ער איז דאָך נישט באַרעכנט. מיר דאַרפן אים איצט אַלץ צוליב טון. עס פאַר־פאָלגט מיך עפּעס אַ שרעקלעכער געדאַנק, אַז איצט זענען ביי אים טעג פון קריזיס. פילסטו עס דען נישט אַזוי? איין שריט איצט און דאָס גאַנצע לעבן וועלן מיר עס מער נישט קענען פאַרגעסן.

ד י פ ר ו י

(הויבט אויף דעם קאָפּ) אַ גאָט, דו ווייסט עפּעס מ ע ר פון אים און דו פאַרשווייגסט מיר. פאַר מיר איז ער אַלעמאָל מער רעטעניש. דרייען זיך אַרום דריי פרעמדע מענטשן אין אַ שטוב. נור איך איינע בין אַנדערש צווישן אייך.

ד ע ר מ אַ ן

עס זענען דאָך אַזעלכע אויסגעדראָשענע רייד מיט אָט דעם רע־טעניש. איך האָב היינט מיט אים דאָס ערשטע מאָל גערעדט נאָך אַזאַ לאַנגער צייט. נישט וויכטיק זענען זיינע ווערטער, וויכטיק איז מיין אַנונג. איך ווייס דאָך סוף כל סוף מער פון אים אַליין. אויך דעמאָלט האָט מיך די אַנונג נישט גענאַרט. איך פיל אַן אומגליק קומען און איך פיל מיין מאַכטלאָזיקייט.

ד י פ ר ו י

אָט דאָסזעלבע וויל איך דאָך אויך, אַז דאָס געוויסן זאָל רויק זיין און דאָ ליגט אַזאַ תהום צווישן אונז ביידן. אין אַזעלכע מאָ־מענטן מאַכט ער זיך אויף אַזוי שרעקלעך צווישן אונז. דו רעדסט פון געוויסן און איך פון געוויסן.

דער מאן

און א מענטש, וואָס פאַלט צווישן אַט אַזעלכע צוויי פאַרקערטע געוויסנס מוז פאַלן אין אַפּגרונט אַריין — (קלאַפּן אין דער דרויסן־טיר) הערסטו ווי עס קלאַפּט די טיר? ער קומט דאָך. אָך, און ער קען די טיר נישט עפענען ווייל די שליסלען זענען אין איר, איצט ווייסט ער שוין, אַז מיר זענען דאָ.

די פרוי

(מיטגעריסן מיט זיין שרעק) טאָ פאַרוואָס האָסטו אַזױפיל גע־רעדט? (כאַפּט די קליידער פון טיש און לויפט אין איר שטוב אַריין).

דער מאן

און אפשר איז עס גאָרנישט ער? עס איז דאָך נאָך פרי. איך האָב דאָך די צייט גענוי געהיטן. (אויפן זייגער איז צען מינוט צו גיין).

די פרוי

(שטעקט אַרויס דעם קאָפּ דורך דער טיר) זאָל זיין וועր עס איז, גיי דאָך שוין צו דער טיר. (ציינדט אָן ליכט אין איר שטוב).

דער מאן

(פאַרלעשט דאָס ליכט, גייט לינקס אַרויס) געוויס, געוויס. (מען הערט אים עפענען. ער בלייבט א רגע אין קאָרידאָר).

דער זון

(קומט אַריין, גייט גלייך, א פרוי גייט שווייגנדיק גלייך הינטער אים, ער באַמערקט די טיר פון דער מוטערס שטוב אָפן, קוקט גלייך אויף דער מוטער, די מוטער אָבער אויף דער פרוי, וואָס איז דערווייל אַריין אין דער שטוב פון זון. ער פאַרשליסט מיט א זעץ די טיר הינטער זיך).

דער מאן

אַך, ווי איז מיר פיינלעך געווען, הינטער דער טיר האָב איך באַלד זיין שטים דערקענט. די פרוי מיט אים האָט געשוויגן. איך האָב געעפנט, אָבער די הענט האָב איך געמוזט אויפן פּנים האַלטן, איך האָב דאָך געמוזט זיין בליק אויסמיידן, און אויך איר בליק.

די פרוי

(זי גייט צו צו אים, גאַנץ נאָענט, רעדט שאַרף אָבער שטיל) אָבער איך האָב נישט אויסגעמיטן. א מוטערס האַרץ פירט שטענ־דיק גוט. ווייסטו ווער זי איז? ווייסטו ווער זי איז?

דער מאַן

(נעמט זי אָן בייביידע הענט) ווער?

די פרוי

זי, דיזעלבע!

דער מאַן

ביזטו וואַנזיניק געוואָרן? זי איז דאָך שוין זינט עטלעכע טעג פון שטאָט אוועק. ווי איז דאָס מעגלעך? ווי איז דאָס בכלל מעגלעך? זי קען דאָך די שטוב.

די פרוי

איצט האָט ער זיך אַרויסגערעדט! דו זעסט דאָך, זי איז נאָך נישט אוועקגעפאָרן! עס האָט זיך נאָך נישט אַלץ געענדיקט. (זי צינדט אָן דאָס ליכט. קוקט דעם מאַן גלייך אין פּנים).

דער מאַן

(האַלט דעם קאָפּ אַרומגענומען מיט די הענט) אָבער איצט, איצט קום פון דאַנען. קום!

די פרוי

(מיטגעריסן מיט זיין אויפרעגונג, פון וועלכער ער האַלט זיך קוים אויף די פיס) גוט, קום! גוט!

דער מאַן

(אַפּוועזנד) יאָ, יאָ קום אין קאָמעדיען־טעאַטער.

די פרוי

(מיטפילנדיק) קום אין טעאַטער.

דער מאַן

דאָס ראַד שליסט זיך מיט א געאָמעטרישער פּינקטלעכקייט.

די פרוי

(דערשראָקן) וואָס פאַר א ראָד?

ד ע ר מ א ן

(דערשטוינט) וואָס פאַר א ראָד? איך ווייס נישט.

(זיי לאָזן ברענען דאָס ליכט און גייען).

ד ע ר ז ו ן

(עפנט די טיר, גייט דורך די שטוב, מיט האָס) ענדלעך זענען זיי אַוועק. (גייט דורך מיט פעסטע טריט צו דער אָפענער טיר פון זיין שטוב).

דער צווייטער אַקט

די שטוב פון דער פרוי, רעכטס אַ פענסטער, לינקס אַ טיר. אויף דער מיטל־וואַנט הענגט אַ פּאָרטרעט פון אַ יונגען מענטש, דאָס בילד איז דעקאָרירט מיט טונקעלע בלומען דעקאָרירט. פאַר דעם פּאָרטרעט אַ טיש, אַ שטול און עטלעכע גרויסע ביכער אויף דער בריק, אַלע איבערגעדעקט מיט טונקעלן איבערוואָרף — אימפּראָוויזירטע דריי טרעפּ. אַ גרויס, ברייט בעט מיט אַ קליין טישעלע נעבן אים, אַ באַרג מיט זשורנאַלן אויף דעם טישל. עטלעכע שטולן אין די ווינקלען פון שטוב. ביי דער מיטל־וואַנט רעכטס אַ קליינער שאַנק. אומגעמיטלעך, אומהיימלעך. ווען דער פאָרהאַנג גייט אויף איז די טיר לינקס אָפן אין דער צווייטער שטוב אַריין, די פרוי גייט אַריין און אַרויס און טראָגט אירע אויבערקליידער צוזאַמען.

די פרוי

(אַריין־ און אַרויסגייענדיק פון שטוב רעדט צום מאַן, וואָס געפינט זיך אין דער שטוב לינקס) וואָס פאַר אַ געהיימע קראַפט איז אין דיר, וואָס דו האָסט דאָך אויסגעפירט דיינס.

די פרוי

ווייסטו דען נישט בעסער פון מיר, אַז דאָס איז זי, און קיין

ד י פ ר ו י

און אַז אַפילו נישט, איז וואָס פאַר אַ ווילדקייט אַנטלויפן פון שטוב און איבערלאָזן אַן אכצניעריק קינד מיט אַ דערוואַקסענער פרוי —

ד י פ ר ו י

אָבער לאָז מיך אָפּ מיט די איינרעדענישן, איך ווייס ווירקלעך נישט וואָס פאַר אַ טייוולישער ציל עס שטעקט ווידער אין דעם. דאָס איז זי און קיין אַנדערע. איך קען זי צו גוט.

ד י פ ר ו י

און אין דיין מויל אַזעלכע אומשולדיקע רייד? אַז אַ ייִנגער מענטש פון אכצן יאָר געפינט זיך אין איין צימער עטלעכע שעה נאָכאַנאַנד מיט אַן עלטערער און הערצו (שטאַרק אַקצענטירט) זייער ערפאַרענער פרוי — איז דאָס מיט אַלע, אַלע קאָנסעקווענצן.

ד י פ ר ו י

איז דיין האַרץ באמת בוכשטעבלעך פון שטיין? נאָך האָסטו אין זינען אַזעלכע שפּיציקע פראַגן צו שטעלן? איך ווייס, ווייל איך ווייס, פון וואַנעט — איז מיין זאַך.

ד י פ ר ו י

איך גלויב נישט אין קיין אומשולדיקער ליבע, וואָס פאַר אַ וואָרט ווידער? (זעצט זיך אַ מידע אויף דעם בעט, די הענט פאַרדעקן דאָס פּנים, צעשויבערן נאָך מער דעם קאָפּ).

ד ע ר מ אַ ן

(קומט אַריין) באמת, נור מוטערגעפילן (מיט שאַרפן אַקצענט) איז דיין האַרץ קענען מאַכן פון אַ מענטשן אַ געמיינעם שפּיאָן, וואָס שטעלט זיך אוועק ביי אַ טויער דריי שעה צייט.

ד י פ ר ו י

פאַרוואָס־זשע ביזטו געשטאַנען מיט מיר?

ד ע ר מ אַ ן

דיך איינצוהאַלטן. דו וואָלסט דיך נישט באַצווינגען אַליין און ווער ווייסט, וואָס עס וואָלט נאָך געשען.

די פרוי

אזוי איז עפּעס ערגערס געשען. איך וועל עס מיר קיינמאָל, קיינ־מאָל נישט מוחל זיין.

דער מאַן

דו קענסט אים דאָך גוט און ווייסט, וואָס ער קען פּלוצלונג טון — דו האָסט אים דאָך גוואַלטיק ליב — — אָבער צו רי־זיקירן מיט אים איז דיר אַזוי לייכט, אַזוי לייכט.

די פרוי

פאַרלאָז דיך אויף אַ מוטער, עס וואָלט גאָרנישט געשען. איצט אָבער איז שוין צו שפּעט, צו שפּעט.

דער מאַן

וואָס איז צו שפּעט?

די פרוי

(מיט סאַטיספאַקציע) זי איז דאָך שוין מיט צען יאָרן צוריק קראַנק געוועזן, ווער ווייסט וואָס עס איז מיט איר איצט, נאָך אַזאַ באַוועגט לעבן —

דער מאַן

וואָרט אין וואָרט דאַסזעלבע, ווי פאַר צען יאָרן. דעמאָלט האָסטו עס אויסגעטראַכט און געהאַלטן זיך אָן דעם מיט פאַרביסענער קראַפט, און היינט ווידער דאַסזעלבע.

די פרוי

איך האָב געוווסט וואָס איך רעד —

דער מאַן

ביזטו אין דיין ליבע אויך אַזוי איינטאָניק און לאַנגווייליק ווי אין דיין האַס?

די פרוי

האָסטו שוין פאַרגעסן? ווי לאַנג איז עס דען, אַז יעדעס מינ־דעסטע שלעכטע וואָרט מיינס האָט דיך נור אין טויט אַריינ־געצווינגן. ווי אַ קינד, האַרט ביי דעם ראַנד פון אַ טויט־אָפּגרונט ביזטו שטענדיק געוועזן. ווי לאַנג איז עס דען?

דער מאַן

איך שעם מיך נישט דערמיט. אָבער וויפיל צאַרטקייט געהערט

דערצו אַט דעם אָפּגרונט טאָג איין, טאָג אויס צו דערמאָנען.

די פרוי

פּיעטעט האָב איך פון דיר געלערנט, קיין צווייפל אין דעם.

דער מאַן

(פאַרהאַרכט זיך אָנגעשטרענגט) דו, מיר דאַכט זיך, אַז עמיץ גייט. קיינער קען עס דאָך נישט זיין, חוץ אים.

די פרוי

אַך, ווי דאַרף איך קראַפט איצט און ווי בין איך אַליין. (קוקט זיך הילפלאָז אַרום, פאַלט צו צו די טרעפּ פאַרן בילד) נעם מיך צו דיר, צו דיר — דו ביזט דאָך דער איינציקער צייכן נאָך פון עפּעס שענערס אין אַט דער שטוב. דיך האָט מען נישט אין שטויב געוואַלגערט דאָ. נעם מיך צו דיר! (שטייט אויף, שטרעקט אויס דעם האַלז צום מאַן) שיק מיך צו אים, צו אים! (לייגט זיינע הענט אויף איר האַלז אַרויף) טו עס, טו עס — איך בעט דיך, טו עס שוין! איך מיין עס ערנסט, ערנסט, איך שווער דיר ביי אים, אַז איך מיין עס ערנסט. עס וועט קיינער, קיינער נישט געוואָר ווערן. (היסטעריע קומט איבער איר) טו עס איצט, טו עס איידער ער קומט אַריין, איך שרעק מיך איצט פאַר אים. (קושט אים די הענט) טו עס, האָב רחמנות אויף מיר!

דער מאַן

זיי דאָך שטילער, שטילער. גוט, וואָס מיר זענען איצט דאָ ביידע. לאָמיר אויסמיידן אַ באַגעגניש מיט אים היינט. (גייט צו צו דער טיר און וויל זי פאַרשפּאַרן).

דער זון

(איידער עס געלינגט דעם מאַן די טיר צו פאַרשפּאַרן עפנט זי דער זון און גייט אַריין. דעם מאַנטל נישט אויסגעטון, זעצט ער זיך אויף אַ שטול) אַזוי אייביק, אַזוי אייביק, וואָס דאָס באַטייט פאַר אַ זון צו זען אין גאַס ווי מענטשן שטעלן זיך אָפּ און הערן זיך איין, ווי פאָטער און מוטער קריגן זיך, דאָס קען נור דער פאַרשטיין, וואָס האָט עס איבערגעלעבט.

ד י פ ר ו י

אַזוי ווערט מען געוואָרגן, געוואָרגן. די טרערן באַגעגענען גע־
לעכטער אין שטוב און דאָס געשריי, דאָס איינציקע, וואָס איז
דער נשמה נאָך געבליבן — אַ צוזאַמענלויף אויף דער גאַס.
צווישן אַלע, אַלע (גייט צו נעענטער צום בילד) איז בלויז ער איי־
נער, וואָס לאָזט מיך נאָך רויק וויינען, וויינען, וויינען.

ד ע ר ז ו ן

(בייז) לאָז אים איצט צו רו, מוטער! ווייסטו דען נישט, אַז ער
איז נור דערפאַר פון דער וועלט געגאַנגען, ווייל ער האָט די
וועכטער און דאָס געשריי און די טרערן פון אָט דער שטוב נישט
לענגער פאַרטראָגן.

ד י פ ר ו י

(מיט טעאַטראַלישן זשעסט) איך בעט דיך, איך בעט דיך, נור
דאָס איינע, נור אים נעם נישט צו פון מיר. דאָס איז דאָך שוין
דאָס לעצטע איינציקע ביי אַן איינזאַמער פרוי.

ד ע ר מ אַ ן

דאָס איינציקע און דאָס באַקוועמסטע פאַר דיר, דער איינצי־
קער מענטש, ביי וועלכן דו קענסט שטענדיק בלייבן אינגאַנצן
גערעכט.

ד י פ ר ו י

אַ גרויל גייט איבערן לייב, ווי ער רעדט, ווי שטעלט ער זיך
פאַר גאָרנישט מער אָפּ.

ד ע ר מ אַ ן

טאָר איך דען נישט זאָגן דאָס, וואָס איז?

ד י פ ר ו י

איצט איז עס אָבער גלייכגילטיק, עס זענען וויכטיקערע זאַכן
דאָ, ווי די אַלטעגלעכע רייד. היינט מוז קומען די אַנטשיידונג.
היינט! א י ך וויל לענגער נישט וואַרטן. (צום זון) דו!

ד ע ר ז ו ן

(וויל גיין) איך בין מיד, מיר איז היינט גוט — איין טאָג גוט.
לאָז מיך היינט.

דער מאַן

לאָז עס אויף מאָרגן, עס איז דאָך באמת צו שפּעט.

די פרוי

אין דעם גייט עס דאָך, אפשר איז דאָך נישט צו שפּעט.

דער מאַן

(אַנטשלאָפן צום זון) גיי אין דיין צימער.

די פרוי

הײַנט וועט עס דיר נישט געלינגען, הײַנט וועל איך אויספירן, וואָס איך האָב באַשלאָסן.

דער מאַן

זע, ווען איך שווײַג הײַנט — מעגסטו דאָך אויך. לערן זיך שווײַגן, איינמאָל טו עס! פּרוביר עס אויס.

די פרוי

(פאַרמאַכט די טיר) מען וועט נישט הערן, מען וועט אין ערגעץ נישט הערן. אַט איצט איז גוט, אַט איצט זענען מיר אַלע צו־זאַמען, אַלע — (קוקט אויף דעם בילד) הײַנט האָבן מיר זיך אַלע עפּעס צו זאָגן. אַזעלכע טעג טאָר מען נישט שווײַגנדיק פאַרענדיקן. (צערטלעך) זון מײַנער, מײַנער דו — איך וויל דיך עפּעס פרעגן.

דער זון

און איך וועל דיר אויף גאָרנישט ענטפערן.

די פרוי

איך האָב צײַט, און דו וועסט שוין ענטפערן. גלויבסטו, אַז איך וועל דיך פּײַניקן בלויז. געדענק, וואָס איך זאָג דיר דאָ דאָס אַלץ איז טיפער ווי דיר דאַכט זיך. נישט אַלץ ווייסטו נאָך. דו וועסט הײַנט פיל געוואָר ווערן. איך איבערטרײַב נישט. און אַז דו וועסט נישט ענטפערן, וועל איך רעדן אַליין, איך האָב דאָך דיר צו זאָגן — דו מיר ווײַניקער. ווייסטו פאַרוואָס איך און דײַן פאָטער, פאַרוואָס מיר לעבן צוזאַמען? ווייסטו עס? האָסטו אַמאָל איבער דעם געטראַכט?

דער זון

מען הערט עס דאָך דאָ הונדערט מאָל אַלע טאָג. איך קען עס

דאָך שוין פון דער סאַמע קינדהייט אָן: נו צוליב אונז, איצט צוליב מיר.

די פרוי

יאָ, צוליב דיר; אז דו וועסט קענען אַמאָל לעבן מיט אַ זעלבּ־שטענדיק לעבן, וועלן מיר אויך פריי ווערן פון אַ ווילדן קאָשמאַר, וואָס פּייניקט אונז שוין זינט 25 יאָרן.

דער מאַן

אין אַ שטוב, ווו דער איינציקער גאַסט איז דער טויט און דער געדאַנק וועגן אים; שווער צו גלויבן.

דער זון

אָבער צו וואָס מוז איך עס היינט נאָך מיטערנאַכט הערן, צום צענטויזנט און ערשטן מאָל?

דער מאַן

ווייל היינט האָסטו געהאַט אַן אַנדערן טאָג, ווי אַלע איבעריקע טעג. אפשר אַ (דערמאָנט זיך עפּעס, עס שווינדערט אים שטיל) גליקלעכן טאָג. מוז מען דיר דעם בעכער פון גליק אפּירנעמען פון די ליפּן.

די פרוי

(שטאַרק) ווייל דו שטייסט, מיין קינד, פאַר גרויסע אַנטשייד־דונגען, צו וועלכע אַ פילנדיק האַרץ פון אַ מוטער קען נישט גלייכגילטיק זיין. (צום מאַן, וואָס בעט מיט די אויגן און מיט די הענט אויפצוהערן) דאָס אַלץ רירט מיך נישט. מיט דיין גלייכגילטיקייט וועסטו אויך אים פאַרפירן און — (מאַכט אַ באַוועגונג מיט די הענט צו דער ערד, אָבער ברעכט דאָס וואָרט נישט אַרויס) קלאָר און דייטלעך, איך מוז עס באַלד זאָגן, ווייל ער וויל מיך שוין שטום מאַכן. קענסטו די פרוי, מיט וועלכער דו — — — ביסט היינט — קענסטו זי?

דער זון

(שווייגט אַ ווייל מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. פּלוצלונג הויבט ער אים אויף שטאָלץ) עס איז אַ טרויעריק, אַזאַ טרויעריק מיידל. עס איז מיר גוט מיט איר. וואָס דאַרף איך זי מער קענען? און

איבריקנס, וואָס גייט עס דיך אָן, וואָס גייט עס אייך בכלל אָן, עס איז מיין זאַך, איך בין שוין גענוג דערוואַקסן.

די פרוי

ווי אַנדערש, אַנדערש האָב איך מיר אויסגעמאָלט דעם מאָמענט, ווען איר, קינדער — (מיט ווייי) ווען דו וועסט מיר אַמאָל זאָגן, אַז דו ביזט גרייט צו גיין פון איצט אָן אין לעבן אַליין. אָט האָסטו מיר געזאָגט, און ווי אַזוי, ווי אַזוי! און דו ווייסט דאָך נאָך לאַנג נישט אַלץ, איך זאָג עס דיר, אַז דו ווייסט נאָך גאָרנישט. אַזאַ לאַנג, אַזאַ שווער לעבן האָט מען דאָך נור אויף דעם מאָמענט געוואַרט. הער מיין זון, דו ביזט דאָך נאָך יינג אַזוי, דו ביזט דאָך ערשט אכצן יאָר אַלט, הער מיך אויס.

דער זון

נישט די ציפער פון יאָרן איז וויכטיק, נור די ערפאַרונג. איך ווייס שוין גוט, וואָס מאַן איז און וואָס ווייב איז. ווי אַ סאָלדאַט ביי ווילדע פעלקער צו קריג, אַזוי האָט מיך די שטוב פון קינדהייט אָן צו דעם, און נור צו דעם, צוגעגרייט.

דער מאַן

די כוואַליע גייט צוריק פון ברעג.

די פרוי

אויב נאָך היינט וועט בלייבן אַלץ ווי געוועזן דאַן זאָל זי אַלץ אוועקשווענקען. הער, ווייסטו ווי אַלט דיין טרויעריק מיידל איז? אין די יאָרן האָט מען נישט מער קיין גרונט צו זיין פריילעך. זי איז שוין גענוג פריילעך געוועזן. ווייסטו, אַז איך, דיין מוטער, קען זי שוין זינט פיל יאָרן, ווייסטו, אַז איך, דיין מוטער, האָב מיך שוין אין לעבן מיט איר צוזאַמענגעטראָפן?

דער זון

(אַ רגע פאַרטראַכט) יאָ? — אָבער וואָס קאָן דאָס מיר זיין אינטערעסאַנט? צו אַזאַ האָב איך געבענקט און זי איז אַזאַ. זי בינדט זיך מיט קיינעם נישט — און איך וויל עס אויך נישט טון אין לעבן. איך האָב דאָך ערפאַרונג — —

די פרוי

אזוי הויבט זיך עס שטענדיק אָן. מיט אַ דער פרייהייט און, און — אויסגעלאסנקייט בינדט אַן עלטערע פרוי אַ ייִנגען מענטש צו זיך און דאַן האַלט זי אים שוין פעסט אין די הענט אַ לעבן לאַנג. ווי אַ שפּין. נישט אויף אַזעלכע הענט וויל דיך דיין מוטער איבערלאָזן און געווים נישט אויף די הענט. דו הערסט: געווים נישט אויף די הענט.

דער זון

(מיט צער) מוטער, מוטער! וואָלסטו דען הערלאָזט, אַז מען זאָל אין דיין איבערלעבונג אַזוי אַרומגראַבלען? דאָס צוזאַמענלעבן מיט אייך האָט נישט פיל בושה־געפילן, האָט בכלל נישט פיל צאַרטע געפילן אין מיר איבערגעלאָזט, אָבער דאָך הער אויף צו רעדן.

דער מאַן

אויף היינט איז גענוג. דו זעסט דאָך אין וואָס עס גייט. ער איז נישט גלייכגילטיק — צו —

די פרוי

(מיט טריומף) וואָס — צו וועמען?

דער מאַן

צו דער פרוי, וואָס איז דאָ היינט געוועזן.

די פרוי

איך ווייס, וואָס איך טו, אַזעלכע פרישע וווּנדן מוז מען באַלד איבערברענען, איידער זיי ווערן אייטערדיק און קראַנק, איידער ליבע קומט.

דער מאַן

פּלוצלונג אַ טעאַריע — מיין ראַלע.

די פרוי

דו האָסט פריער געזאָגט, אַז זי בינדט זיך מיט קיינעם נישט. ווייסטו ווער דאָס טוט? דער וואָס פאַרקויפט זיין ליבע — אָדער וויל זי פאַרקויפן. די פאָרמען זענען דאָ גלייכגילטיק. אַ — גאַסן —

ד ע ר ז ו ן

(האַלט זיך צו די אויערן מיט אַ פאַרצווייפלטער באַוועגונג) שטי־לער!

ד י פ ר ו י

איך האָב אַ רעכט אַזוי צו זאָגן. איך בין אַ מוטער — און אין דעם פאַל נאָך עפּעס מער. (שרייט) עפּעס מער!

ד ע ר מ אַ ן

און איצט האָסטו אַ קליין און אַ נישטיק געפיל געבראַכט צו אַ גרויסער און אומגעריכטער עקספּלאָזיע. אָט פון דער רגע אָן האָט ער זי ליב געוואַלטיק און שטאַרק. אָט פון דער רגע אָן האָסטו אים — אומגליקלעך געמאַכט.

ד י פ ר ו י

(שטופּט אָפּ דעם מאַן) אַך, וואָס — דיינע רייד אין דער איצ־טיקער רגע. שאַרפער, קלערער, דייטלעכער! איז זי שוין דיינע געוועזן? דיינע? שוין? דו ווייסט דאָך, וואָס איך מיין —

ד ע ר מ אַ ן

ווייסטו דען נישט? זעסטו דען נישט? פאַרשטייסטו דען נישט אַליין?

ד י פ ר ו י

נו זע, מיין זון, אין דעם גייט עס דאָך איינגאַנצן, איך וויל דיך דאָך פאַרהיטן פאַר אַ גרעסער אומגליק. דו ביזט דאָך פאָרט נאָך אַ קינד, דו ווייסט דאָך פאָרט נאָך פון גאָרנישט. (פּלוצלונג צאַרט, מיט זיין קאָפּ אין אירע הענט) נו זאָג, זאָג, נו וויין דיך אויס —

ד ע ר מ אַ ן

ביזטו דען איינגאַנצן וואַנזיניק? דו האָסט אַ לאַווינע אַ שטויס געטון —

ד י פ ר ו י

(מיט שטעכיקער איראָניע) אָ, ווי שיין! אַ ווי שיין געזאָגט! מיר אָבער ליגט גאָר עפּעס אַנדערש אין זינען. (צום זון) נו רעד, רעד, וויין.

ד ע ר ז ו ן

(ער זעצט זיך אויף דעם בעט) מוטער, מוטער — דו האָסט דאָך

שטענדיק דייגע צערטלעכקייטן מיט טרערן באַגלייט, איעדער קוש דיינער איז דאָך געווען מיט טרערן געזאַלצן. פון קינדווייז אָן, ווען איך פלעג דיך צוריקקושן זענען געזאַלצענע טרערן געווען אויף דיין פּנים. און די — איז בלויז טרויעריק געווען. איך האָב אין איר אויך אַ מוטער געפילט, אָבער אַ מוטער, וואָס וויינט נישט. ווי גוט דאָס איז געווען פילן נעבן זיך אַ מוטער, וואָס וויינט נישט. און איר קערפּער איז וואַרעם געווען און מוטערלעך אַזוי, און איך בין דאָך שטענדיק איינער, איינער אַליין אויף דער וועלט. (ער פאַרדעקט זיין פּנים מיט ביידע הענט) און איך האָב איר געזאָגט פון מיין איינזאַמקייט. איז זי באַלד צו מיר געקומען. אַליין. און דאָ האָט זי איר העמד אויף דער ברוסט אויפגעריסן און אירע בריסט צוזאַמענגעדריקט און זיי מיר צו די ליפּן געגעבן און געזאָגט — אַזוי וועלן מיר צוזאַמען זיין. נו ביזט נאָך איינזאַם? בין איך אַוועקגעגאַנגען פון איר, וויל איך האָב מיך געשעמט, וויל מיין לייב האָט געגליט און געציטערט, און צום פענסטער האָב איך מיין פּנים געדריקט און דאַן האָב איך אין פענסטערס אַפשיין זי באַלד נאַקעט געזען און דאַן איז דאָס צימער טונקל געוואָרן —

די פרוי

(צום מאַן מיט אַ צווײדײטיקן זשעסט, דער זון האַלט די אויגן פאַרדעקט) הערסטו? הערסטו עס דייטלעך? לאָזט עס דיך קאַלט?

דער מאַן

בייזע פרוי. שלעפערסט אים לאַנגזאַם איין, כדי אים אין שלאָף אומצוברענגען.

דער זון

און דאַן האָט זי קיין איינציק וואָרט מער נישט גערעדט, און נישט געוויינט.

דער מאַן

(פאַרטראַכט) זי האָט נישט געוויינט?

די פרוי

(צום מאַן) אַזעלכע וויינען נישט. (צום זון) און — (זי גלעט אים, רעדט רויק און אירע ליפּן צוקן) עס איז געשען, אינגאַנצן?

דער זון

(מיט אויפגערעקטע אויגן) אזוי פילט א בלום, ווען זי איז איינגאנצן רייף געוואָרן און דערפילט אויף איינמאָל דעם קוש פון דער זון אין איר אָפן און פארביק פנים.

די פרוי

(זי האלט א פלוצלונגע באוועגונג צוריק און באצווינגט זיך ווייטער) און — זי איז דאָך שוין א רייפע, רייפע פרוי געוועזן? דו פארשטייסט דאָך, וואָס איך מיין —

דער זון

וואָס פייניקסטו דו מיט אזא ברוטאלער פראגע — זי איז אזוי גוט, אזוי גוט צו מיר געוועזן.

די פרוי

(לאָזט אים פלוצלונג אָפּ) עס — עקלט — מיך — פון — דיר!

דער זון

(פארלוירן) וואָס איז געשען?

די פרוי

אָבער נישט דאָס איז וויכטיק. וויכטיק איז געוועזן דער גאנצער, דער גאנצער אמת. איצט האָב איך אים.

דער זון

(ווילנלאָז) אָבער וואָס זאָל איך דען איצט טון?

די פרוי

איצט דאַרף איך טון. אוועק פון דער פרוי! דאָס דאַרפסטו איצט טון, דאָס וועסטו איצט טון.

דער זון

אָבער מוטער! מיך ציט איצט אזוי צו איר. אָבער מוטער, רעד מער קיין וואָרט נישט וועגן איר. באַליידיק זי נישט. ערשט האָט זי מיר דאָך דאָס ערשטע און דאָס גרעסטע גליק געגעבן פון מיין טרויעריק לעבן. נישט דו, מיין מוטער, האָסט עס מיר געגעבן, נור זי. נור זי —

דער מאַן

מיט עטלעכע מינוטן פריער וואָלט ער שטיל אין אַלץ פארגעסן — איינגעשלאָפן בארויקט. און מיט אים וואָלט איינגעשלאָפן דאָס

געפיל. איצט איז ער וווּנדיק. לאָז אים שוין איצט.

די פרוי

דו אומגליקלעך גלייכגילטיקער מענטש, ווייסטו דען נישט אין וואָס דאָ גייט?

דער מאַן

אָך, ווען איך וואָלט געקאָנט איינמאָל אין לעבן, איצט כאָטש אַגנווענדן רויע קראַפט. איצט כאָטש — דאָס ערשטע מאָל אין לעבן. ווען עס איז געגאַנגען בלויז אין מיר, האָב איך געמעגט זיין גלייכגילטיק, אָבער איצט גייט עס דאָך נישט מער אין מיר, און אָט ציסטו אוים ברייטער און ברייטער דעם ווילדן קרייז פון אומגליק וואָס גייט מיט מיט דיר. און איך בין מאַכטלאָז. (זיינע הענט פאַרמאַכן זיך האַרט צו פויסטן אָבער ער רייסט זיי פונאַנדער) אָ, ווען איך וואָלט דיר געקענט דאָס מויל פאַרמאַכן, נור דאָס און נישט מער. — איך בעט דיך, איך פאָדער פון דיר, איך באַפעל דיר, האַלט איצט צו דאָס מויל! עס גייט דאָך אין אים, אין דיין, אין אונזער לעצטן זון!

די פרוי

(דווקא רויק) גלויב אים נישט, מיין זון, יאָ, מיין לעצטער זון — נישט אין דיר גייט עס אים. דעריבער וויל ער, אַז איך זאָל איצט שווייגן. זאָל ער מיר קוקן גלייך אין פּנים אַריין און זאָל ער מיר גלייך אין פּנים לייקענען, אויב ער קען, אויב ער קען — אָבער אַזוי געמיין איז ער דאָך נאָך נישט.

דער זון

אָך, וואָס וואַרט מיך נאָך היינט. דאָ ביי אייך אין שטוב קען אַ דערוואַקסענער מער נישט אויסהאַלטן. (היסטעריע קומט איבער אים) פאַרוואָס האָט איר מיך נישט פון דאַנעט אַרויסגעוואָרפן ווי אַ הונט? ווי אַ חיה וואַרפט אירע קינדער אַוועק, ווען זיי ווערן רייף. פאַרוואָס האָט איר מיר נישט געזאָגט, אַז דאָ קען מען נישט לענגער לעבן ווי אַכצן יאָר? איר האָט עס דאָך געוווּסט. פאַרוואָס האָט איר מיר קיינמאָל נישט געזאָגט, פאַרוואָס י ע נ ע ר איז געשטאָרבן? פאַרוואָס האָט איר מיר קיינמאָל נישט דעם גאַנצן אמת געזאָגט? וואָלט איך זיינע וועגן אויסגעמיטן.

ד ע ר מ אַ ן

מיר האָבן אַ סך געוווּסט, אָבער דער גאַנצן אמת — ווער ווייסט אים.

ד י פ ר ו י

(צופרידן) איך בין דאָך דיין מוטער און איצט איז מיין צייט געקומען. איצט איז אפשר דער דערהויבנסטער מאָמענט אין מיין לעבן. איך וויל דאָך, אַז דו זאָלסט גיין אויף גאַנץ אַנדערע וועגן. איך וויל דאָך, אַז דו זאָלסט דערקענען אמתע ליבע. מיר זענען צוויי באַזונדערע מענטשן געווען, איך האָב אַ קינד פון ליבע געבוירן און באַלד איז די ליבע געשטאָרבן. און יאָרן זענען אַוועק און אויך ער איז געשטאָרבן.

ד ע ר ז ו ן

אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס?

ד י פ ר ו י

היינט וועסטו געוואָר ווערן, היינט וועסטו אַלץ געוואָר ווערן. היינט ביזטו אַרויף אויף דיין אייגענעם וועג, איך האָב עס מיר אפילו אַנדערש פאָרגעשטעלט, אָבער זאָל שוין זיין אַזוי.

ד ע ר מ אַ ן

וואָס זענען דאָס פאַר אַ רייד און וואוהין צילן זיי? (פעסט צום זון) איצט דאַרף עס נעמען אַן עק, איצט, אָדער קיינמאָל נישט. נעם דיך צוזאַמען און קום אינגאַנצן אויף היינט ביינאַכט אַוועק פון דאַנעט. קום אַוועק!

ד י פ ר ו י

ווען דו וואָלסט געוווּסט אין וואָס אים גייט, אָך ווען דו וואָלסט געוווּסט. ער וויל דיך פאַרשלעפּן. ער וויל נאָך ווייטער אַרומגיין מיט דער אוירעאָלע פון אַ פאָטער, אַ מאַרטירער אין דיינע אויגן, שעמט זיך נישט, שעמט זיך גאָך נישט.

ד ע ר ז ו ן

(קוקט איר גלייך אין פּנים) וואָס איז דען דאָס פאַר אַ וואָרט, מיט וועלכן דו פייניקסט שוין אַ גאַנצן אָוונט? נו זע, פאָטער, ווי קען איך איצט גיין פון דאַנעט? איך בין דאָך שוין אינגאַנצן צוטרעטן היינט. איך מוז דאָך וויסן, וואָס די מוטער האָט מיר

צו זאגן. איך האב דאך קיין טעות נישט. עס גייט דאך ווענן — יענער.

דער מאן

נישט נור א מענטשלעכן שארבן פון אן אכצניעריקן, נור אפילו אן אייזערנעם שארבן, וואלט די פרוי געקענט צעבויגן, אויפברעכן און דעם מוח צומישן.

די פרוי

(שמייכלט) יא, יא, דו הערסט דאך, דיין מוטער איז א מערדע־רין, נישט אנדערש ווי א מערדערין. (צארט) אט דא אויף דיין מוטערס בעט יוו דו האסט דערזען דאס ליכט פון לעבן, דא וועסטו אויך דערהערן דעם אמת פון לעבן. דא אויף דעם בעט איז געבוירן געווארן דער געדאנק ווענן דיר. דא זיצסטו איצט (זי לאשטשעט זיך צו אים) א מעכטיקער, א גרויסער א דערוואקסענער. עס איז אמת, אז אין מיין געדאנק ביזטו צוערשט געבוירן גע־ווארן. דו האסט עס ווידער געדארפט ברענגען ליכט אין אט דער פינסטערער שטוב, דיין היים. גוטער ווילן איז געווען אין מיר. א, ווי שווער ביזטו געקומען אויף דער וועלט, דו ביזט דאך אזוי גרויס געווען, און שיין זעקס יארן האב איך האן קיין קינדער נישט געהאט. אבער דיר איז באשערט געווען דיין באשטימונג נישט אויסצופירן. פאר דיר ביזטו דא, פאר דיר אליין.

דער זון

(פינסטער) דאן בין איך דאך איבעריק געווען, דאס גאנצע לעבן איבעריק. פארוואס האט איר עס מיר אזוי דייטלעך, ווי היינט, קיינמאל נישט געזאגט? א, וואס פאר א בושה איצט נאך, נאך אט די ווערטער, ווייטער צו לעבן.

דער מאן

(נעמט שארף אן דעם זון פאר דער האנט) קום מיט מיר! אדער איך גיי אליין. איך וויל דא לענגער קיין איין רגע נישט בלייבן. איך וויים דאך צו געגוי צו וואס דאס וועט דערפירן.

די פרוי

דעריבער וויל ער טאקע גיין, ווייל ער ווייסט צו ג ע נ ו י. — דו אבער יועסט בלייבן מיט מיר. זאל ער גיין.

ד ע ר ז ו ן

(צום פֿאָטער) קען איך דען איצט, איצט נאָך גיין?

ד ע ר מ א ן

(פֿאַרצווייפֿלטע באַוועגונג מיט דער האַנט ווי איבער אַ פֿאַר־פֿאַלענער זאַך, ער גייט אַרויס פֿון שטוב — אין אַ רגע הערט מען זיין קלאַפּ מיט דער טיר).

ד י פ ר ו י

בעסער האָט ער גאָרנישט געקענט טון איצט, ווי גיין. איצט זענען מיר אינגאַנצן פֿריי, הער: נישט דו ביזט שולדיק אין דעם וואָס אין דער שטוב געשעט און איז געשען. דאָס זענען (גע־צוווּנגען). מ י ר שולדיק אַנטקעגן דיר. און אַז איך האָב דיר דאָס לעבן געגעבן, וויל איך דיר אויך געבן איצט דעם נויטיקן אמת דערצו. איצט וועסטו געוואָר ווערן דעם אמת וועגן דיין ברודער, אַז ער איז געשטאָרבן, ביזטו נאָך גאַנץ יונג געווען. אין יענער פֿינצטערער רגע ביזטו נישט געווען אין דער היים. שפּעטער זענען בלויז אומדייטלעכע ווערטער וועגן דעם געפֿאַלן. אין דער שטוב רעדט מען וועגן זאַכן, אָדער צו דייטלעך, אָדער צו פֿאַר־נעפּלט. ווייסט דו פֿאַרוואָס ער איז געשטאָרבן? ער האָט נישט געקאָנט לעבן. מער נישט, ווי דאָס. איך וועל עס טויזנט מאָל שרייען. אָבער עס זענען געווען אויסערע סיבות אויך. עס איז אין אים געווען אַן אומגעשטילטע בענקשאַפֿט צו לעבן מיט פֿרויען. וואָלט ער אָבער אויף דעם וועג נישט געמאַכט דעם ערשטן שריט, וואָלטן די אַנדערע אויך נישט געקומען. וואָלט אפֿשר דאָס אַליין נישט געקומען. און דאָ איז שולדיק דער פֿאָטער. ער האָט אים געזען זינקען, זינקען אַלעמאָל טיפֿער און טיפֿער, און האָט געשוויגן. איצט קען איך עס דיר זאָגן, ווייל איצט פֿאַרשטיי איך אַליין. דער פֿאָטער איז צופֿיל געווען פֿאַרנומען מיט זיך, מיט זיין אייגן האַרץ, יאָ אַזוי איז עס, און צו זען אַ האַרץ פֿון אַ קינד איז אים שוין נישט געבליבן קיין צייט. ביז דיין ברודער איז קראַנק געוואָרן — און אין שטוב איז דאָס געבליבן אַ סוד. צוויי מענטשן האָבן געוווּסט, ער און זיין פֿאָטער. איך נישט. ביז זיי האָבן זיך איינמאָל ביידע פֿאַרפּלאָנטערט אין מיינע קרייצפֿראַגן און דער

אמת איז ארויסגעקומען. און דאַן איז מיין האַרץ מיט איין וועג צעבראָכן געוואָרן. דאָס קינד פון אונזער ליבע — אַזאַ העסלעכער סוף. איך האָב דערפילט, אַז מיין לעבן איז איבעריק. איבעריק. און דערצו האָבן זיי מיך ביידע נישט פאַרשטאַנען. אָך, ווי נישט פאַרשטאַנען. איך האָב געפילט דעם אָנהויב פון סוף, פון סוף אין מיטן. און איך האָב נישט געקענט שווייגן — אַזוי האָב איך געפילט און אַזוי האָב איך גערעדט. נור דעם אמת, דעם אמת. דער אמת וואָלט אונז אויסגעהיילט. אָבער עס איז אַנדערש גע־קומען. אַנדערש. עס איז געקומען אַ ווילן איבער מיר אָפּצומעקן די גאַנצע פאַרגאַנגענהייט. איך האָב אין אַלע שופלאָדן געזוכט די בריוו, וואָס דיין פאָטער האָט צו מיר, און וואָס איך האָב צו אים אַמאָל געשריבן. געלעזן און געלעזן און כסדר פאַרברענט, אַלץ פאַרברענט. ביז איינמאָל האָב איך אָנגעטראָפן הינטער אַ שטויס פון בריוו אָט דאָס אַ — (זי גייט צו צום טישל ביים בילד, רוקט אָפּ דעם איבערוואָרף און נעמט ארויס פון דער שופלאָד אַ קליינעם פערלמוטערנעם רעוואָלווער) אָך, ווי יעדע קלייניקייט אין אונזער שטוב איז אַ שטיק ליידנסגעשיכטע. דאָס האָב איך דאָך אַמאָל געקויפט און מיט דעם איינגענומען מיינע עלטערן, ווען זיי האָבן זיך אַנטקעגנגעשטעלט צו דער פאַרבינ־דונג מיט ד י י ן פאָטער. פאַר זיין געלט האָב איך עס געקויפט. באַלד האָבן זיי איינגעוויליקט. זינט דעמאָלט איז עס געבליבן ביי אונז, און אַז איך האָב עס געפונען, בין איך אַזוי מיט דעם אַ פּאַר אַ שפּיגל געשטאַנען און איך האָב מיר געטראַכט, ווי וואָלט עס דאַן געווען, ווען די עלטערן וואָלטן נישט איינגעווי־ליקט — דאַן וואָלט איך שוין געווען אַזוי לאַנג טויט און פאַר־געסן -- אָבער דיין פאָטער וואָלט ווייטער געלעבט. איך ווייס עס גענוי -- און עס האָט מיך אָנגעכאַפּט אַזאַ צער פאַר מיר, אַזאַ צער פאַר מיר. און איך האָב געוויינט. קיינמאָל אין לעבן האָב איך אַזוי נישט געוויינט, ווי דאַן. און פּלוצלונג, האָט זיך אויפגעריסן די טיר. ער איז אַריין. ווי שטענדיק מיט ווילדן כעס ווען איך האָב געוויינט, ער האָט מיך אַזוי געזען שטיין נעבן שפּיגל און אומגעשטערט ווייטער וויינען. און דאַן האָט

בלוצלונג א בליץ געגעבן זיין פנים אין שפיגל. בייז, ווילד, קייג־מאָל האָב איך אַזאַ בייז פנים ביי אים נישט געזען, און אַזוי האָב איך עס שוין צום לעצטן מאָל געזען. און איידער איך האָב נאָך געוווּסט, וואָס דאָ קומט פאָר, האָט ער שוין איינמאָל און צווייטמאָל אויסגעשאָסן — — און דאַן האָב איך לאַנג לאַנג גאָרנישט געוווּסט, און אַז איך האָב מיך אויפגעכאַפּט זענען מיינע הענט געלעגן אונטער זיין קאָפּ, און אין די הענט מיינע האָט ער מיר אָפּגעגעבן דאָס בלוט זיינס, וואָס איך האָב אַמאָל פאַר אים פאַרגאָסן. (זי וויינט הויך אויף די קני פאַר דעם בילד) נישט איך, נישט איך — דיין פאָטערס קאַלטע גלייכגילטיקייט האָט אים אין פריען טויט אַריין געטריבן. גלויב עס מיר. ער!

דער זון

(נאָך אַ לאַנגער און שטילער רגע) אָבער מוטער, ווען דו וואָלסט אויך גלייכגילטיק געוועזן — — האָסטו נישט אַמאָל וועגן דעם געטראַכט?

די פרוי

(שטייט אויף) אויך דו? אויך דו רעדסט אַזוי?

דער זון

(נאָך עטלעכע רגעס אַרומגיין אין שטוב) אָבער איצט זאָג, זאָג מיר שוין אַלץ.

די פרוי

און איצט איז געקומען די רייע אויף דיר. (זי וויל דעם רעוואָל־ווער באַהאַלטן, פאַרפּלאָנטערט זיך אָבער אין איבערוואָרף און לאָזט אים ליגן פון אויבן).

דער זון

די רייע אויף מיר?

די פרוי

דיך צו וואָרענען. דיך צו פירן מיט אַ פעסטער האַנט, דיר צו זאָגן הייַנט דעם גאַנצן און דעם האַרבן אמת.

דער זון

(גייט ווידער עטלעכע רגעס אַרום איבער דער שטוב) זאָג עס, זאָג עס באַלד. (בלייבט שטיין) אָדער גלויבסטו נישט אין מיר?

איך קען אלץ פארטראגן מוטער, אלץ. וואס קען דען מיך נאך טרעפן אומגעריכט? זאג מוטער!

די פרוי

(גייט צו צו אים און האלט אים ביי די הענט) דאס מיידל, וואס דו האסט היינט —

דער זון

(דרייט אוועק דעם קאפ) וואס איז מיט איר?

די פרוי

זי האט געשפילט א טרויעריקע ראלע אין אונזער לעבן. איך האב געמיינט, אז נור מיט צען יארן צוריק, אבער עס ווייזט זיך ארויס, אז נאך היינט — אבער דאס ווייס איך נישט געניי, ווייל איך בעסער נישט רעדן וועגן דעם.

דער זון

מיט צען יארן צוריק? און איך האב גארנישט געוווסט? קענסטו עס מיר דייטלעכער זאגן?

די פרוי

מיט צען יארן צוריק, זי איז נאך דעמאלט אליין כמעט א קינד געוועזן. איצט איז זי אכט און צוואנציק. זי האט דאך נישט קיין פאטער און נישט קיין מוטער?

דער זון

(איבעראשט) אמת, זי האט נישט קיין פאטער און קיין מוטער.

די פרוי

דער מינדעסטער צווייפל איז נישטא מער. נאטירלעך, דער מוטערס הארץ פילט געניי. זי איז דיין פאטערס שילערין געוועזן.

דער זון

(ער באנעמט פלוצלונג) ווי האסטו געזאגט? דעם פאטערס שילערין? און וואס ווייטער?

די פרוי

וואס איז דען דא פאר א וואונדער? נישט נור אין שולע האט זי זיך מיט דעם פאטער באגעגנט, נור אויך אין דער היים פון איר עלטערן ברודער. זי האט גענומען לעקציעס ביי דיין פאטער.

ד ע ר ז ו ן

(אויפגערעגט) רעד דאָך, שוויַיג נישט קיין איין רגע!

ד י פ ר ו י

זי איז אַ מיידל פון אַ לייכטן כאַראַקטער. ווען אַ מיידל מיט אַזויפיל יאָרן יונגער דערנעענטערט זיך צו אַ דערוואַקסענעם מאַן, וואָס האָט נאָך דערצו צוויי גרויסע זין, פאַרשטייסטו דאָך שוין איר כאַראַקטער. און עס ווייזט אויס, די גאַנצע פאַמיליע איז אַזאַ, ווייל איר ברודער האָט געשוויגן. אַזוי האָט עס געדויערט לאַנג. ווען איך דערמאָן מיך נור אין דעם, פיל איך נאָך היינט אַז איך ליג געבונדן און עמיץ שפּייט מיר אין פּנים, און מיט אָפענע אויגן מוז איך צוזען און שוויַיגן. זיי האָבן זיך ליב געהאַט.

ד ע ר ז ו ן

ווייסטו עס זיכער?

ד י פ ר ו י

האָט דען ווער געלייקנט? קען דען ווער לייקענען?

ד ע ר ז ו ן

פלעגט זי דעמאָלט נישט קומען צו אונז אין שטוב?

ד י פ ר ו י

שטענדיק פלעגט זי קומען נור דאַן, ווען איר ביידע זענט נישט אין שטוב געווען. זי האָט זיך נישט געוואָלט באַגעגענען מיט אייך. איך בין שפּעטער אַלץ, אַלץ געוואויר געוואָרן. פון בריוו און פון געשפּרעכן. שפּעטער איז אַלץ קלאָר געוואָרן.

ד ע ר ז ו ן

און דאַן?

ד י פ ר ו י

דאָס זענען דאַן געווען די שווערע טעג פון אונזער לעבן, פיר יאָרן פאַר דיין ברודערס טויט. דו ביזט נאָך אַ קליין קינד געווען — און דאָך, געדענקסטו דען נישט יענע טעג? דאָס איז דאַן געווען, ווען מיר האָבן אונזער וווינונג געביטן. געדענקסטו שוין איצט? געדענקסטו, אַז דאַן איז מיין לעבן מיט דיין פאָטער געווען שווערער ווי שטענדיק? געדענקסטו עס? און שפּעטער האָב איך מיט דער גאַנצער קראַפט אַלץ פונאַנדערגעריסן. איר

זענט מיר טייערער געווען ווי אַלץ, ווי אַלץ אין דער וועלט. צוליב אייך האָט מען געדאַרפט ווייטער לעבן — צוזאַמען, ווייטער צוזאַמען.

דער זון

און דער פאָטער?

די פרוי

ווי שטענדיק, ווען שווערע צייטן קומען, איז ער ווילנלאַז געווען ווי א ווילנלאָזע, שטוביקע און מילדע חיה —

דער זון

וואָס פאַר א נאַכט, וואָס פאַר א שרעקלעכע נאַכט.

די פרוי

און נישט נור די וווינונג האָבן מיר געביטן, אַז איר זאָלט נישט צופיל הערן פון דעם אין אייער שולע, און די שכנים זאָלן נישט צופיל ווייזן מיט די פינגער אויף אונז — נור אויך זי האָט די שטאָט פאַרלאָזט. דאָס האָב איך אויסגעפירט צוליב אייך, און איך וועל עס ווידער טון — צוליב דיר.

דער זון

און וואוהין איז זי דאַן אוועק?

די פרוי

צו אַן עלטערער שוועסטער — אין אויסלאַנד.

דער זון

(ער ציטערט אויף) אך, ווי דאָס שטימט!

די פרוי

האָב איך דיר דעם אמת געקאָנט פאַרהוילן? דאָס ווייס איך פון פריער. און איצט שפּאַלט זיך מיר אליין דער קאָפּ פאַר לויטער נישט פאַרשטיין. וואָס פאַר א צוזאַמענהאַנג האָט דען איצט דאָס אַלץ? איז דען דאָס מעגלעך, אַז זי ווייסט נישט, אַז דו ביזט דיין פאָטערס זון? איז זי דען שוין — אַזוי טיף געפאַלן? און האָב איך געקענט דיר דאָס נישט זאָגן?

דער זון

מוטער, ניין!

די פרוי

(זי טראַכט אַ רגע, שלאָגט זיך מיט די אייגענע געדאַנקען) יאָ, ווייטער. דאָס וועט דיך אפשר ווייניקער אינטערעסירן. אַז איך האָב דעמאָלט אַ יאָר צייט נישט געטאָרט, נישט געטאָרט — (זי זעט אַז דאָס וואָרט מאַכט אויף אים קיין איינדרוק נישט, ער איז טיף פאַרנומען מיט עפּעס אַנדערש און זי אַקצענטירט נאָך שטאַרקער) נישט געטאָרט מיך צורירן צו דיין פאָטער — דאָס קען דיך שוין ווייניקער אָנגיין.

דער זון

(פּלוצלונג טרוקן) דאָס איז אַלץ?

די פרוי

מער קאָן איך נישט דערציילן. ווילסטו דיך נאָך איצט בינדן מיט איר? אָבער דער קאָפּ שפּאַלט זיך מיר, ווייל דאָ זענען ערגעץ נאָך געהיימע פּעדים דאָ.

דער זון

מיר איז איצט פּלוצלונג אַלץ איינס געוואָרן, אַלץ גלייכגילטיק.

די פרוי

איז דאָס מעגלעך, אַז דו ביזט פּונקט ווי דיין פאָטער איז? אָבער ניין, ניין! (זי גלעט אים) אָט אַזוי, אָט אַזוי, אָט איצט וועלן קומען טרערן, און דו וועסט געגעזן. און דאַן וועל איך דיך פירן מיט מיין ערפאַרונג צום גליק, צו וועלכן איך — דיין אַלטעטשקע מוטער — וועל שוין קיינמאָל נישט דערגרייכן אין לעבן. (אַ טרויעריקער קוק אין אַ קליינעם שפּיגל) ניין, קיינמאָל נישט מער דערגרייכן אין לעבן. און דאָס לעבן איז אַוועק, אַוועק פאַר אייך. אָבער דו מוזט גליקלעך זיין, גליקלעך (זי קושט דעם זון היימ און ליידנשאַפטלעך).

דער זון

(באַפרייט זיך פון אירע אָרעמס מיט אומגעדולד) מיך אָבער גייט דאָך דאָס אַלץ נישט אָן.

די פרוי

(נאָך דעם קוק אין שפּיגל ווידער פאַרנומען מיט זיך) און דאָך, מענטשן לעבן אַמאָל איבער אַ צווייטע יוגנט אויך. אַזוי אַלט

איז דיין מוטער דאָך נישט. און אַז דו וועסט פֿרײַ זײַן פֿון דעם אַלעם און גליקלעך מיט דיר, און אפשר מיט נאָך עמעצן, דאַן וועלן מיר ענדלעך פֿונאַנדערדרייסן דעם שווערן קניפּ, וואָס האַלט אונדז שוין פֿינף און צוואַנציק יאָרן געבונדן אַזוי. גוט איז גוט, וואָרש דווקא אין דער היינטיקער נאַכט איז אַלץ קלאָר געוואָרן. דווקא אין אָט דער זילבערנער געדענקנאַכט פֿון אונדזער פֿאַרייניקונג.

דער זון

(גראָב) אָבער איך האָב דיר דאָך געזאָגט, אַז דאָס אַלץ גייט מיך גאָרנישט אָן.

די פֿרוי

און אַז צו מיר וועט קיין גליק מער נישט קומען, וועט עס קומען צו דיר דאָפּלט גרויס. וואָס האָט דען אַ מענטש נאָך מער אין לעבן?

דער זון

לאָז מיט דיין גליק, אייביק דיזעלבע ווערטער, אין דער שטוב וואַקסט עס נישט און וועט מער נישט וואַקסן. (אַ רגע שווייגן) הערסטו שריט?

די פֿרוי

געוויס איז ער שוין ווידער דאָ צוריק.

דער זון

(מיט שרעק) דער פֿאָטער?

די פֿרוי

(טריומפֿירנדיק) דער פֿאָטער!

דער מאַן

(קומט שטיל אַריין) האָסט אים דאָך שוין אַלץ געזאָגט. איצט שווימט שוין אַלץ אויפֿן וואַסער, אויף גאָטס באַראָט. איצט קען איך שוין ווידער דאָ זיין.

דער זון

(שווייגנדיק און מיט עקל גייט ער צו צום פֿאָטער און שפּייט אויס ביי זיינע פֿיס).

ד ע ר מ אַ ן

(לאַכט אויף) פאַרוואָס? —

ד ע ר ז ו ן

ווייסטו עס דען נישט?

ד ע ר מ אַ ן

האָב איך דען דיך מיט עפּעס באַליידיקט, דיר עפּעס צוגענו־מען?

ד ע ר ז ו ן

אַלץ. געגעבן האָסטו אַ לעבן אַ נאַקעטס, אַ לעבן אָן גליק, ווייל דאָס האָסטו צוגענומען פאַר דיר, ווען איך בין נאָך אַ קינד געווען. ווייסטו דען נישט וועגן וואָס מען רעדט דאָ?

ד ע ר מ אַ ן

מענטשן, וואָס קענען דעם אמת אין פּנים נישט קוקן, מוזן לעבן מיט ליגנט. דאָס גליק האָט ביי דיר גענומען דער, ווער עס האָט דיר דעם אמת נעגעבן. ווער עס וויל לעבן מיט דעם אמת מוז קענען ציען קאָנסעקווענצן פון אים.

ד ע ר ז ו ן

שוין גוט, שוין גוט — מען וועט עס טון. אָבער דאָך איז דער גאַנצער אמת נאָך נישט קלאָר. דאָ איז נאָך אַלץ אַ פּלאָנטער. איצט איז קיין אויסוועג מיט ליגנט מער נישטאָ. (לויפט אַרום איבער דער שטוב. פּלוצלונג בלייבט ער שטיין פאַרן פאָטער). זאָג מיר דעם אמת, האָסטו זי נאָך ליב? ווי שרעקלעך קלאָר ווערט איצט דער צוזאַמענהאַנג מיט דיינע ווערטער היינט אין אָוונט.

ד ע ר מ אַ ן

פריער אָבער מוזטו מיר זאָגן, וואָס דו ו ו י י ס ט ש ו י ן.

ד ע ר ז ו ן

אַלץ ווייס איך, חוץ דעם, וואָס נור דו אַליין קענסט דאָ זאָגן, חוץ דעם וואָס די מוטער ווייסט אויך נישט. זאָג מיר, ביזטו די אַלע צען יאָרן געווען נאָענט צו איר?

ד ע ר מ אַ ן

און אז איך וועל דיר איצט זאָגן, וועסטו מיר דען איצט גלויבן?

איז דאָך איינגנטלעך אַלץ איינס, וואָס איך וועל דיר איצט זאָגן. אויף אָט דער שטוב ליגט אַ קללה, דאָ האָט מען קיינ־מאָל נישט געטאָרט און נישט געקענט זאָגן דעם פּשוטן און מענטשלעכן אמת. און ציען קאָנסעקווענצן פון אים, ווי פון יעדן פּשוטן מענטשלעכן אמת. דעריבער איז אין דער שטוב אַלץ געזאָגט געוואָרן אָדער צענמאָל העכער, אָדער צענמאָל שטילער. און די קאָנסעקווענצן זענען שטענדיק אין דערזעלבער מאָס גרעסער, אָדער קלענער געוועזן.

די פרוי

און איצט זיי ווייסן, אַז די צייט איז געענדיקט. היינט האָט מען זיך דאָ ענדלעך געזאָגט, ווי דו ווילסט, דעם פּשוטן, (לאַכט) מענטשלעכן אמת. קענסט אים דאָך נישט לייקענען. אָדער ווילסטו אים איצט צען מאָל פאַרקלענערן?

דער מאַן

אַ טייך, וואָס נעמט צו, מוז דאָך איינמאָל אַריבער די ברעגעס. נישט קיין חילוק אויף וועלכן אָרט. דאָס מאַכט די צייט, די צייט אַליין. (קוקט זיך אַרום אויף דער פרוי און דעם זון) זי, די, וועגן וועלכער מיר רעדן דאָ אַלע היינט, האָט דאָ די קלענסטע ראָל געשפּילט. און עס איז נישט וויכטיק, צי איך האָב זי נאָך ליב, אָדער נישט.

דער זון

עס איז דאָך קלאָר, אַז עס איז אַלץ אמת, וואָס די מוטער האָט מיר דאָ היינט געזאָגט?

דער מאַן

אָבער וואָס האָט זי דיר היינט געזאָגט? רעד דייטלעכער און גענויער.

דער זון

נישט אין איינצלהייטן גייט עס, עס גייט אין גאַנצן.

דער מאַן

געוויס איז עס אמת.

דער זון

דאָן איז — דאָס — ווייטערדיקע — שוין — קלאָר! (גייט פאַר־

זיכטיק און כאפט פלוצלונג דעם רעוואָלווער צו זיך, דער מאַן און די פרוי קוקן פארשטיינערטע אויף אים).

די פרוי

(מיט וואקסנדיקער שרעק צום מאַן) וואָס גייט ער טון?

דער זון

(לאַכט ווילד) דאָס וואָס ער מוז. (דערווייל האָט ער דעם רעוואָלווער גוט ביי זיך באהאַלטן, גרייט זיך צום אוועקגיין).

די פרוי

(צום מאַן, מיט א באוועגונג פון א טרענקענדיקן צום רעטער) ראַטעווע דעם לעצטן זון, ראַטעווע אים!

דער זון

(גייט גיך און מיט פעסטע טריט אוועק).

די פרוי

(דערהערט דעם קלאַפּ פון דער טיר) ער וועט פארשווינדן אין דער נאַכט, וואָס וויל ער טון? פארוואָס ווילסטו נישט ראַטעווען דאָס קינד?

דער מאַן

ער האָט ליב, ער וועט גארנישט טון, ער וועט האָבן די זיכערע מעגלעכקייט פון טויט אין די הענט — די נאַכט וועט אים בארויקן.

די פרוי

ראַטעווע מיין קינד, אַך איצט איז ער שוין אויף דער גאַס, איצט וועט די גאַנצע גאַס אויף זיין, ווען מען וועט אים נאָכיאָגן. (כאַפּט זיך פארן קאָפּ) פינף קוילן האָט ער נאָך דאָרט, (זי לויפט אריין אין דער צווייטער שטוב, מען הערט זי דאָרט פאַלן איבער מעבל, זי לויפט אריין צוריק, כאַפּט עפּעס פון דער שאַנק, דאַן לויפט זי ארויס און מען הערט איר קלאַפּ מיט דער טיר).

דער מאַן

פינף קוילן, מער ווי גענוג פאר אונז אלעמען. מיט א ייר צוזאַמען. ווער עס קומט אין אָט דעם קרייז מוז מיטגעריסן ווערן. (פלוצלונג ווערט ער אומרויק און לויפט אויך ארויס אין דער צווייטער שטוב, דאָרט הערט מען די פארצווייפלטע שטימע פון דער פרוי:

„אַ מינוט צו שפּעט, אַ מינוט צו שפּעט, ווען דו וואָלסט איצט אונטן געווען, וואָלטן מיר ביידע אים נאָך אפשר געפינען, פאַרשווונדן אין דער נאַכט, אַלץ דו, אַלץ דו, פאַרשווונדן אין דער נאַכט, פאַרשווונדן!").

דריטער אַקט

אין דער רעכטער זייט אַ פענסטער, אין דער מיט וואַנט צוויי פענסטער, לינקס אַ טיר. צווישן די צוויי פענסטער — אַ שרייבטיש. שטולן, אַ זאָפע, ביכער אין פיל פונקטן פון צימער, צעוואָרפנקייט, אומאָרדנונג, דעקאַדענץ. איצט איז אַלץ אין אַ נאָך גרעסערער אומאָרדנונג, ווי שטענדיק. טיר און איין פענסטער אָפן. עס פילט זיך פאַרטאָג, אָבער די פענסטער זענען נאָך שוואַרץ. די שופלאָדן פון שרייבטיש אין אומאָרדנונג און כמעט אַלע, אַרויסגערוקטע. קענטיק, אַז מען האָט דאָ עפּעס נערוועז געזוכט. דאָס ליכט ברענט.

דער מאַן

(קומט אַריין, מאַנטל אויף אים, ער נישטערט, באַטאַפּט די געגנשטאַנדן ווי ער וואָלט זיי געפרעגט, צי זיי ווייסן עפּעס. ער זוכט אַ פּאָר ווערטער ערגעץ איבערגעלאָזטע פאַר זיינעטוועגן) אַזאַ נאַכט, פינסטער, הייזער געשלאָסן, הינטער יעדן פאַרמאַכטן טויער, הינטער יעדן פאַרקלאַפּטן פענסטער געשעעט עס אפשר, צוויי מענטשן דערטראַנקען געוואָרן אין דער נאַכט. ביז צום מאָרגן וועט שוין אפשר זיין צו שפּעט; צוויי מענטשן זוכן צוויי אַנדערע אין דער נאַכט. אַך די פאַרשאָלטענע גלייכגילטיקייט מיינע, פלוצלונג קומט זי איבער מיר, און באַלד רייסט עס מיך מיט מאָפלטער קראַפט; וואָלט איך כאָטש איינמאָל געפרעגט: ווו

וווינסטו? ד אָ ר ט קומט עס דאָך פּאָר, נור דאָרט — מער אינער־גען נישט. צו איר איז ער געגאַנגען — דאָרט איז עס שוין פאַרביי. ערגעץ אין דער נאַכט. (ביים אָפענעם פענסטער) אָבער וווּ. וווּ? די נאַכט איז שטיל און פינסטער. (בויגט זיך שטאַרקער פון פענסטער אַרויס) טריט — טריט פון איינעם, איין פרוי — זי, ווידער זי, ווידער זי אַליין — איך קען שוין מער אירע רייד נישט פאַרנעמען — אָט איז זי שוין ווידער דאָ.

ד י פ ר ו י

(קומט גיך אַריין, מאַנטל אָן הוט, זוכט און — נישטערט) ווייסטו אויך גאָרנישט? גאָרנישט? גאָרנישט?

ד ע ר מ אַ ן

ווי האָסטו דען געזוכט?

ד י פ ר ו י

איך ווייס אַליין נישט, עס האָט מיך געטראָגן, בין איך געלאָפן.

ד ע ר מ אַ ן

אַזוי האָט עס דאָך גאָר קיין זין נישט, איז שוין בעסער צו זיצן דאָ און צו וואַרטן. (גייט אַרום דענערוווירט. פּלוצלונג איז ער רויק. בלייבט שטיין.) מען דאַרף מיט אַלע מיטלען טראַכטן, נישט צו פאַרלירן דאָס גלייכגעוויכט אינגאַנצן. אין אַזאַ ווילדן צושטאַנד מוז מען דווקא זיין רויק, רויק, מער ווי אַלעמאָל, מער ווי דאָס גאַנצע לעבן. דאָס אומגליק מאַכט אַ קאָנצענטרישן אַטאַק היינט נאַכט, מוז מען רויק זיין — (געשטאַרקט) איך בין אָבער איבער־צייגט, אַז זיי לעבן. אַז זיי לעבן ביידע. זיי נור רויק אַ רגע — איך וועל עס דיר באַווייזן.

ד י פ ר ו י

(לאַכט ווילד) זע נור זיין רו, זיין רו. דער מענטש האָט שוין קיין ברעקל בושה נישט אין זיך. און איבעריקנס, וואָס גייט מיך אָן צי זי לעבט. דיך אפשר. אפילו נאָך איצט. מיך גייט אָן, צי ע ר לעבט און מער גאָרנישט, — אָבער איך טאָר עס איבער די ליפּן נישט ברענגען. אַ מוטער מעג — זיך עפּעס ווינטשן. אויב אַ פאָטער מעג זיין אַן אָפענער מערדער פון זיינע קינדער — מעג דאָך אַ מוטער —

דער מאַן
ביזטו פאַרטיק, האָסטו אַלץ שוין געזאָגט? היינט לאָז איך דיך רעדן אַלץ, אַלץ. דו האָסט שוין אָפּגעמשפּט, אָבער איך גיב נאָך די האָפנונג נישט אויף. טראַכט נור אַ רגע און לאָגיש: עס זענען שוין מער ווי דריי שעה, זינט ער איז אַוועק, עס איז זיכער, אַז ער איז אַוועק צו איר, קיין צווייפל נישט אין דעם?

די פרוי
צווינג מיך נישט איצט צו ענטפערן, רעד וואָס דו דאַרפסט.

דער מאַן
ער האָט מיטגענומען דעם רעוואָלווער —

די פרוי
אין דעם גייט עס דאָך, וואָס ציסטו דען די ווערטער?

דער מאַן
ער האָט אָדער זיך געוואָלט אומברענגען, אָדער בלויז זי, אָדער ער האָט געוואָלט צוזאַמען מיט איר שטאַרבן.

די פרוי
אַך ווי אַ פרוי האָט זיך איינגעגעסן אין אונזער לעבן. — וואָס וויל זי פון אונז?

דער מאַן
אויב ער האָט נור איינעם פון די פּלענער אויסגעפירט —

די פרוי
אָ, וואָלט ער בלויז דאָס צווייטע באַשלאָסן, בלויז דאָס צווייטע, קענסט דאָך נישט משפּטן דאָס האַרץ פון אַ מוטער, ווייל עס טראַכט אַזוי — כסדר שטייט מיר פאַר די אויגן די שווערע נאַכט, ווען ער איז געבוירן געוואָרן. אָ, ווי שווער ער איז אויף דער וועלט געקומען.

דער מאַן
וואָלט ער דאָך געשאָסן. דאָס איז דאָך זיכער, וואָלט מען דאָך געהערט אין דער נאַכט, וואָלט דאָך עמיץ אַלאַרמירט.

די פרוי
נו רעד, רעד, עס שימערט דאָך נאָך אַ האָפנונג.

ד ע ר מ אַ ן

וואָלט מען דאָך אין די פּאָליציי־רעווירן געוווּסט.

ד י פ ר ו י

און פון וואַנעט ווייסטו, אַז מען ווייסט דאָרט נישט?

ד ע ר מ אַ ן

ווי שטענדיק ב י ז ט ו אויך איצט ציללאָז אַרומגעלאָפן איבער די גאַסן, און איך האָב געטון, וואָס מען דאַרף. עס האָט מיך געפּאַקט אַ ווילדע אומרו, און ווי שטענדיק איז באַלד געקומען אַ טיפע רו —

ד י פ ר ו י

קיין רגע איז אים נישט צו הייליק נאָכצומאָל און נאָכאַמאָל דאָס זעלבע צו זאָגן.

ד ע ר מ אַ ן

און דיר איז קיין רגע צו הייליק צו פילן זיך באַליידיקט.

ד י פ ר ו י

ווייטער, ווייטער —

ד ע ר מ אַ ן

אין אַ קאַפע בין איך געזעסן ביי אַ טעלעפאָן און אומעטום אָנ־געפרעגט. אָנגערופן ביידע נעמען. פון אומעטום האָט מען געענט־פערט, אַז מען ווייסט פון גאָרנישט, נאָך פון גאָרנישט. עס איז אַן אויסנאַמלעך רויקע נאַכט היינט אין שטאָט, קיין איינציקער מאָרד, קיין איינציקער זעלבסטמאָרד.

ד י פ ר ו י

ווען די נאַכט וואָלט נור אַריבער, די נאַכט —

ד ע ר מ אַ ן

שוין באַלד וועט זי אַריבער, עס וועט נישט לאַנג געדויערן און עס וועט גרויען אויף טאָג.

ד י פ ר ו י

זאָג מיר, זאָג, האָט עס אַ זין נאָך ערגעצוווּ צו גיין, צו זוכן?

ד ע ר מ אַ ן

קיין ברעקל זין נישט ביז צום מאָרגן — איך בלייבט אין שטוב.

אויב דו ווילסט דאן גיי. דו ווייסט דאָך פּונקט ווי איך, זי האָט קיינעם נישט דאָ, און איך וויים נישט, וווּ זי וווינט.

די פרוי

שווער צו גלויבן, אָבער ווען דו זאָגסט איצט. אָך, ווי איז מיר קאַלט, קאַלט, ווי פעלט מיר איצט אַ מענטש, צו וועמען זיך צוטוליען, איבערוואַרטן מיט אים די נאַכט.

דער מאַן

דער לעצטער בין איך, וואָס וויל דיר נישט גלויבן, דער ערשטער אָבער וואָס קען דיר נישט העלפן.

די פרוי

אַ נאַכט, אַ נאַכט. דאָס וועט שוין זיין די לעצטע. זאָל זי שוין נור אַריבער. פון איצט אָן וועל איך וויסן וויאַזוי צו לעבן.

דער מאַן

ווען דער ערשטער בליאַסק פון פרימאָרגן וועט נור אויפשטראַלן, און די גרויסע שרעק וועט אַריבער, וועסטו ווידער אַנדערש רעדן — עס איז נישט דאָס ערשטע מאָל אַזוי —

די פרוי

און דער זין פון די ווערטער איז נור איינער, אַז איך זאָל דיך באַפרייען, וואָס גיכער באַפרייען.

דער מאַן

דיך באַפרייען, אונז ביידע באַפרייען.

די פרוי

דו ווילסט נאָך אָנהויבן אַ נײַ לעבן, אַ יונגס, אַ לוסטיקס — אַ לעבן מיט יונגע מענטשן צוזאַמען — (ווייזט אים אַ שפּיגל) וואָס פאַר אַ ווילדע גערדאַנקען אין אָט דעם גרויען קאָפּ!

דער מאַן

מיינסטו, אַז עס איז אַ פאַרברעכן, ווען אַ מענטשן וויל נאָך לעבן — וואָס האָט מען דען אויף אָן אמת מער, ווי דאָס אייגענע לעבן? דאָס פרעמדע ווערט דאָך קיינמאָל נישט אייגן. ווייסטו דען דאָס נאָך נישט?

די פרוי

דיר וואָלט עס געפּאַסט, דו וואָלסט אַזוי לייכט געקענט, אַזוי

ליכט געקענט מיך איבערלאָזן איצט. (גיט א קוק אין א שפּיגל) נאַ קוק אויף מיר, קוק אויף מיר! ווי לאַנג איז דען, אַז איך בין בליענדיק געווען. ווען האָב איך דען אַלע מיינע יונגע יאָרן אָוועקגעגעבן?

דער מאַן

איך וויל גאָרנישט מער, גאָרנישט, איך האָב אַמאָל געוואָלט, איצט וויל איך מער גאָרנישט. איצט ווייס איך אַליין, אַז עס איז צו שפּעט.

די פרוי

(אויפגערעגט) וואָס איז צו שפּעט? ניין, עס איז נאָך נישט צו שפּעט. איך האָב נאָך פריינט, איך האָב נאָך לעבן אין מיר, און איך וויל נאָך לעבן. זאָל נור קלאָר ווערן, וואָס מיט אים איז, זאָל נור קלאָר ווערן. מיט אים, מיט דעם לעצטן זון —

דער מאַן

נאָך א שעה און נאָך א שעה און עס וועט קלאָר ווערן, און וואָס דאַן?

די פרוי

און דאַן וועסטו זען, אין עטלעכע שעה וועסטו אַלץ זען.

דער מאַן

איך האָב אָבער שוין קיינעם נישט מער. אפילו ווען אַלץ וועט גוט ווערן, האָב איך שוין קיינעם נישט מער.

די פרוי

פּלוצלונג? פון ווען אָן?

דער מאַן

זינט עטלעכע טעג. אַנסטו דען גאָרנישט? האָסטו דען אויף אַן אמת די גאַנצע צייט גאָרנישט געוווסט?

די פרוי

איך האָב מיר די אויערן פאַרשטאָפּט, איך האָב מיר די אויגן פאַרשטעלט, און איצט וויל איך ווייטער נישט וויסן.

דער מאַן

מיך קאָסט שווייגן קיין אָנשטרענגונג נישט. דו ביזט גערעכט,

לאָמיר איצט שווייגנדיק איבערוואַרטן די נאַכט. וואָס דאַרפסטו דען וויסן?

די פרוי

(פּלוצלונג ביים פענסטער) זע, זעסטו? דאָרט גייען צוויי מענטשן צוזאַמען? זעסטו זיי?

דער מאַן

(ביים פענסטער) וואָס איז דען מיט זיי? איך זע זיי.

די פרוי

דאָס איז ער מיט איר. דערקענסטו זיי נישט?

דער מאַן

וואָס דיר קען איינפאַלן?

די פרוי

אָבער דערקענסטו נישט די געשטאַלט? ער איז גרעסער פון איר, איך דערקען אירע שריט. דאָס זענען זיי.

דער מאַן

מען קען דאָך אָראָפּגיין און זען.

די פרוי

איך וועל רופן, איך וועל רופן — אין אַ רגע אַרום וועלן זיי ווי־דער פאַרשווינדן.

דער מאַן

ביזטו וואַנזיניק? איצט אין דער נאַכט וועסטו רופן פון אַ פענס־טער?

די פרוי

קום מיט מיר, קום!

דער מאַן

נור שטיל, איך גיי מיט דיר.

די פרוי

(גיך אין צווייטן צימער, אָפּ.)

דער מאַן

(גייט איר נאָך — די טירן ווערן אָפן געלאָזט, מען הערט קיין קלאַפּ נישט. די בינע איז אַ ווײַלע ליידיק, גיכע שריט אונטן, עטלעכע ווערטער אומדייטלעכע,

ווידער א רגע שטיל, און זיי קומען צוריק אריין).

די פרוי

פארוואס האסטו נישט געלאזט נעענטער צוגיין?

דער מאן

דו האסט דאך געזאגט, אז דו דערקענסט זיי געווים. האסטו דען דוקא געמוזט זיי קוקן אין פנים אריין? דער עיקר, אז זיי לעבן.

די פרוי

(בייז) אז ער לעבט.

דער מאן

לעבן זיי דאך, מער דארפן מיר דאך נישט.

די פרוי

אבער איך האב דאך געוואלט, אז ער זאל שוין דא זיין. אזוי בין איך נישט זיכער.

דער מאן

אויב ער האט אונז נישט געזען, נישט באמערקט, וועט ער אפשר באלד דא זיין.

די פרוי

פארוואס האסטו ווידער נישט געלאזט מיך נעענטער צוגיין, און איך האב ווידער ווילנלאז געפאלגט.

דער מאן

איצט זיי שוין רויק, רויק, איך בין איצט אויך שוין רויקער, אפילו ווען זיי זענען עס נישט געוועזן. איך האב אומעטום אבערגעלאזט דעם אדרעס און געבעטן גלייך צו ווים צו געבן. מען טוט עס אין אזעלכע פאלן. און קיינער, זעסט דאך, טוט נישט צו ווימן.

די פרוי

ווען די נאכט וואלט שוין אריבער, ווען די נאכט וואלט שוין אריבער. (גייט אין צימער אויף און אפ) אבער וואס האסטו ערשט געזאגט? וואס? אז איך האב גארנישט געאנטט? וואס? זאג עס מיר דייטלעכער.

דער מאן

זאכן, וואס גייען דיך אן, געדענקסטו דאך אזוי גוט.

די פרוי

ווידער עטלעכע אומדייטלעכע ווערטער, ווידער פאַלן זיי ווי פייער אויף מיין נשמה, איצט מוזטו שוין רעדן.

דער מאַן

קענסטו דען אויסהערן אַן אמת? אין אַזאַ צושטאַנד? דו, וואָס דו קענסט אפילו אין דער גרעסטער רו אַן אמת נישט הערן, ועסטו אים פאַרטראָגן איצט? און איבעריקנס — עס גייט דאָך אין פאַרגאַנגענע זאַכן, איך וועל עס דיר זאָגן, וועגן פאַרגאַנגענע זאַכן קענסטו דאָך הערן.

די פרוי

שטענדיק איז אַלץ דאָ פאַרגאַנגענהייט, און ווייסט איין גאָט וויאַזוי עס ווערט אייביק ווידער געגנוואַרט.

דער מאַן

דו ווייסט דאָך, אַז אַלע צען יאָרן בין איך געוועזן מיט איר פאַר־בונדן.

די פרוי

איך וויל עס נישט וויסן, איך וויל נישט. (אַ רגע שווייגן) וועגן וועמען רעדסטו?

דער מאַן

מיט איר, עס איז דאָך דייטלעך געזאָגט.

די פרוי

איך האָב געוווּסט, נור איך האָב דעם געדאַנק געטריבן פון מיר.

דער מאַן

ווי שטענדיק האָסטו געגלויבט, אַז ווען דו וועסט עס נישט וועלן וויסן, וועסטו קענען אויסמיידן דעם פאַקט.

די פרוי

(מיט בייזקייט און מיט שאַדנפרייד) דו אָרימער נאַר, דו האָסט איינע געהאַט, און דערצו עפּעס אַזאַ פאַרנעפּלטע געשטאַלט און די לעצטע יאָרן, און איך האָב צען געהאַט, צוואַנציק — דאָ אונטער דיינע אויגן.

דער מאַן

פופציק, הונדערט, די גאַנצע וועלט מיט מענער.

די פרוי

דו האָסט געהאַט איינע, און דאָס ערגעץ ווייט איבער אַלע גרע־נעצן, און איך האָב זיי דאָ געהאַט אונטער דיינע אויגן, אין דיין שטוב, אין דיין בעט —

דער מאַן

אין מיין שטוב, אין מיין בעט, אין מיין האַרץ, איך האָב דאָך נישט די אויגן פאַרמאַכט, איך האָב מיר נישט די אויערן פאַר־שטאָפּט, איך האָב בלויז געשוויגן. נישט קיין ווילן און נישט קיין רעכט האָב איך געהאַט נישט צו שווייגן.

די פרוי

און דאָך האָסטו שוין ווידער נישט דעם מוט צו זאָגן דאָס, וואָס דו האָסט ערשט אָנגעהויבן.

דער מאַן

היינט האָב איך דעם מוט צו אַליץ. איך האָב נור אַלע יאָרן מורא געהאַט פאַר דעם געשריי. די שטאַלצע נאַטור פון מאַן פאַרטראָגט נישט דעם היסטערישן טומל. האָב איך געשוויגן און פאַרשוויגן. אָבער היינט איז שוין אַליץ איינס, עס איז דאָך געקומען צום אויסברוך, און איך וויל שוין גאָרנישט מער אויפהאַלטן.

די פרוי

מעגסט זאָגן. איך הער דיך רויק.

דער מאַן

איך וויל דיר היינט פון איר דערציילן, פון אַ וווּנדערלעכער פרוי. פון דער קינדישסטער צווישן פרויען, און דער רייפסטער צווישן פרויען. ווייסטו וואָס עס הייסט פאַר אַ פרוי וואַרטן? אין איר איז געווען דאָס גרעסטע געזאַנג פון וואַרטן, פון בענקשאַפט. ווי ווייפול זענען געגאַנגען די יאָרן, ווי האָבן זיי זיך געטיילט אין הדשים, אין וואָכן, אין טעג, אין שעהן און אין אומצייליקע סעקונדן. און אין יעדער סעקונדע האָט זי איבערגעלעבט די גאַנצע ליבע צו מיר. און איך וואָלט דיר געזאָגט אַ ליגן, און איצט וויל איך מער דעם ליגן נישט זאָגן; איך האָב אויך דאָסזעלבע געפילט. קיין רגע איז נישט געווען אָן איר. עס האָט זיך געצויגן אין מיין געדאַנק עפּעס אַן אומענדלעכער ליכטיקער באַנד, דער איי־

ביקער געדאַנק װעגן איר. צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע געדאַנקען האָט ער זיך אײביק געצויגן אין מיר, דער ליבטיקער באַנד — און זי האָט געוואָרט, געוואָרט, געוואַרט, ביז דאָס וואַרטן אַליין איז שוין זעלבסטצוועק געוואָרן אין מיר און אין איר, מער גאָר־נישט.

ד י פ ר ו י

און גלײַכצײַטיק האָסטו געלעבט מיט מיר, װי שרעקלעך, װי שרעקלעך. אָבער איך בין רויק, רויק. נור איך ווייס שוין פאַר־וואָס מיר איז שטענדיק אַזוי צום דערשטיקן ענג געוועזן מיט דיר, ווײַל שטענדיק איז עמיץ מיט אונז געוועזן. ווי האָב איך עס געפילט. אַלע דײַנע פאַרכמורעטע שטערנס האָבן איר געגאָלטן און אַלע דײַנע זעלטענע שמייכלען — איר. און אָט אַזוי האָב איך מיט דיר צוזאַמענגעלעבט. וואָס פאַר אַן אָרימע פרוי איך בין — וואָס פאַר אַן אָרימע פרוי.

ד ע ר מ אַ ן

איצט, נאָך צען יאָרן, און נאָך דעם, ווי דו האָסט דאָן געזאָגט, אַז דו טאָרסט דיך נישט אַ יאָר דערנענטערן צו מיר, יאיצט נאָך צען יאָרן קענסטו גלויבן, אַז איך בין קיינמאָל מיט איר נישט נאָענט געוועזן. איך זאָג עס דיר אָפן, עס איז נאָך ערגער פאַר דיר, עס איז בלויז פון צופיל ליבע געוועזן. איצט ווייסטו עס. אין אַלע די צען יאָרן האָבן מיר זיך בלויז דריי מאָל געזען. נישט מער. בריוו אָבער האָבן מיר איבערגעביטן אָפט.

ד י פ ר ו י

צען יאָרן אָפּגעלעבט מיט אַ פאַרשלאָסענער וואַנט — איצט האָט זי זיך פּלוצלונג אויפגעריסן. ווי שרעקלעך!

ד ע ר מ אַ ן

אויף איינמאָל, מיט עטלעכע וואָכן צוריק, האָב איך זי פּלוצלונג דערפילט נאָענט נעבן מיר.

ד י פ ר ו י

זוי איז דאָס?

ד ע ר מ אַ

אויף דער גאַס. איך האָב מיך פּלוצלונג אומגעקוקט — זי. זי

איז שטאַרק געעלטערט געוואָרן, נישט מער די פרישקייט — זי האָט אָנגעהויבן צו פאַרבליען.

די פרוי

איר פאַרבליען איז אַ טראַגעדיע — געוויס. זי איז דאָך די בעסטע פון אַלע פרויען פון דער וועלט.

דער מאַן

דעמאָלט האָב איך לאַנג מיט איר גערעדט. דערמאָן זיך, דו דאַרפסט וויסן, ווען דאָס איז געווען. איך האָב איר געזאָגט, אַז מיר זענען די גליקלעכסטע פון דער וועלט, אַז אונזער ליבע וועט קיינמאָל נישט פאַרבייגיין. אַז נאָך קיינמאָל האָט קיינער קיינעם אַזוי נישט ליב געהאַט, ווי איך זי און זי מיך. אָבער אומזיסט זענען געווען מיינע רייד. זי האָט געזאָגט, אַז איצט וועט מיין ליבע צו איר פאַרגיין. איצט מוז זי פאַרגיין, ווייל אַמאָל האָב איך אין טיפסטן געדאַנק געוואַרט אויף איר קערפּער, און איצט וועל איך נישט מער. זי האָט געזאָגט, אַז דאָס געזעץ פון בלוט איז שטאַרקער, ווי אַלע ווערטער, און זי גלויבט נישט מער אין זיי.

די פרוי

און ביזט געלעגן מיט מיר צוזאַמען — אין איין בעט. און אַזוי צען יאָרן צייט. ווי עקלט מיך פּלוצלונג מיין קערפּער. ווי קאַדאַוועו׳.

דער מאַן

צו וואָס די היסטעריע איצט? עס איז דאָך בלויז אַ באַשיידענער אמת. אַזוי איז דאָס לעבן, וואָס דו האָסט געוואָלט.

די פרוי

אָבער דעם ערשטן שריט צו דעם לעבן, ווער האָט געמאַכט?

דער מאַן

ווילסטו דען ביז צום סוף מער נישט הערן? איצט אויך נישט? (נאָך אַ רגע שווייגן) און דאַן האָב איך זי געבעטן צו וואַרטן נאָך אויף אַ ווונדער. דאָס לעבן באַווייזט זיי אַמאָל. אַזוי פאַרקניפּט עס ווונדערלעך די מענטשן, און אַזוי קניפּט עס זיי ווידער אויף.

ווי דאָס אומגליק קומט אומגעריכט, אַזוי קומט אויך אַמאָל דאָס גליק.

ד י פ ר ו י

דאָס האָסטו געטראַכט, אַז איך וועל פּלוצלונג שטאַרבן — איצט ווערט עס מיר שרעקלעך קלאָר.

ד ע ר מ א ן

איך האָב, דעם געדאַנק געטריבן פון מיר מיט שרעקלעכן פּיין. ער איז געקומען, עס איז אמת, אַזוי ווי עס קומט אַמאָל צו אַ מענטשן אַ געדאַנק אומצוברענגען עמיצן פאַר דער מינדסטער זאַך, אָבער אַזוי ווי דאָרט הויבט זיך נישט די האַנט און דער געדאַנק פאַרשווינדט, אַזוי האָב איך דעם געדאַנק פון מיר פאַרטריבן. ווייס איך דען נישט, אַז דו ביזט דאָך אומשולדיק? מענטש, דו ביזט אומשולדיק.

ד י פ ר ו י

ענדלעך איז אַלץ אויף דער אויבערפלאַך.

ד ע ר מ א ן

און איך האָב זי געבעטן: וואַרט נאָך אַ יאָר, עס איז דאָס יאָר פון אַנטשיידונגען. זי האָט עס נישט פאַרשטאַנען. אויך איך האָב געהאַט בלויז אַן אומקלאָרן באַגריף פון דעם, וואָס איך האָב גערעדט מיט אַזאַ איבערצייגנדיקער זיכערקייט. איך האָב גערעדט צו איר נשמה, אָבער געענטפערט האָט דער קערפּער ווילד און ווילדער אַלעמאָל. זי וויל זיין מיט מיר, איצט, שטענדיק, אייביק, קיינמאָל מער נישט איין רגע אָן מיר, קיינמאָל נישט מער. און קיין ווערטער האָבן מער נישט געהאָלפן. איך האָב געעפנט די נשמה ווי אַ רייפע פרוכט, איך האָב זי אויפגעבראָכן אין צוויי העלפטן, איך האָב זי איר דערלאַנגט. אָבער זי האָט זי אַפּגעשטויסן. זי האָט נישט מער געהערט, וואָס איך רעד צו איר.

ד י פ ר ו י

פאַר מיר האָסטו קיינמאָל נישט אַזוי אין צוויי העלפן די נשמה אויפגעבראָכן.

ד ע ר מ א ן

האָב איך זי געבעטן איצט באַלד צו שטאַרבן צוזאַמען מיט מיר.

האָט זי עס נישט פאַרשטאַנען און מיך שטיין געלאָזט אינמיטן גאַס און אַנטלאָפן.

די פרוי

און דאָס אַלץ הינטער מײַנע אויגן.

דער מאַן

אָבער אויף צו מאָרגנס איז זי געקומען צוריק, אַ באַרויקטע און האָט געזאָגט, אַז זי וועט נאָך קעמפן קעגן זיך, נאָך אַ יאָר. און ווידער האָב איך דערפילט אין מיר דעם ליבטיקן באַנד לויפן, לויפן. פון אומענדלעכקייט אין אומענדלעכקייט.

די פרוי

אָבער נאָך איז אַלץ נישט קלאָר, ווי קומט זי איצט אַהער?

דער מאַן

און דאַן זענען געקומען דריי ווילדע טעג. צו מיר איז זי מער נישט געקומען, און קיין בריוו זענען אויך נישט געווען, נור אַז איך האָב אין אַן אָוונט אַמאָל אַרויסגעקוקט דורך דעם פענסטער, איז זי דאָרט אַנטקעגנאיבער צווישן די ביימער געשטאַנען. און אַזוי האָט זי שווײַגנדיק געקוקט צום פענסטער צו מיר אַרויף און איך צו איר אויף דער גאַס אַראָפּ. און דאַן זענען צוויי וואָכן אַוועק ביז הײַנט — מער ווייס איך גאָרנישט.

די פרוי

און די מיטאָגן זענען געגאַנגען זייער וועג, און די נאַכטמאָלן, און די נעכט.

דער מאַן

וואָלסטו נישט געוואַרט דאָ אונטער דעם טויער הײַנט, וואָלט איך אפשר מיט איר גערעדט, אָבער דו האָסט געהיטן, און איך האָב דיך געהיטן. וואָס פאַר אַ בושה! צוויי מענטשן, וואָס האָבן לעבן און אויך טויט אויף דער וועלט געבראַכט.

די פרוי

און איצט איז אַלץ נאָך מער פאַרפּלאָנטערט געוואָרן, ווי עס איז געווען.

[ד]ער מאַן

דאָס אַלץ ווייס איך, מער ווייס איך נישט.

די פרזי

אָבער איך ווייס מער; איז נישט דער פּאָטער, איז דער זון. פון קיין שטאַרקן כאַראַקטער זאָגט עס נישט.

דער מאַן

קענסט נאָך ערגער רעדן. עס איז אַלץ איינס. קענסט זי אפילו ווי אַ גאַסן־מיידל דאָ אין דער שטוב באַטראַכטן. מיך אַרט דאָס נישט. נישט פאַר מיר און נישט פאַר מענטשן — וואָס איך האָב ליב, שרעקלעך ליב. און איצט נאָך מער, אַלע רגע מער און מער. דאָס האַרץ שטראָמט איבער, אפילו צו אַ טאַט בין איך גרייט. אפשר האָט ערשטע מאָל אין מיין לעבן. אָבער וואָס טון? ווי האָב איך זי אומענדלעך ליב. פאַר דעם, וואָס זי האָט געטון. עס איז געווען אַ בלינדע טאַט, אָבער אַזאַ שרעקלעכע. וויפיל בענקשאַפט איז געווען אין אַ מענטשן, וואָס האָט דאָס געטון. זי האָט דאָך געוווסט ווער ער איז, און דערפאַר האָב איך זי נאָך מער ליב. זע מיך איצט וויינען נאָך זעקס יאָרן ווידער אַמאָל, זע מיך איצט וויינען — איך שעם מיך נישט מיט דעם. נישט איבער מיר, איך וויין איבער די צוויי שרעקלעך טרויעריקע מענטשן, איבער איר און איבער מיין זון. (געוויין טרייסלט אים, ער פאַלט קניענדיק צו דער זאַפּע) אָט דאָ איז עס געשען. דער גאַנצער טרויער פון דער וועלט איז דאָ געווען היינט נאַכט.

די פרזי

(דערהערט שריט, לויפט צו צום פענסטער) ער גייט! ער גייט!

דער מאַן

(כאַפּט זיך אויף און לויפט צום פענסטער צו) מיט איר, זיי גייען דאָ אהער!

די פרזי

אָ, ווי נעמט מען קראַפט אַזויפיל, וואָס וועט איצטער זיין?

דער מאַן

צוערשט טוסטו, דאַן דערשרעקסטו דיך פאַר דיין אייגענער טאַט. נעם דיך איצט צוזאַמען און שווייג, דאָס איז דער בעסטער אויסוועג.

די פרוי

(דערשראָקן און געפאַלן ביי זיך) איצט איז מיין צייט אָפּצורוקן זיך איינגאַנצן פון דאַנען. אָבער ווו וועל איך איצט גיין, ווו וועל איך איצט גיין, אין אָט דער נאַכט, אין הערבסט פון לעבן —

דער מאַן

דו בלייב דאָ —

די פרוי

און דו?

דער מאַן

פאַר מיר איז איצט געוואָרן נישטאָ קיין צווייטע וועגן, עס איז קלאָר.

די פרוי

איבעריקע דראָונג, איך האָב נישט קיין מורא פאַר זיי. צי דאָס דאָס לעבן האַלט אונז, צי מיר האַלטן זיך אַזוי קראַמפּהאַפט אין לעבן, יעדנפאַלס זענען מיר ביידע צו דעם נישט גרייט.

דער מאַן

נישט קיין דראָונג, נור עס איז דאָך קיין אויסוועג נישטאָ. איך בין דאָך אויך אַ מענטש, איך האָב דאָך אויך אַ רעכט אַמאָל מורא צו באַקומען פאַר קומענדיקע טעג.

די פרוי

(די טיר אין דער שטוב לינקס עפנט זיך, צוויי מענטשן זענען אַריינגעקומען.) זיי זענען שוין דאָ, זענען שוין אַריינגעקומען, ביידע.

דער מאַן

(קוקט נישט אין יענער שטוב, גייט אין אַ ווינקל) זי איז מיט אים? זי?

די פרוי

ער לאָזט זי איבער אין יענער שטוב.

דער זון

(גייט אַריין, שליידערט שוויגנדיק מיט פאַרשידענע זאַכן, פאַרשליסט מיט כעס די אָפענע שופלעדער) וואָס איז דאָ פאַר אַן איבערקערעניש? וואָס?

די פרוי

ווי גליקלעך זענען מיר, וואָס דו ביזט שוין דאָ.

דער זון

נישט אויף לאַנג, איך גיי באַלד ווידער.

דער מאַן

ווי זאָל מען דאָס פאַרשטיין?

דער זון

(בייז) אַזוי ווי עס איז.

די פרוי

איצט אָבער, זון, באַרויק דיך, נור באַרויק דיך. אין אַזעלכע שווערע מינוטן איז דאָס דער בעסטער אויסוועג. שווער — געוויס, אײנ־מאָל האָט עס דאָך געמוזט קומען.

דער זון

זי איז דאָ מיט מיר.

די פרוי

מיר זעען דאָך.

דער זון

(צום פאָטער) איך האָב עפּעס צו רעדן מיט א י י ך.

די פרוי

איך האָב אָבער אויך צו רעדן מיט דיר.

דער זון

נישט מיט דיר, נור מיט דעם פאָטער; פאָטער איך האָב עפּעס צו רעדן מיט א י י ך.

דער מאַן

רעד!

דער זון

זי דאַרף זיין דערביי, איר דאַרפט קוקן אין איר פּנים.

דער מאַן

איך בין גרייט, ווען דו ווילסט, רוף זי.

דער זון

(גייט אין דער צווייטער שטוב, מען הערט אים רעדן, די פרוי הערט זיך איין מיט אָפענער נייגיר, דער מאַן — שטום און

דערדריקט) קומט מיט אריין מיט מיר, זייט נישט שלעכט, קומט.
עס מוז דאך אזויפיל קלאר ווערן. (צערטלעך, אבער געוואלטזאם)
קומט מיט מיר, איר טארט דאך איצט מיך נישט לאזן אליין,
איר טארט נישט (געוויין ענטפערט אים) איר טארט נישט, איך
בעט אייך. איך בין דאך א מענטש, איך בין דאך נישט קיין
קינדערשפילעריי אין קיינעמס הענט. קומט! נאך איינמאל זאג
איך עס — וואס קען איך דען טון, אז איך קען נישט אנדערש.
איבעריקנס — עס איז העסלעך, נור איך מוז עס טון. (מען הערט
אים פארמאכן די ארויסגאנג־טיר און ציען דעם שליסל) דא מוזן
היינט קומען אנטשיידונגען, אפילו ווען איר וועט שווייגן, און
נישט גיין דארט אריין — (צוריק אין שטוב) זי וויל נישט גיין
אהער אין שטוב, אבער זי הערט דאך, וואס מיר רעדן.

די פרוי

נישט איצט איז צייט אויף צערטלעכקייטן און אויף מאניערן;
צו וואס האסטו זי דא געבראכט אין אט דער שטוב? נישט פרעגנ־
דיק ביי קיינעם — נישט פרעגנדיק ביי מיר —

דער זון

איך בין איצט געקומען מיט איר, ווייל איך האב געוואלט, איז
דאס נאך ווייניק?

די פרוי

פריער האב איך דאס געקענט פארשטיין, דו האסט נישט געוווסט,
אבער איצט ווייסטו דאך שוין, ווער —

דער זון

ווילסטו, אז זאכן זאלן קלאר ווערן, אדער ווילסטו בלויז א געקריג?

די פרוי

צו וואס עס איז געקומען, צו וואס —

דער זון

היינט נאכט זענען דאך באמת איבעריק אלע די איבעריקע רייד.
ענדלעך איז דער לעצטער קניפ פון דער אומגליקלעכער שטוב
אין אונזערע הענט. זאל מען אים אויך איצט ארויסלאזן, לאזן
ווייטער זיין קניפ? ניין, ניין — היינט מוז ער פונאנדערגעריסן
ווערן. אויב די שטוב האט זיך באמת בלויז צוליב מיר געהאלטן.

די פרוי

ווי שרעקלעך, וואָס מיינסטו מיט די ווערטער? דו גאָר וועסט זיין דער, וואָס וועט דעם קניפּ פונאַנדערדרייסן? דו גאָר?

דער מאַן

דער לעצטער קניפּ דאָ בין איך דאָך געווען. איך, נישט דו, און איך —

די פרוי

(ענטפערט נישט אויף די ווערטער פון מאַן) זאָג גיכער, וואָס דו מיינסט, זון מיינער, זאָג גיכער.

דער זון

רעד איך דען נישט קלאָר גענוג? איך קען דאָך אָבער נישט אַלץ, וואָס איך האָב אַזוי גוט דורכגעטראַכט, אין עטלעכע ווערטער אַרויסשטויסן.

די פרוי

(נאָענט ביים זון) איך וועל עס נישט דערלאָזן, איך וועל עס נישט, דאָס וואָס עס דאַרף טרעפן דיין האַרץ, וועט פריער טרעפן מיינס. איבער מיין טויטן קערפּער וועט עס געשען, אויב עס דאַרף עפּעס שלעכטס געשען.

דער מאַן

בלייבט אַליין, אַלע דריי אַליין. איר וועט זען, אַז אַלץ וועט דאָ באַלד קלאָר ווערן. (גייט צו צו דער טיר און רעדט אין דער צווייטער שטוב) היינט קענט איר באַווייזן די ליבע פון אַלע אייערע יאָרן. נור דער פּלאַם פון אייער ליבע קען דאָ נאָך ליכטיק מאַכן. שפּרייט זי אויס דאָ אין דער שטוב. דאָ איז זי קיינמאָל נישט געווען. איר קענט עס באַווייזן, נור איר, מיין קינד —

די פרוי

(צום זון) אין דיין מוטערס שטוב אַזעלכע ווערטער, און צו וועמען? צו איר — איך האָב דאָך שוין צוואַנציק יאָרן אַזעלכע ווערטער נישט געהערט. דו ביזט דאָך מיין זון, איך בין דאָך דיין מוטער, מוטער, מוטער. בלוט בינדט אונז דאָך. איז דען דאָס שוין גאָרנישט מער?

דער זון

(גייט אריין אין דער צווייטער שטוב, שטעלט זיך דעם פּאָטער אַנטקעגן) איר וועט פון דאַנעט נישט גיין, דער שליסל פון שטוב איז ביי מיר איצט. איר האָט בכלל נישט מער דאָ. צו באַפעלן אין אָט דער שטוב. איר וועט גיין צוריק, ווייל איך וויל אַזוי. איר דאַרפט נאָך ענטפערן אויף אַ סך. (נעמט אים אָן ביי דער האַנט און פירט אים אין דער שטוב צוריק. זעצט זיך אויף דעם קאָפּ פון דער זאָפע).

דער מאַן

(אַ רגע נישט אַנטשלאָסן, שפּעטער זעצט ער זיך אויף דעם צווייטן עק פון דער זאָפע) רעד, איך הער דיך.

די פרוי

נור מיט אים האָסטו דען צו רעדן? (זעצט זיך אין דער מיט פון דער זאָפע).

דער זון

זאָגט מיר איצטביידע, זאָגט מיר און קוקט מיר גלייך אין פּנים און קוקט אויך זיך ביידע אין פּנים. זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט יענער זיך גענומען דאָס לעבן? שוין דענסמאָל האָב איך דעם אמת געהערט און נאָך אַלץ נישט — דעם גאַנצן אמת.

דער מאַן

צוערשט, ווייל ער האָט נישט געקענט לעבן, און דאַן —

די פרוי

ווייל דיין פּאָטערס גלייכגילטיקייט צו אַלץ האָט אים אומגע־ברענגט, ווייל איר זענט ביידע נישט דאָ געווען צוליב אייך אליין, נור צוליב אונז. און ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט זיינע קינדער, נור — (ווייזט מיט דער האַנט אין דער צווייטער שטוב).

דער מאַן

יענער האָט געלעבט צוליב אונז, דאָס איז אמת, דו אָבער — ווי שרעקלעך דער אמת זאָל נישט זיין — ביזט געקומען בלויז צוליב איר. כאָטש איך האָב דיך ליב, גלויב מיר, איצט גלויב מיר, אַז איך האָב דיך ליב.

דער זון

פּאָטער, מוטער, ווי האָט איר געקענט אויף אַ פרעמדן מענטש, וואָס איר האָט נאָך זיין פּנים נישט געזען, אַרויפלייגן אַזאַ שווערע לאַסט? ווי האָט איר געקענט אַ פרעמדן מענטש איינשפּאַנען אַרויסצופירן אייער לעבן פון אַזאַ בלוטיקן זומפּ —

די פרוי

און עס איז געקומען ליבע אין זיין האַרץ, ווידער געקומען (ווייזט אויף דער טיר) אַהין! אַ שווערע און אַ גרויסע ליבע. נישט צו דיין מוטער, וואָס האָט אַזוי שווער געבלוטיקט, ווען דו ביזט אויף דער וועלט געקומען. אָ, ווי שווער דו ביזט אויף דער וועלט געקומען.

דער זון

אָבער נאָך שווערער גיי איך אַוועק.

די פרוי

(קושט אים, האַלט אים צו דאָס מויל) רעד נישט, רעד דאָס נישט, נור דאָס נישט.

דער מאַן

(ווי צו זיך) מיט אַ קללה אויף די ליפּן איז יענער געשטאָרבן, קיינער האָט זי נישט געהערט, נור איך, איך טראָג זי אין האַרצן שוין אַזויפיל יאָרן — איך קען נישט מער.

די פרוי

(מיט אויפגעריסענע אויגן און אַן אָפן מויל) און איך האָב דערפון ביז איצט נישט געוווסט, נישט געוווסט. די לעצטע ווערטער פון אונזער זון — האָסטו פאַר מיר באַהאַלטן.

דער מאַן

(צו זיך) בלוט איז געפלאָסן פון זיין מויל, און אין בלוט האָט ער געזאָגט מיר גלייך אין אויער אַריין: איך שענק עס אייך נישט. אויב איר קענט, לעבט אַלע ווייטער.

דער זון

אָ, בעסער וואָלט איך דאָס נישט געוווסט. וואָס בין איך שולדיק געווען, פאַרוואָס האָט ער אויך מיך געשאָלטן?

ד ע ר מ אַ ן
קיינער איז דאָ אין דער שטוב נישט שולדיק, כאָטש איינער וואַרפט די שולד אויף דעם אַנדערן.
ד ע ר ז ו ן
מיר גייט עס נישט אין קיינעמס שולד, איך וויל נור וויסן קלאָר.
ד י פ ר ו י
רעד דאָך צו מיר אויך אַ וואָרט. איך וויל דאָך אַזוי, אַז דו זאָלסט היינט רעדן צו מיר. משפּט מיך וויפיל דו ווילסט, מיין האַרץ איז אָפן פאַר דיר, עס איז אַן אומשולדיק מוטער־האַרץ.
ד ע ר ז ו ן
מיר גייט עס נישט אין משפּט, איך זוך נישט קיין נקמה. עס גייט אין עפּעס גאָר, גאָר אַנדערש.
ד ע ר מ אַ ן
אָט האָסטו דעם ערשטן שריט געמאַכט אויף אַ וועג, וואָס קען דיך אַרויספירן, וואָס קען אונז אַלע אַרויספירן.
ד י פ ר ו י
עס איז אָבער בעסער ווען עס זענען דאָ פאַרמשפּטע. אַזוי איז דאָס געוויסן ריינער, און דאָס לעבן גרינגער פאַר די, וואָס זענען געמשפּט און נישט פאַרמשפּט געוואָרן.
ד ע ר ז ו ן
(לאַכט) גלויבסטו מוטער אויף אַן אמת, אַז עס גייט דאָ נאָך אין ווייטערלעבן?
ד ע ר מ אַ ן
אין דער רגע גייט עס דיר אפשר נישט. איך גלויב עס דיר. אָבער אין אַ רגע קען עס אַנדערש זיין. דאָ איז דאָך אַ פּאַטום דאָ איבער אָט דער שטוב. עס האָט אַ ליכטיקע זייט און אַ פינסטערע זייט, ווער ווייסט מיט וועלכער זייט עס וועט זיך דאָ באַלד שטעלן צו אונז. מען קען עס נישט פאַרשטיין, אפילו מיט איין רגע פאַרויס.
ד י פ ר ו י
ווי גרינג איז עס צו ווערן, ווי הערט ער זיך באַלד אויף צו טרענקען, ווען ער טרעפט נור אָן אויף אַ גייער פראַזע.

ד ע ר מ א ן

(הויבט זיך פלוצלונג האפערדיק אויף פון ארט, גייט צו צום זון, נעמט אים אן ביי די הענט) זאג מיר אפן און ערלעך, אזוי ווי צו א נאענטן פריינט, זאג מיר, האסטו זי ליב באקומען?

ד ע ר ז ו ן

(איבעראשט פון די אפענע רייד) איך האב עס דיר דאך שוין היינט געזאגט, איידער די נאכט האט זיך אנגעהויבן. זי איז דאך די ערשטע, די ערשטע, אינגאנצן די ערשטע. פאטער, דו גלויבסט, אז דאס איז ליבע? איך ווייס נישט. אין דעם ערשטן טאג איז זי מיר גלייכגילטיק געווען, אין דעם צווייטן טאג האט זי מיך פאראינטערעסירט, און אלע טאג שטארקער און שטארקער. און פלוצלונג האט זי מיר אמאל געזאגט, אז צו מארגנס וועלן מיר זיך נישט באגעגענען, האב איך מיך געשעמט, אבער איך האב געפילט, אז איך וועל דעם טאג דערשטיקט ווערן. און עס ציט מיך מיט אזא געוואלטיקער קראפט צו איר; איז עס ליבע? אויב יא, דאן האב איך זי שרעקלעך ליב.

ד ע ר מ א ן

ווי גוט איז, ווי גוט איז, וואס ד ו האסט זי ליב. נישט די ליבע צווישן אונז צוויי, דיין פאטער און דיין מוטער, ועסטו ווידער ברענגען אין את דער שטוב, איצט איז שוין געווים צו שפעט, נור דאס לעבן וועסטו דא ווידער פארפעסטיקן.

ד ע ר ז ו ן

ווי גוט דאס איז, ווען מען רעדט אפענע רייד, ווייסטו פאטער, איך ווייס דאך אלץ, אלץ. זי האט מיר איצט שוין אלץ געזאגט. עס האט נישט קיין זין געהאט מער עס צו באהאלטן. איך האב נור איין ווארט געפרעגט און זי האט מיר טויזנט געענטפערט. איך בין דער ערשער געווען, ווען זי האט דאס אלץ געזאגט. זי האט דעם ערשטן מענטש היינט די נשמה געעפנט, און זי האט דעם ערשטן מענטש היינט איר מיידלישן קערפער געשענקט.

ד י פ ר ו י

(לאכט) א ווי דו ביזט נאך יונג, ווי דו ביזט יונג.

דער מאַן

(פרעסט די הענט צוזאַמען) גאָט איז מיט דיר! שווייג!

דער זון

מוטער!

די פרוי

(דערשרעקט זיך פאַר איר אייגן געלעכטער, דאָס פּנים ווערט בלייך און טיפערנסט) און מיט מיר רעדסטו היינט גאַרנישט, האָסט מיך אינגאַנצן אַוועקגערוקט?

דער זון

מוטער, מוטער! (רעדט ווייטער צום פאָטער) פאָטער, עפן דיין האַרץ אינגאַנצן פאַר מיר, פאָטער, ווייסטו אַז דאָס ערשטע מאָל ווער איך היינט געוואָר, אַז דו האָסט אויך אַ האַרץ, אַ מענטשלעך האַרץ. עפן עס היינט פאַר מיר, זאָג מיר אָפן און ערלעך זאָג מיר, האָסטו זי נאָך ליב? שטאַרק ליב? אַזוי ווי אַמאָל, אַזוי ווי אַלע די יאָרן? איך ווייס דאָך אַלץ.

דער מאַן

(לאַכט פריידיק, די שפּיל איז קוים צו מערקן) שטאַרק? קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט, קיינמאָל האָב איך זי נישט שטאַרק ליב געהאַט. ווי קענסטו דען גלויבן? — ביי דעם אונטערשיד פון יאָרן? היינט האָסטו מיך אַביסל דערקענט. איך וואָלט געזינדיקט, ווען איך וואָלט דאָס אַלץ צו ליבע אָנגערופן, אָבער עס פאַרדינט דאָך קוים אויף דעם נאָמען ליבע. און איצט, איצט, אַז עס זענען שוין אַזויפיל יאָרן אַוועק. זי איז דאָך אַ קינד קעגן מיר, האָב איך געמוזט שפּילן. איך האָב געהאָפט, אַז זי וועט פאַרגעסן, פאַרגעסן. איך האָב געוואָלט אַלץ אַרויספירן אויף אַ ליכטיקן וועג, זאָל עס צושווומען ווערן אין ליכט און נישט דערטראָנקען ווערן אין פינסטערניש און אין נאַכט. געשפּילט האָב איך, עס ליגט אין מיין נאַטור צו שפּילן, איך קאָן עס מער נישט אויס־ראַמען אין מיר. (גאַנץ שטיל) קלאָר — איך האָב זי נישט ליב.

(אַ לאַנגע רגע שווייגן, די פרוי פון דער צווייטער שטוב גייט צו צו דער טיר, די הענט אויף איר פּנים, פּלוצלונג טרייסלט זי אויף אַ דערלייכטערנדיק געוויין און זי גייט

ווידער אין דער צווייטער שטוב צוריק. די עטלעכע רגעס, וואָס זי איז אין דער טיר געשטאַנען, האָבן זי אַלע מיט פאַרשטיינערטער שרעק אָנגעקוקט).

די פרוי

(כאַפּט זיך אויף) אַ ליגנער, אַ געמיינער ליגנער! ערשט האָט ער דאָך אַלדערש גערעדט. נישט גערעדט, געשריגן האָט ער עס, געוויינט האָט ער עס. ווי אַ קליין קינד. עס האָט מיך אַזש גע־עקלט פון אים, פון דעם פאָטער פון מיינע צוויי דערוואַקסענע זין. אַ פאָטער פון אַ זעלבסטמערדער און פאַרליבט ווי אַ יונג ייִנגל פון פופצן יאָרן. אָט דאָ ערשט, אויף דעם זעלבן אָרט, איז ער דאָך אויף דער ערד געלעגן, איין רגע, איידער דו ביזט אַריינ־געקומען. נישט גענוג אָפּט קען איך אים דערקענען. אַלעמאָל אַנטפּלעקט ער זיך פון נייע זייטן. עפּעס ווי אַן אָפּגרונט פון געמיינהייט וואָלט אין אים געווען, אַלעמאָל שעפּט ער פריש פון דאָרט, אַלעמאָל אומדערוואַרטעט. די הויט וואָלט איך מיר געריסן פון יעדן אָרט, וווּ זיינע הענט האָבן זיך צוגערירט אַמאָל!

דער מאַן

(מיט פעסטער רויקייט) זעסטו דען נישט, אַז דאָס איז דער לעצ־טער אויסוועג אירער? איך ווייס נישט פאַרוואָס זי וויל נישט, אַז דו זאָלסט דיך מיט איר (ווייזט אויף דער טיר) פאַרבינדן. אַמאָל כאַפּט זי אָן אַ ליידנשאַפט צו צעשטערן אָן שום סיבה. עס איז קיין שום לאָגיק נישט דאָ אין דעם איצט צו צעשטערן דאָס גליק, וואָס פאַרבינדט זיך דאָ. עס איז דאָך קיין ברעקל ליגנט נישטאָ מער צווישן אונז, צווישן אונז אַלע פיר. אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן. דאָס וואָס איך האָב דיר דאָ ערשט געזאָגט איז אמת אינגאַנצן. קוק מיר גלייך אין די אויגן אַריין און זע, אַז דאָס איז אמת.

די פרוי

(ווי די לעצטע ווערטער וואָלטן זי אַ ברי געגעבן) אַנטקעגן זיינע ווערטער בין איך דאָך מאַכטלאָז. אַ, מיט וואָס פאַר אַ קראַפט קען איך דיך איבערצייגן, אַז מיינע ווערטער זענען דאָ אינגאַנצן אמתע געווען. אַ, ווען די טויטע זאַכן וואָלטן געקענט רעדן, ווי

וואָלטן זיי אים אין פּנים געשפּרונגען פאַר דעם שרעקלעכן ליגנט.
איך וואָלט מיך איצט געשטעלט נאַקעט פאַר דיר, דיך צו איבער־
ציינגן. (זי הויבט אָן אין גאַנץ פון אַבסאָלוטער אוממאַכט די קליי־
דער פון זיך צו רייסן) און איבעריקנס, פרעג ביי איר, פרעג ביי
איר אַליין — (זי זעט, אַז עס איז איר געלונגען איבערצובויגן
דעם זון אויף איר זייט און זי באַרויקט זיך ווידער מאָמענטאַן)
איר גלויבסטו דאָך? פרעג ביי איר.

דער מאַן

זעסטו דען די היסטערישע אויסברוכן ביי דיין מוטער צום ערשטן
מאָל, גלויבסטו דען נאָך אין זיי?

דער זון

אָבער דאָס לעצטע איז דאָך נישט אוממעגלעך, איך מעג זי דאָך
פרעגן. און איך האָב נאָך עפּעס מער צו פרעגן ווי דאָס, וואָס
די מוטער וויל.

דער מאַן

(הויך און דייטלעך צו דער אַנדערער שטוב) די ליבע פון אַ פרוי
פאַרוואַנדלט זיך אָפט און פּלוצלונג אין אַ שרעקלעכן האַס, און
דאַן קען זי אַלץ צעשטערן אויף איינמאָל, פון אַלץ מאַכן אַ באַרג
מיט אַש, דאָס געשעט דאַן ווען אַ פרוי ווערט אַמאָל באַליידיקט,
שווער באַליידיקט, אומגערעכט באַליידיקט; און עס קומט איבער
איר אַ כוואַליע פון אַ געוואַלטיקן האַס. אָבער דער האַס ווערט
אַמאָל פּלוצלונג פאַרוואַנדלט אין ליבע און אין גוטסקייט, און
דאַן בליען זאַכן אויף, וואָס זענען שוין לאַנג אונטער חורבות
באַגראָבן געווען.

די פרוי

(קוקט פאַרשטענדניסלאָז) אַט מיט די שיינע ווערטער שיט ער
שטענדיק אין מיינע פאַרוויינטע אויגן, ווי מיט זאַמד.

דער זון

דיינע ווערטער, וואָס זיי זאָלן נישט זיין, זענען דאָך איבעריקע
איצט און זיי טוען מיר ווי, איצט איז דאָך נישט די צייט אויף
זיי.

דער מאַן

דו גלויבסט מיר דאָך, זון, דו גלויבסט מיר דאָך?

דער זון

(שטייט אומאַנטשלאָסן צווישן פאָטער און מוטער) אָ, וואָס זאָל איך איצט טון? אָ, וואָס זאָל איך איצט טון?

דער מאַן

איצט שטייט דיר אָפן דער וועג צום גליק, איצט וועט זי זאָגן יאָ, איצט וועט זי דיר ענטפערן דאָס, וואָס דו ווילסט הערן, און איך האָב דיר דאָך שוין אַלץ געזאָגט. און אָט דער פרימאָרגן, וואָס גרויט דאָ אין דעם פענסטער (דייטלעך בלוילעך איז דאָס פענסטער אין די לעצטע רגעס געוואָרן) וועט דאָס ערשטע מאָל אין אָט די ווענט דערזען מענטשן, וואָס האָבן דאָס לעבן פאַרשטאַנען, וואָס זענען גליקלעך געוואָרן. (צו דער פרוי) אויך דו, אויך דו.

דער זון

און דו?

דער מאַן

(קושט דעם זון) וועל ווייטער גיין, אויך זוכן גליק.

די פרוי

נור איך וועל אין ערגעץ נישט גיין, מיך קענט איר דאָ שוין לאָזן אויף אַ קופּע פון חורבות און מיט אַ בילד פון אַ טויטן —

דער זון

וואָס זאָל איך דען איצטער טון?

די פרוי

(שטייט אויף) געמיינע ליגנער, געמיינע ליגנער. (זי שרייט אין דער צווייטער שטוב אריין) געמיינע ליגנער זענט איר אַלע.

דער מאַן

זיי אַנטשלאָסן, זיי פעסט, זיי איינמאָל דאָס, וואָס דער פאָטער דיינער איז קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געוועזן.

דער זון

(אין דער שוועל פון דער טיר, מיט דעם פּנים צו דער צווייטער שטוב, מיט דער לינקער האַנט פאַרדעקט ער זיך די אויגן,

מיט דער רעכטער און הויכאויסגעשטרעקטער האנט לענט ער זיך אָן אָן דער רעם פון דער טיר) זאָג מיר, קען דאָס אַלץ מעגלעך זיין, וואָס דער פאָטער האָט מיר דאָ איצט געזאָגט? קען דאָס אַלץ מעגלעך זיין?

(שווייגן)

זאָג מיר, איז כאָטש דאָ אַ צענטער טייל פון דער געוואַלטיקער ליבע מיינער צו דיר אין דיין האַרץ אויך צו מיר?

(שטיל געוויין אין יענער שטוב)

עס איז מיר שווער, שווער דיך צו מאַטערן, אַזוי שרעקלעך שווער, און דאָך מוז איך עס, איך קען נישט אַנדערש היינט. שטענדיק וועל איך אַנדערש זיין, נור היינט קען איך נישט אַנדערש. איך פיל דיר מיט, און דאָך, און דאָך בעט איך דיך, זאָג מיר איין איינציק וואָרט, וואָס וועט זיין פאַר מיר לעבן אָדער טויט. זאָג מיר איין אייציק וואָרט.

(דאָס געוויין אין יענער שטוב איז שטאַרקער)

זאָג מיר יאָ, זאָג מיר בלויז: יאָ, און דו וועסט אַלץ האָבן געזאָגט.

(דורך טרערן און שטיל ענטפערט מען אים: ניין!)

(ער רייסט זיך פּלוצלונג אַריין אין יענער שטוב)

די פרוי

אַ גאָט!

דער מאַן

עס איז געשען!

(עס דערהערן זיך צוויי שאָסן — צוויי קערפּערס פאַלן אין ווילדן אויסגעמישטן געשריי פון אַ מענער־שטים און אַ פרויען־שטים).

דער מאַן

(לאַכט דורך געשריי) צו אַ נייעם לעבן האָרף מען גיין איבער מתים!

די פרוי

(מיט ווילדן געשריי) ער אויך? ער אויך?

דער מאַן

ער אויך! אויך!

די פרוי

(רייסט די פענסטער אויף, שרייט אומעטום) ראטעוועט! ראטע־וועט!

דער מאן

(לאכט) איצט שטייסטו, ווייב, אויף דיינע רואינען. (לאכט ווייטער) איצט זענען מיר ביידע נייגעבוירן. איצט שטייט גארנישט מער אין וועג צו א ניי לעבן! איצט זענען מיר ענדלעך ווידער פריי! איצט קען זיך דאס לעבן אנהויבן ווידער! (מענלעך געוויין רייסט זיך ווילד פון זיין צעעפנט מויל און די פויסטן שלאגן זיך איבער זיין קאפ צוזאמען — ער פאלט שווער און אנאטעמדיקער, לאנגגעצויגענער געשריי דעקט אים צו).

ליבע און טויט

דריי אַקטן

פּערזאָנען:

דריטער — פערציק יאָר אלט.

ווייב — פינף און צוואנציק יאָר.

מאַן — נישט קיין חילוק וויפיל יאָר, דאָך נישט איבער פופציק, נישט אונטער דרייסיק.

צייט:

ווען עס וועט געשפּילט, און ווען געלעזן ווערן — שטענדיק קעגנוואַרט.

צווישן דעם ערשטן און דעם צווייטן אַקט פאַרגייען עטלעכע מעת לעת, צווישן דעם צווייטן און דעם דריטן אַקט — אַ האַלבער טאָג און אַ האַלבע נאַכט.

דער ערשטער אקט

די דעקאראציע: רעכטס און לינקס פון צושויער. אוונט. שלאפשטוב מיט אויסגעזוכטן געשמאק איינגעארדנט. עס איז אן איינזאמע דירה פון א גארטנהויז. רעכטס א טיר אין א קינדערשטוב, לינקס א טיר אין דער דינערשטוב. אין דער הויפטוואנט א גרוים און אפן פענסטער, ביימער־שטאמען זעען זיך דייטלעך, צווייגן פאלן דורך דעם פענסטער אריין. עס איז שפעטער פרילינג. אינמיטן שטוב, אין דער קרום — קעפ פון די בעטן אביסל ווייטער איינס פון אנדערן — צוויי בעטן. פאר די בעטן א קליין טישעלע און צוויי שטולן דערצו. די טיר צו דער קינדערשטוב איז אפן. אין שטוב האלבטונקל, דאס גאנצע ליכט פון לאמפ, וואס איז מיט א טונקעלן אבאזשור ארומגענומען, פאלט אויף דעם טישל נעבן די בעטן.

מאן און ווייב

(זיצןביידעביים טיש, מאן רויכערט נערוועז איין ציגארעט נאך דעם אנדערן, ווארפט דורך בלעטער פון א צייטונג, ווייב לעזט נערוועז א בוך, קוקט זיך כסדר ארום, ברענגט שרייב־געצייג, שטעלט עס אויף דעם טיש אוועק, לעזט ווייטער, גייט צו צום פענסטער, וויל עס פארמאכן און עפנט עס ווידער).

מאן

ווילסטו דען שרייבן איצט א בריוו?

ווייב

צו וועמען — א בריוו?

מאן

דאָס וועסטו דאָך בעסער וויסן, צו וועמען דו גייסט שרייבן אַ בריוו.

ווייב

וואָס דאַרף איך דען שרייבן בריוו?

מאן

דאָך. נישט אַלץ קענען די ליפּן זאָגן.

ווייב

קען דען איין אָוונט נישט אַריבער אָן אַן אייפערזוכט־סצענע?

מאן

ווייסטו דען, וואָס איך האָב געמיינט?

ווייב

מיינסטו דען נישט שטענדיק דאָסזעלבע?

מאן

טראַכסטו דען נישט שטענדיק דאָסזעלבע?

ווייב

דעם אמת געזאָגט — יאָ.

מאן

און דאָס לעבן אונזערס וואָלט דאָך געקענט אַזוי שיין זיין, אַזוי שיין.

ווייב

איז עס דען נישט?

מאן

און עס וואָלט דאָך געקענט אַזוי אומענדלעך רויק זיין, אַזוי אומענדלעך רויק.

ווייב

האָסטו דען פון מיר נישט אַבסאָלוט אַלץ, וואָס עס פעלט דעם מאַן צו רו?

מאן

אייגנטלעך יאָ. (מאַכט מיט דער האַנט אַ שטריך איבער איר האַלז) ביז אַהער ביזטו אינגאַנצן מיין.

ווייב

זענען דען די ליפּן נישט דיין?

מאן

(ווידער אַ שטריך מיט דער האַנט איבער אירע ליפּן) דאָן ביז אַהער.

ווייב

(עפנט ברייט די אויגן און קוקט אים אָן מיט אַ שמייכל) זענען דען די אויגן נישט דיין?

מאן

(נאָך אַ שטריך מיט דער האַנט העכער פון אירע אויגן) אָבער ווייטער, ווייטער — און דאָס פּייניקט אַזוי.

ווייב

וואָס איז דען דאָס ווייטער, דאָס העכער, ווערט ביי אַ פרוי? אַ דאָקטאָר פאַרשטייט עס דאָך צום בעסטן. אויף דעם העכער האָסטו דאָך קיינמאָל נישט קיין אַכט געלייגט. און איבעריקנס — ווי אָפט פאַרגראָבסטו דאָס פּנים דיינס אין מיינע האָר.

מאן

דו לאַכסט פון מיר. עס גייט אין דיינע געדאַנקען. ווען איך וואָלט זיי נישט געוווּסט, נישט געקענט אַזוי גוט — עס וואָלט נישט אַזוי געפּייניקט.

ווייב

געדאַנקען שוועבן, וואָס זענען דען זיי? ווען איך וואָלט זיי געקענט איין רגע בלויז לענגער באַזיצן ווי דעם קערפּער — דאָן —

מאן

דו! (גלעט זי לײדנשאַפטלעך).

ווייב

ווידער? צום צווייטן מאָל היינט? ערשט פרי — עס איז דאָך שוין הויכער טאָג געווען.

מאן

דו, איך וויל, אז דו זאָלסט מיר נאָך אַ קינד געבוירן.

ווייב

ווערט דען אַ קינד געבוירן אין די געדאַנקען?

מאן

נור דאָס נאָך קען מיך באַרויקן, נור נאָך דאָס.

ווייב

מוז עס זיין?

מאן

עס מוז, עס מוז.

ווייב

ווען דאָס וועט דיך באַרויקן, וועט עס זיין.

מאן

(קניט אַנידער נעבן איר, קושט אירע טיילנאַמלאַזע הענט) ווי בין איך דיר דאַנקבאַר, ווי בין איך דיר דאַנקבאַר.

ווייב

(פּלוצלונג באַפאַלט זי אַ פרייד) עס וועט זיין, עס וועט זיין אַ קינד. ווי בין איך דיר דאַנקבאַר, ווי בין איך דיר דאַנקבאַר דערפאַר.

מאן

(שטייט אויף, גייט אַרום איבער דער שטוב, שטעלט זיך אָפּ פאַרטראַכט נעבן איר) איז דאָס אַלץ אמת? אַלץ?

ווייב

ווי דען אַנדערש? איז עס נאָך ווייניק?

מאן

עס איז נאָך ווייניק, ווייל —

ווייב

קאָן איך נאָך מער געבן, ווי אַ קינד?

מאן

דו קענסט נאָך געבן מער, דו מוזט נאָך געבן מער.

ווייב

(אַלעמאָל מער דערשראָקן) מיר איז דאָס נישט קלאָר, נישט קלאָר.

מאן

דו דאַרפסט ווערן שוואַנגער — היינט, איצט.

ווייב

ווי געמיין דו רעדסט.

מאן

אָבער קלאָר און דייטלעך.

ווייב

זאָל זיין — ווידער, היינט, איצט, באַלד — זאָל זיין. דערפאַר וועלן אָבער ווייט זיין — די געדאַנקען. (זי זעצט זיך אויף דעם בעט, די קאָפּ־וואַנט פון בעט פאַרשטעלט זי, נור אירע אויגן זעען זיך אַרויס). —

מאן

דאָס איז מיין רעכט. הונדערטפּראָצענטיק רעכט. הונדערטפּראָ־צענטיק רעכט לאָזט נישט איבער קיין פּלאַץ אפילו אויף איין פּראָצענט געמיינהייט.

ווייב

(לאַכט העל) די מאַטעמאַטיק שטימט: הונדערטפּראָצענטיק רעכט לאָזט נישט איבער קיין פּלאַץ אפילו אויף קיין איין פּראָ—צענט געמיינהייט.

מאן

(גייט צו, טוט איר אויס די שיך, ציט פּאַנטאָפל אויף זיי אַרויף) אָט אזוי, מיט אַט דעם ווידערשטאַנד, ביזטו נאָך באַגערטער. דאָס איז אַ פיזיש געזעץ. דאָס איז אַן אייביק פיזיש געזעץ.

ווייב

עס שטימט לויט אַלע געזעצן, עס שטימט — מיין מאַן, עס שטימט. קענסט רויק גיין צו — דער אַרבעט.

מאן

מיט אַזעלכע צינישע ווערטער רייצסטו נאָך מער.

ווייב

(שטייט אויף, זי האָט איצט נור אַ לאַנג שלאָפקלייד אויף זיך, אַלע רגע זעט זיך פון אים אפיר אַ שלאַנקער, נאַקעטער פוס ביז הויך איבער די קני) האָסטו ליבער מיט, אָדער אָן ליכט?

מאן

(קושט אירע פינגערשפּיצן און גלעט אירע הענט ביז הויך אַרויף, ביז צו דער ברוסט) ווי שטענדיק, קינד מיינס — נישט אינגאַנצן פינסטער און נישט אינגאַנצן ליכטיק. אין אַלץ און אַלעמען — די גאָלדענע מיט.

ווייב

(לעשט אויס אַ העלפט פון ליכט, גייט צו צום פענסטער, פּלוצלונג — אַ שריי, זי וויל דאָס פענסטער פאַרהאַקן, עס עפנט זיך צוריק צוליב דעם צווייג, זי לאָזט עס אָפן און וואַרפט זיך אויף דעם בעט, שטיל יאָמערט זי אויס די שרעק).

מאן

וואָס איז דיר קינד, וואָס איז דיר?

ווייב

עמיץ —

מאן

עס איז נישט מעגלעך.

ווייב

און דאָך. אָבער איך בין שוין צוריק רויק, טו דיינס.

מאן

ווילסטו מיר דען נישט זאָגן, וואָס דו האָסט געזען. מען קען דאָך נישט אַזוי, מען מוז דאָך גיין אַ קוק טון אין גאָרטן.

ווייב

גאָרנישט, גאָרנישט. מאָרגן וועט מען מוזן אָפּשניידן די צווייגן, מאָרגן גאַנץ פרי.

מאן

מען קען זיי דאָך אַרויסשטופּן און דאָס פענסטער פאַרמאַכן.

ווייב

מען דאַרף נישט דאָס פענסטער פאַרמאַכן, איך וועל דערשטיקט ווערן, מען דאַרף נישט דאָס פענסטער פאַרמאַכן.

מאן

ווי דו ווילסט, אָבער עס וועט אויך קאַלט ווערן. איך האָב ליבער—

ווייב

שוין גענוג, שוין גענוג מיט דעם! ווי דו גרייטסט דיך, ווי צו א מאַלצייט. (עס קלינגט האַסטיק עטלעכע מאָל).

מאַן

אַט דאָס איז עס געווען. (ער לויפט אַרויס לינקס).

ווייב

(שטייט אויף, גייט האַסטיק צו צום פענסטער) קיינער נישט, וואָס האָט עס געקאָנט זיין? שטענדיק שטייט ער מיר פאַר די אויגן, אָבער אַזוי דייטלעך, אַזוי שרעקלעך דייטלעך — די קאָנ־טורן — (ווידער פון פענסטער אַוועק). נו, וואָס איז דאָרט?

מאַן

(קומט צוריק) אַך, דער שרעקלעכער באַרוף, דער שרעקלעכסטער! מען רופט צו א געבורט, דערצו אין א וויַיטן דאָרף. וועל ערשט אין בעסטן פאַל אין דער פרי דאָ זיין צוריק.

ווייב

איז עס א שווערע געבורט?

מאַן

א קאָנסיליום, מען האָט געהייסן אַלץ מיטנעמען. אָבער איך האָב געהייסן וואַרטן א פערטל שעה.

ווייב

און אין א פערטל שעה — — — אַך, טו עס בעסער נישט, פאַר שוין. דאָרט ליגט דאָך א מענטש אין שרעקלעכע ווייען.

מאַן

אָבער וואָס ווייען, עס איז נישט אַזוי געפערלעך.

ווייב

איך בין אָבער א פרוי, איך ווייס עס בעסער. איך בעט דיך, איך בעט דיך, פאָר שוין.

מאַן

(בייז, קען זיך נישט באַהערשן) ווען איך וואָלט דיך איצט געקענט פאַרשפאַרן, פאַרמאַכן ערגעץ, און דעם שליסל נעמען מיט מיר. וווינט מען דאָ, אונטן, אַלע פענסטער שטייען אָפן. איך וועל דיך נעמען מיט מיר.

וו ײַ ב

ביזטו װאַנזיניק געװאָרן? ביז איך װעל מיך אָנטון, דערװײַל גײט די צײַט אַװעק. װאָס װעלן זײ דען דאָרט טראַכטן, װען דו װעסט קומען אין דער נאַכט מיט דײַן װײַב?

מאַן

(כאַפּט זי אָן בײַ בײדע הענט) זאָג מיר צו, זאָג מיר צו, שװער מיר, שװער מיר — בײַ אים! בײַ דײַן ליבע צו אים!

וו ײַ ב

(נעמט אים אַרום, באַרויקט, קושט) װען דו װעסט קומען פֿרי, װעל איך נאָך ליגן אין בעט און װאַרטן אױף דיר. מיר װעלן פֿאַרציִען די טונקלסטע סטאָרן און אין שטוב מאַכן האַלב טונקל, אָנצינדן די ליכט, װי דו האָסט ליב. דו װעסט דיך אױסרוען נאָך דער נאַכט אַרבעט.

מאַן

איצט איז שױן גוט, איצט איז שױן גוט. איצט גײ איך רויק אַװעק. (קושט און װיגט זיך אַרײַן אין איר האַלז, זי קוקט זײַטיק אױף אים, ער גײט האַסטיק אַװעק).

וו ײַ ב

(גײט צו צו אַ שפּיגל און באַטראַכט דעם רויטן פֿלעק אױף איר האַלז) װעט שױן בלײַבן אַזױ אַ װאָך צײַט. קײן קראַפּט אין דער װעלט קען דאָס נישט פֿאַרמעקן, ביז עס פֿאַרגײט אַלײן. קײן קראַפֿט אין דער װעלט. (זי גײט אַרײַן אין דער דינער־שטוב, רעדט דאָרט עטלעכע װערטער, מען הערט זי זאָגן — אַ גוטע נאַכט — דאַן קומט זי אַרײַן, פֿאַרשליסט די טיר אױף אַ שליסל. גײט צו צום טישל, װיל זיך זעצן שרײַבן בריװ, קום זעצט זי זיך אַװעק, רופֿט דאָס קינד פֿון דער טיר רעכטס, זי גײט דאָרט אַרײַן, עס הערט זיך אַ צערטלעכער דיאַלאָג צװישן איר און דעם קינד, דאָס קינד באַרויקט זיך, זי גײט װידער צום טישל צוריק, שרײַבט, רעדט צו זיך די װערטער פֿון דעם בריװ): אַ טיפֿער, טיפֿער סוד — װיפֿיל גליק ברענגט דאָס — מיט פֿאַרשטאַרקטער, פֿאַלשער צערטלעכקײט צו פֿאַרדעקן אַ ליבע, װאָס איז אַזױ שטאַרק, װי נור דער טױט — װאָס איז גענצלעך אָן אָן אַנהױב

און איז געגצלעך אָן אַ סוף, דער טויט וועט דאָך זיין בלויז אַ סוף צו דעם לעבן, אָבער נישט צו דער ליבע — פאַרשטייסטו עס טיף, טיף — אַלץ אין מיר וואַרט אויף דיר — מיט דיר קען גור זיין איינמאָל צוזאַמענקומען און באַלד שטאַרבן — אַנדערש נישט, אַנדערש נישט — (רגעם שטילקייט, די הענט האַלט זי אויף איר פּנים, די טיר פון דער קינדערשטוב עפנט זיך און עס באַווייזט זיך אַ קינד אין אַ לאַנגן העמד: מוטער מיט וועמען רעדסטו? — זי שטייט האַסטיק אויף, דאָס קינד גייט צוריק אין דער קינדערשטוב) איך רעד מיט קיינעם נישט, דיר האָט זיך געדאַכט. גיי שוין צוריק אין בעט. שלאָף איין, שלאָף איין, דאָס האָט דער צווייג אין פענסטער זיך גערירט, איך וועל עס באַלד פאַרמאַכן, דאָס פענסטער. (זי גייט צו צום פענסטער, גייט אָבער מיט שרעק באַלד ווידער צוריק, גייט אין דער קינדערשטוב) אַלע־מאָל שלאָפסטו שוין לאַנג אין אַזאַ שפּעטער צייט. דער פּאַפּאַ איז אַוועקגעפאָרן, וועט קומען מאָרגן גאַנץ פרי, דו מוזט ווידער איינשלאָפן, דו מוזט באַלד איינשלאָפן, נו גוט איך וועל דערציילן, אָבער דו זאָלסט ליגן גאַנץ רויק, וועל איך דערציילן. (זי נעמט אַ קינדערשטולכל, זעצט זיך אַוועק נידעריק ביי דער שוועל פון דער קינדערשטוב) וואָס האָסטו דיר עפּעס איינגערעדט, אַז איך רעד מיט עמיצן? עס איז דאָך קיינער דאָ נישטאָ. אַז דו ווילסט, וועל איך דיר ווייזן, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ. (צו זיך) אומדער־טרעגלעך, מאָרגן וועט זי דערציילן, אַז איך האָב מיט עמיץ דאָ גערעדט. (ווידער הויך) נו גאָט, וואָס איז דאָס אַזוינס, מיט וועמען זאָל איך דען רעדן? נו ליג שוין רויק. אַמאָל איז געוועזן, געוועזן, געוועזן — אַמאָל איז געוועזן — אַ פּרינץ — ניין, אַמאָל איז געוועזן, געוועזן — אַן אַלטער קעניג, ניין, אַ יונגער קעניג, איז ער געוועזן הויך און האָט געהאַט צוויי טיפע גרויסע אויגן, אַז ער האָט אָנגעקוקט מיט זיינע טיפע, גרויסע אויגן אַ מענטש, זענען ביי יענעם באַלד די הענט מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן, און דער קעניג איז דערפאַר געוועזן זייער שטאַרק, ווייל ער האָט געקענט טון אַ וואָס ער האָט געוואָלט. ער איז אָבער געוועזן זייער אַ גוטער און ער האָט קיינמאָל קיינעם נישט געוואָלט קיין שלעכטס

טון. נור ביינאַכט, אין דער פֿינסטער, האָט מען דעם קעניגס אויגן נישט געזען, האָט יעדער מיט אים געקענט טון אַלץ, וואָס ווער עס האָט געוואָלט, און דער קעניג וואָלט גיך אומגעקומען און מיט איבער דאָס גאַנצע לאַנד זיינס. (זי גייט צו צום טיש און נעמט דעם אָנגעהויבענעם בריוו צו זיך, קוקט אין דעם בריוו און רעדט) האָט ער עס געזאָגט צו זיין ווייב, צו דער קעניגין — האָט אים די קעניגין געענטפערט: אַ ליבע, וואָס איז אַזוי שטאַרק ווי דער טויט, וואָס איז גענצליך אָן אַן אָנהויב און אָן אַ סוף, דער טויט וועט דאָך זיין בלויז אַ סוף צו דעם לעבן, אָבער נישט צו דער ליבע, פֿאַרשטייסטו עס טיף, טיף? אַלץ אין מיר וואַרט אויף דיר, מיט דיר קען נור זיין איינמאָל צוזאַמענקומען און שפּעטער שוין שטאַרבן, שטאַרבן, אַנדערש נישט, אַנדערש נישט — וואָס האָסטו דען מורא, עס וועט זיך דאָך ענדיקן גוט, גוט. האָט ער דער קעניגין געענטפערט: מיט דיר קען נור זיין איינמאָל צוזאַמענ־קומען און שפּעטער שוין שטאַרבן, שטאַרבן — האָט די קעניגין אַראָפּגעלאָזט די הענט און האָט געזאָגט צום קעניג: מיר האָבן ביינאַכט אויך זיך נישט וואָס צו שרעקן, ווייל אַז דו רעדסט האָבן דיינע ווערטער דיזעלבע קראַפט אין דער נאַכט, ווי דיינע אויגן בייטאָג. און פֿון דעמאָלט אָן איז דער קעניג געוואָרן דער שטאַרקסטער פֿון זיין לאַנד און דער שטאַרקסטער פֿון אַלע לענ־דער — און בייטאָג איז ער געגאַנגען רויק, מיט אַ דערהויבענעם קאָפּ איבער אַלע און ביינאַכט איז זיין קעניגלעכער קאָפּ געלעגן רויק נעבן דעם קאָפּ פֿון זיין קעניגין, איז ער געשלאָפֿן, געשלאָפֿן, אַזוי ווי דו אַצינד, אַזוי ווי דו אַצינד — (זי גייט אַריין אין דער קינדערשטוב, גייט אויף די שפּיצפֿינגער ווידער אַרויס און פֿאַר־שליסט די טיר הינטער זיך. זעצט זיך, קוקט אַריין אין דעם בריוו) מיט דיר קען נור זיין איינמאָל צוזאַמענקומען און באַלד שטאַרבן, באַלד שטאַרבן — (זי קושט דעם בריוו, באַהאַלט אים אויף דעם האַרץ, דאָס פּנים זינקט אין אירע געעפֿנטע הענט, אין פֿענסטער באַווייזט זיך די געשטאַלט פֿון דעם דריטן, ער בלייבט שטיין באַוועגונג־לאָז, וואַרטלאָז, ווען זי הויבט אויף איר פּנים דערזעט

זי אים, זי בלייבט רויק ווי ער, גייט צו צו אים און זיי נעמען זיך וואָרטלאָז ארום).

ד ר י ט ע ר

ער וועט קומען מאָרגן, גאַנץ פרי.

ו ו י י ב

ער קען יעדע רגע צוריק זיין, ער איז צערייצט געוועזן. דאָרט קומט א קינד אויף דער וועלט. וואָס שווערער און לענגער דאָס געבוירן, אלץ —

ד ר י ט ע ר

בעסער וועט עס נישט זיין פאַר אונז, ווייל דאָס, וואָס עס דאַרף מיט אונז געשען וועט געשען באַלד.

ו ו י י ב

איך האָב ערשט געשריבן א בריוו צו דיר.

ד ר י ט ע ר

איך האָב געזען.

ו ו י י ב

איך וויל דיר געבן דעם בריוו.

ד ר י ט ע ר

גיב אים מיר.

ו ו י י ב

דאָ איז אלץ אין אים געשריבן. (גיט אים דעם בריוו).

ד ר י ט ע ר

(צערייסט רויק אין פיר טיילן דעם בריוו) איז דען איין וואָרט פון דיינע ליפּן, גלייך פון דיין בלוט ארויס, נישט מער, ווי טויזנט ווערטער דיינע אויף פּאַפּיר?

ו ו י י ב

(קוקט א רגע פאַרווונדערט, פאַלט צו צו זיין האַנט מיט די ליפּן) עס איז אזוי, אזוי, אייביק אזוי ווי דו זאָגסט.

ד ר י ט ע ר

דו, צווישן אונז טאָר פון היינט אָן קיין געשריבן וואָרט מער זיין.

ו ו י י ב

קיין וואָרט. נור שענער און יינגער וויל איך זיין, אזוי ווי איך

בין נאָך קיינמאָל נישט געווען. וואָס שענער איך וועל זיין, וואָס ייִנגער איך וועל זיין וועט שענער זיין און געוואַלטיקער זיין דאָס שטאַרבן מיינס. אינמיטן געוואַלטיקן בליען אויסצוגיין מיט דיר.

ד ר י ט ע ר

קיינמאָל האָסטו נאָך נישט אַזוי גערעדט צו מיר — ביז איצט האָב נור איך.

ו ו י י ב

קיינמאָל האָב איך דיך נישט אַזוי ליב געהאַט, ווי איצט.

ד ר י ט ע ר

נאָך איז גרוים די נאַכט, נאָך וויל איך דיר זאָגן אַ וואָרט, וואָס איך האָב דיר נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט.

ו ו י י ב

און איך וויל נאָך זאָגן אַ וואָרט, נור אָנהויבן דיר עס זאָגן, עס זאָל זיך שוין קיינמאָל נישט קענען ענדיקן —

ד ר י ט ע ר

דאָס וואָרט?

ו ו י י ב

דו.

ד ר י ט ע ר

און עס וועט זיך קיינמאָל, קיינמאָל נישט ענדיקן.

ו ו י י ב

נישט דו און נישט איך וועלן דעם סוף פון דעם וואָרט דערהערן. אינמיטן אָטעם וועט עס אונז אויסגיין.

ד ר י ט ע ר

האָסטו עס היינט פאַרשטאַנען, היינט? פרויען פאַרשטייען אַזוי זעלטן דאָס וואָרט. דו ביזט די ערשטע.

ו ו י י ב

אין דיר איז ער דאָ, דער געדאַנק, און אַלע מיינע געדאַנקען —

ד ר י ט ע ר

זענען מיין.

וו י י ב

אז איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, דו אַליין ווייסט נישט, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, איך אַליין ווייס עס נישט מער, אז איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל דערזען, און דו ביזט נאָך אַ פרעמדער און אַ שטרענגער מאַן געוועזן, איז עס געקומען דאָס וואָרט, ווי אַ קינד געקומען אויף די ליפּן, און האָט דיר פּלוצלונג גאַנץ שטיל: דו — געזאָגט. און דאָן איז עס צוריק אַוועק אין מיין בלוט, דאָס וואָרט, און דריי לאַנגע יאָרן האָט עס אין מיר אַרומגעוואַנדערט, אין יעדן גליד באַזונדער, אין יעדן טראָפּן בלוט באַזונדער, און עס האָט אַלץ, אַלץ אין מיר אויסגעפּילט מיט דיר, דו. און איצט איז עס ווידער דאָ אויף מיינע ליפּן, און מיין יעדער טראָפּן בלוט איז שוין איצט פול מיט דיר, איצט וויל עס שטאַרבן אויף דער שוועל פון מיין וועלט, אויף מיינע ליפּן מיט דיר צוזאַמען.

ד ר י ט ע ר

דו, היינט ביינאַכט.

וו י י ב

(מיט אַ פּלוצלונגער שרעק) אָבער דאָ שלאָפט דאָך אַ פרעמדער מענטש און דאָרט שלאָפט דאָך אַ קינד.

ד ר י ט ע ר

היינט ביינאַכט —

וו י י ב

וואָס איז דען אַנדערש היינט ביינאַכט? בין איך דען נישט שטענדיק און אומעטום מיט דיר, אין דיר, און דו אין מיר?

ד ר י ט ע ר

נאָך היינט ביינאַכט.

וו י י ב

(רעדט גיך, וויל אַלץ אַרויסזאָגן אויף אַמאָל) מיט אים האָב איך מיך פאַרייניקט נור דערפאַר, ווייל איך האָב נישט געוואוסט, ווו דו ביזט, ווייל איך האָב נישט געוואוסט, אַז דו ביזט אויף אַן אמת דאָ אויף דער וועלט און איך קען דיך געפינען. האָב איך מיך מיט אים פאַרייניקט אין לעבן. און מיט דיר וועל איך מיך

פאַרייניקן אין טויט. מיט וועמען, דו, מיט וועמען וועל איך זיין מער פאַרייניקט?

ד ר י ט ע ר

היינט —

ו ו י י ב

פאַרוואָס איז דיר קיינמאָל נישט איינגעפאַלן דער געדאַנק? ער איז אַזוי טיף, דאָס געוויסן ווערט אַזוי קלאָר פון אים.

ד ר י ט ע ר

דו, קענסטו היינט ביינאַכט גיין צו מיר, קומען צו מיר?

ו ו י י ב

איך צו דיר?

ד ר י ט ע ר

פון דאַנען אַוועק.

ו ו י י ב

(ציטערנדיק אויף דעם גאַנצן קערפּער) וואַהין?

ד ר י ט ע ר

בלויז צו מיר.

ו ו י י ב

(ציטערט נאָך שטאַרקער) ווען?

ד ר י ט ע ר

גלייך.

ו ו י י ב

(אַביסל באַרויקט) און — דיין ווייב? און — דיין זון?

ד ר י ט ע ר

איך האָב קיינעם נישט מער.

ו ו י י ב

(מיט אַ שטילן אויפשריי) ווי?

ד ר י ט ע ר

דער זון איז גרויס געוואָרן און איז מאַן געוואָרן און דאַרף מיך נישט מער. מיר זענען פונאַנדערגעגאַנגען רויק, צוויי דערוואַקסענע און קלאָרע מענער.

װ ײ ב

און זי?

ד ר י ט ע ר

זי איז נישט איינזאם געבליבן, זי איז קיינמאל נישט איינזאם געװעזן. אויך איבער איר װעט קומען רו. מיין געװיסן איז שטיל און גרויס װי די נאכט.

װ ײ ב

(קוקט אים גלייך און פינסטער אין די אויגן) שװארץ —

ד ר י ט ע ר

װייב, איז דיך פלוצלונג שרעק באפאלן פאר מיר?

װ ײ ב

דו ביזט װי דער טויט. פאר דיר איז קיין אנטרינען נישטא.

ד ר י ט ע ר

איז דער טויט שרעקלעך?

װ ײ ב

מיט דיר, מיט דיר — נײן, נײן!

ד ר י ט ע ר

אויב ליבע איז דא אין דיר — קום מיט מיר אין טויט אריין.

װ ײ ב

איז דען קיין אנדערער װעג נישטא מער פאר אונז?

ד ר י ט ע ר

אלע אנדערע װעגן פון מאן און װייב (שפרייט אויס די ארעמס) פירן פונאנדער, דער װעג (ער שליסט די ארעמס ארום איר) פירט צוזאמען.

װ ײ ב

איך װעל גיין, איך װעל גיין מיט דיר.

ד ר י ט ע ר

קום איצט.

װ ײ ב

דא? (ציטערן באפאלט זי) דא שוין?

דריטער

וויט, ווייט פון דאַנעט, ווייט פון דיין קינד, זאָל אים בלייבן א גאַנצע מוטער.

ווייב

(זוכט לעצטע רעטונג) דו — (רייסט אויף די ליפּן זיינע, רעדט גלייך אין זיין אָטעם אריין) דו, מיר זענען נאָך קיינמאָל נישט געווען צוזאַמען, נישט געווען איינס, קום איצט אין מיר, קום (זי עפנט דאָס קלייד אויף דער ברוסט) טרעט אַראָפּ אין די טיפן פון מיין בלוט, קום אין מיר — (זי פלאַטערט לייכט צום ליכט, וויל עס פארלעשן, לאָזט עס אָבער אין שרעק ווייטער ברענען) איך וועל ליגן אין בעט נאַקעט און דו וועסט פּלוצלונג קומען צו מיר. פּלוצלונג וועסטו דאָ זיין און גיין גלייך אין מיר אַראָפּ. ציט דיך נישט דער אָפּגרונט פון מיין ליבע? דו קענסט מיך דאָך נאָך נישט, דו ווייסט דאָך נאָך נישט, ווער איך בין. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט א מאַן אין ליבע דערקענט — כאָטש מיין לייב איז שוין אויפגעריסן געוואָרן און געבוירן א מענטש. א פרעמדער מענטש איז פון אַן אומבאַקאַנטער טיף ארויס אויף דער וועלט. קום —

דריטער

אין אָט דער שטוב זענען קיינמאָל נישט די טריט פון א דריטן געשטאַנען און וועלן ווייטער נישט שטיין. נישט צו דיין קערפּער קום איך, איך קום צו דיר, פארשטייסטו דאָס וואָרט? מיר וועלן דאָרט זיין צוזאַמען, ווו דער דריטער וועט זיין פריינט גלייך צו דיר, ווי צו מיר — דער טויט.

ווייב

(מיט דעם לעצטן שיין פון האָפנונג, מיט דעם לעצטן ציטער פון שרעק) איז דיר מיין — לייב עקלהאַפט? ווילסטו אים נישט נעמען? דאָס לייב, וואָס דריי יאָרן ברענט עס צו דיר? איז עס דיר עקלהאַפט? ווילסטו פון מיר ארויסרייסן די פרוי? איז עס מענטשנמעגלעך? דאַרף דען מיין לייב שטאַרבן, ווי דאָס לייב פון א הייליקער, אָדער, אָדער, ווי דאָס לייב פון א קרעציקער?! איך וויל נישט, איך וויל נישט, איך — (וויינט שטיל).

דריטער

איז דאָס מעגלעך, אַז דו פאַרשטייסט נישט, וואָס איך רעד צו דיר? איצט?

צווייב

איך פאַרשטיי יעדעס וואָרט דיינס, איידער דו זאָגסט עס אַרויס.

דריטער

דאַן שפּילסטו!

צווייב

לאָז מיך נאָך עטלעכע ווערטער דיר זאָגן — נאָך עטלעכע ווערטער —

דריטער

זאָג זיי. — די נאַכט איז נאָך גרויס גענוג, מען קען נאָך אונטערגיין אין איר טיף, נאָך איז צייט גענוג אין איר איינזאַמקייט דערטראָנקען צו ווערן.

צווייב

איך פאַרשטיי נישט, איך פאַרשטיי גאָרנישט מער. איך ווער בלינד.

דריטער

(מילדקייט און רעזיגנירטער שמייכל) זאָג זיי, זאָג זיי — די ווערטער.

צווייב

(נעמט זיינע הענט, קניט מיט זיי אַראָפּ, זיי, קאָפּ בלייבט הויך, זי רעדט אין זיינע הענט, ווי דאָס וואָלט אַ פּנים געווען) איך וועל דאָך שטאַרבן מיט דיר, ווי קען עס דען אַנדערש זיין? אָבער איך בין דאָך מיט אַזויפיל יאָרן יינגער פון דיר. ווייסטו, אַז איך האָב נישט געוואָלט קומען אויף דער וועלט, איידער דו ביזט מאַן געווען דאָ אויף אָט דער ערד. (רעדט בעטנדיק, ווי אַ קינד) איך וויל דאָך אָבער נאָך לעבן דאָ מיט דיר, לעבן אויך. נישט בלויז שטאַרבן. דו, איך וועל צעטיילן מיין לייב, איך וועל דיר געבן אַלץ, אַלץ, וואָס דו וועסט וועלן און דאָס איבעריקע וועל איך וואַרפן אין די נעכט פאַר אים, פאַר דעם פאָטער פון מיין קינד. און אַז איך וועל איצט אַוועק פון דאַנעט, וועט מיר נאָכ-

גיין געוויין פון קינד, וועט זיך אָנהענגען אָן מיר. איך וועל זינ־
קען אין דער אייביקייט מיט דיר, און געוויין פון קינד וועט
פלאַטערן אַרום מיר. דו, נאָך נישט, נאָך נישט — איך וויל
נאָך לעבן מיט דיר. דו, שענק מיר נאָך אַ יאָר, צו מיינע פינף
און צוואַנציק לייג נאָך צו איין יאָר. נור נאָך איין יאָר בעט איך
ביי דיר — שענק עס מיר — (זי ציט מיט קראַפט זיינע הענט
אַראָפּ ביז ער בויגט זיך אָן צו איר און קושט זי אין די האָר).

ד ר י ט ע ר

(גלייכט זיך אויס לאַנגזאַם און באַשטימט) אָבער אַרום מיר
איז אַלץ שוין אָפּגעשלאָסן, אַלץ איז צוגעגרייט צו דיר און מיט
דיר צום אַוועקגיין פון דאַנען, צום אַוועקגיין פון דאַנען, איינ־
גאַנצן מיט דיר, אויף אייביק. ווו צו גיין אַליין האָב איך נישט
מער. סיידן דאָ בלייבן, אונטער דיינע פענסטער. איך האָב
(הויבט מיט ביידע הענט אויף איר פּנים) געגלויבט אין דיר
מיט לעצטן גלויבן פון אַ מענטש, וואָס וועט שוין מער קיינמאָל
אין גאָרנישט גלויבן. ווען איך וואָלט אַ רגע פון אַ רגע נור גע־
צווייפלט וואָלט איך נישט דאָ געוועזן אצינד. מער גאָרנישט.

ו ו י י ב

בלייב דאָ, בלייב דאָ אַרום מיר. איך וועל שטיל, גאַנץ שטיל
צעטיילן מיין ליבּ און געבן דיר, וואָס דו וועסט וועלן. איך
וועל מיינע נעכט צעשניידן, איך וועל מיינע טעג צעשניידן. איך
וועל דיר געבן די שעהן, וואָס דו אַליין וועסט וועלן. (די הענט
אויף די בריסט, קוקט זי צו אים אַרויף, זיינע הענט זענען איצט
ווייט) אַ ווייב אין דער ליבע איז אַזוי גוואַלטיק שטאַרק ווי אַ
חיה, אַלץ קען זי דערגרייכן. אירע אויגן קענען שפּילן ליבע, אי־
רע ליפּן שמייכלען, אָבער הינטער דער דינער הויט פון דעם
שמייכל קען ברענען אַ זון אַ צווייטע און נישט דורכשיינען
דורך דער דינער הויט. און אונטער יעדן וואָרט, וואָס זי זאָגט
אַרויס, קען ברענען דער נאָמען פון איר געליבטן, דיין נאָמען
וועט עס זיין. איך וויל דאָך נאָך לעבן מיט דיר, ווי לאַנג דו
וועסט וועלן. דו האָסט דאָך מיר געזאָגט, אַז דו ביסט מיין האַר־

און מיין שקלאַף, זיי הײַנט מיין שקלאַף, לאָז מיך נאָך לעבן, ווייל איך וויל.

דריטער

(בויגט זיך צו איר און גלייכצייטיק בויגט זי דעם קאָפּ פאַר אים, זיינע הענט בלייבן ביי אים, ער קושט זי אין קאָפּ) אײַנזאַם איז דער מענטש, איינזאַמער דער מאַן (בשעת זי רעדט ווייטער פאַרשווינדט ער לאַנגזאַם פון פענסטער).

ווייב

(ציט ווייטער די ווערטער) ווידער האָט מיין ליבּ געדאַרפט שוואַנגער ווערן אָן ליבע הײַנט נאַכט. דו — גאָט האָט דיך געשיקט מיט דעם וואָרט פון טויט אויף די ליפּן און מיט דעם זאָמען פון לעבן אין בלוט. גאָט האָט דיך פריער געשיקט אהער. טרעט אַראָפּ אין מיר, מאַך מיך שוואַנגער, געליבטער, אין דער ערשטער נאַכט פון מיין לעבן, איך וועל עס דיר אויסטראָגן צום ליכט און מיט דיר וועל איך גיין אין דער פינסטערניש. איך וויל, אַז דורך מיר זאָלסטו אייביק לעבן. אַזוי איז די באַשטימונג, טרעט אַראָפּ אין מיין טונקל בלוט, וועט ווידערגעבוירן אין מיר — (פּלוצלונג הויבט זי אויף דעם קאָפּ, זעט, אַז ער איז נישטאָ מער. הויבט זיך אויף און שרייט מיט טיפער, שטילער אָנשטרענגונג אין דער נאַכט אַריין) דו, ווו ביזטו? לאָז מיך נישט אַליין גיין אין טויט אַריין — איך וויל שוין, איך וויל שוין גיין מיט דיר — (אין דרויסן איז שטיל, נור דער צווייג באַוועגט זיך און שרעקט. זי לויפט אַרויס דורך דעם קינדערצימער, אין אַ רגע הערט מען זי שטיל שרייען אין גאָרטן) דו — דו — (עטלעכע רגעס פאַרגייען און זי איז ווידער אין שטוב).

דריטער

(ווידער ביים פענסטער) אין מיר איז אַלץ רייף און צייטיק און קלאָר. איך זע דעם אָנהויב און דעם סוף פון אַלץ. איך בין פאַרענדיקט און דו הויבסט דיך ערשט אָן. דו ביזט דער גרויסער טעות פון מיין לעבן; דער ערשטער, דער לעצטער. לאָז מיך גיין אַליין, פאַרענדיקן אַליין אין לייב דאָס, וואָס איז אין גייסט

אליין פארענדיקט געוואָרן. גיב מיר מיין ווילן צוריק, גיב מיר מיך צוריק פון דיין בלוט.

וו י י ב

קיינמאָל נישט, קיינמאָל נישט מער. זע — אָט איצט פאַלן צו מיינע אויגן צו דיר און איך וועל זיי שוין קיינמאָל נישט קע־נען מער אָפּרייסן. זע, זיי זענען איצט צוגעוואקסן צו דיר, אז איך וועל זיי אָפּרייסן פון דיר, וועלן זיי אין בלוט אויסרונען, וועל איך בלינד ווערן. איך בין דאָך נישט מער ווי אַ פרוי, זיי צו מיר גוט, זיי גוט.

ד ר י ט ע ר

איך האָב דאָך געוואָלט צו דיר גוט זיין. פרויען קענען פארגעסן. דו וואָלסט מיך פארגעסן.

וו י י ב

(מיט פארמאכטע אויגן) יעדעס וואָרט איז אַ שטריק, וויקלט זיך ארום מיין האלז, ווען מיך ווארגן, נעם זיי צוריק, נעם זיי צוריק.

ד ר י ט ע ר

(גרוויזאם און באשטימט) אויב דו קענסט נישט אנדערש, גיים־טו איצט מיט מיר. שרייב דעם בריוו.

וו י י ב

(זעצט זיך צום טיש, אירע אויגן הענגען אָן אים, זי נעמט די פעדער אין דער האנט) מיין געדאנק איז אַלץ איינס דיין גע־דאנק, מיינע ווערטער דיינע.

ד ר י ט ע ר

זאָלן דאָס דיינע אייגענע לעצטע ווערטער זיין, שרייב זיי אליין אויף.

וו י י ב

איך האָב קיינעם מער גאָרנישט צו זאָגן, נור דיר.

ד ר י ט ע ר

דאָן שרייב, אָבער ווייס, אַז דאָס איז דיין געדאַנק.

וו י י ב

(שרייבט, די אויגן קוקן זעלטן אין דעם פּאַפּיר).

דיך ווילן די ווערטער טרעפן שווער, אָבער נישט איבערראַשן. דו האָסט אַליין דיין שפּיל נישט געוואָלט פאַרענדיקן — פאַר־ ענדיק איך עס. דאַנק דיר פאַר אַלץ, פאַרוואָס נור דו אַליין טראַכסט, אַז איך בין דיר דאַנק שולדיק. קיינמאָל האָסטו מיר נישט געזאָגט, אַז דו ווילסט שטאַרבן מיט מיר, נר לעבן האָסטו מיט מיר געוואָלט. אין לעבן קען מען צום לעבן אַנדערע אַ סך געפינען; אין טויט און צום שטאַרבן נור איינע. מיין געוויסן איז רויק. דיין ווייט וועט זיין גרויס, אָבער פאַרגענגלעך. ליבע גייט צוזאַמען מיט דעם טויט. דערפאַר שטערבט זי אַזוי גע־ וואַלטזאַם ביי לעבן צו געבוירן. נישט אַלע מענטשן ווייסן עס, נישט אַלע מענטשן קענען ליב האָבן. דו האָסט בלויז ליב גע־ האַט מיין לייב, עס דאַרף דיר זיין עקלהאַפט, ווי דעם גנב דאָס געגנבעטע גוטס. דו האָסט עס דאָך גוט געוווסט, אַז מיין לייב געהערט נישט צו דיר. דערמאָן דיך אונזערע ליבעסנעכט און דערמאָן דיך די ווערטער און דו וועסט מיט עקל דעם בריוו צע־ רייסן און מיט אים אַלץ, וואָס דו פילסט צו מיר. דאָס קינד איז דיין, אינגאַנצן דיין. אַז ער איז געקומען, האָט דאָס קינד דיינס שוין דייטלעך זיך באַוועגט, דייטלעך געלעבט אין מיין שוואַנגער לייב. אויף דעם קינד דאַרף זיך איצט אַריבערבויגן די שווערקייט פון דיין ליבע. עס איז דיינס, דיינס, אינגאַנצן דיינס. מיט גוואַלטיקייט דו גיי איך איצט אַוועק פון דיר. נאָך רויקער, ווייל איך גיי בלויז אין דער ליבע, אָבער נישט אין לעבן. ווייל עס פאַרשטיין. דאָס לעבן מיינס וועט איצט זיין קירצער, ווי דו טראַכסט אַליין. זוכן מיך האָט קיין זין נישט מער. אַז דו וועסט מיך זוכן רעכטס, בין איך לינקס געגאַנגען, און אַז דו וועסט מיך זוכן לינקס, בין איך רעכטס אַוועק. אַנגעשטרענגטער ווילן פון צוויי, אויף אייביק פאַרייניקטע מענטשן, צו זיין אַליין, קען נישט אַזוי לייכט באַצווינגען ווערן. זוך מיך נישט, דערנידריק דיך נישט. ווייל אַז דו וועסט געפינען, וועסטו נישט מער מ י ך געפינען, איך בין נישטאָ מער. דו וועסט א ו נ ז געפינען. דו אָבער ביזט דו, און וועסט אויך איצט בלייבן דו, און דו וועסט

טראַכטן פון דיין שאַנד, פון דעם, וואָס מענטשן וועלן זאָגן. דעריבער פאַרשווייג אַלץ, נישט לאַנג וועסטו דאַרפן פאַרשווייגן, און דיין שאַנד וועט זיין אָפּגעוואַשן מיט בלוט. דעם קינד זאָג גאָרנישט. עס האָט דאָך גאָר קיין זין נישט. עס וועט מיך פאַרגעסן לייכטער, ווי דו וועסט טראַכטן וויינענדיק אין דער רגע, ווען דו וועסט אָט דעם בריוו לעזן. דאַרפסט אים נישט מיין טאַט פאַרשווייגן, אָבער זאָג עס אים דעמאָלט, ווען עס וועט זי שוין קענען פאַרשטיין און פאַרמשפּטן. עס איז בעסער אַזוי, זאָל עס מיך פיינט באַקומען, עס וועט אים לייכטער זיין מיט האַס צו מיר, איידער מיט ליבע. דו וועסט נעמען אַ צווייטע פרוי, נעם אַזאַ, וואָס איז אין גאָרנישט ענלעך צו מיר און אין אַלץ צו דיר. דיר וועט גוט זיין מיט איר. זיי בייז אויף מיר, טרעט מיך מיט די פיס אין געדאַנק, אָבער זיי נישט פאַרוויינט. אָט דער גרויזאַמער בריוו איז דאָך שענער, ווי די צאַרטע, און געצוווּנגענע ליבעסוועטער. וויל עס פאַרשטיין. עס פאַרענדיקט זיך גאָנישט צווישן אונז, ווייל עס האָט זיך קיינמאָל גאָרנישט אָנגעהויבן. איך האָב דיך נור דערפאַר גענומען, ווייל איך האָב נאָך אים נישט געקענט. צום לעצטן מאָל נעם אָן מיין האַנט — צום ערשטן מאָל מיט פריינטשאַפט — די האַנט פון דער מוטער פון דיין קינד.

וו י י ב

(שליסט דעם בריוו, קוקט אומבאַוועגלעך אויף דעם דריטן, פאַרשטייט, וואָס זי דאַרף איצט טון און לייגט אַנידער דעם בריוו אויף דעם בעט).

ד ר י ט ע ר

טו דיך אָן, עס וועלן אונז נאָך מענטשן זען היינט נאַכט.

וו י י ב

(טוט זיך אָן) מער גאָרנישט?

ד ר י ט ע ר

מער גאָרנישט.

וו י י ב

(גייט פון ווינקל צו ווינקל, זוכט אינסטיקטיוו).

ד ר י מ ע ר

פעלט דיר נאָך עפּעס?

ו ו י י ב

(וואַרפט אַ בליק אויף אים, דערשרעקט זיך) צום קינד? — —

ד ר י מ ע ר

ניין, דאָס קינד שלאָפט, עס דאַרף דיך נישט, וועסט עס איבער־וועקן, מוז עס זיין?

ו ו י י ב

(אָטעמט טיף און שמערצלעך) ניין.

ד ר י מ ע ר

קום.

ו ו י י ב

(גייט צו צום פענסטער, הענגט זיך אָן אויף זיין האַלז, מיט אַ לאַנגען קוש נעמט ער זי לייכט, ווי אַ קינד, אויף די הענט און פון פענסטער אַרויס. דאָס פענסטער ווערט פון יענער זייט צו־געלענט, עס ווערט שטיל).

דער צווייטער אַקט

האָטעלשטוב ביים סאַמע ברעג פון ים. די שטוב איז פול מיט פענסטער. עס איז אַן עק־שטוב, און פון אַלע זייטן זעט זיך הימל און ים. לינקס איז אַ טיר, וואָס פירט צו אַ קאָרידאָר. פשוטע האָטעל־איינאָרדנונג. איין בעט. העלער זומער־פרימאָרגן.

ווייב

(ביים פענסטער. געבראָכן, שאַרפער קאָנטראַסט מיט דעם העלן, פרישן פרימאָרגן. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ פון אַ טיר, זי שוידערט צוזאַמען). עס קען דאָך קיינער נישט זיין, חוץ אים — און דאָך. (זי גייט האַסטיק צו דער טיר).

דריטער

איבעריק געוועזן דאָס רופן מיך. עס זענען בלויז בריוו. פון אַלע זייטן יאָגט מען אונז נאָך.

ווייב

פונוואַנען ווייסן זיי, וווּ מיר זענען?

דריטער

(פאַרדעכטיק) פאַרוואָס פרעג איך נישט אויף דעם? איז עס דען וויכטיק?

ווייב

אָבער דאָך, פונוואַנען? און פאַרוואָס שרייבן זיי? נאָך מיין בריוו?

דריטער

(לאַכט) דו אַליין בלויז האָסט דאָך דעם בריוו געשריבן, דו אַליין

בלויז אים געזען. דו אליין — דארפסטו דאך וויסן. זאל איך נאך ווייטער רעדן?

וו י י ב

ניין, ניין. דאס איז דאך אומזין.

ד ר י ט ע ר

א העלפט פון יעדן אומזין איז טיפער זין, זענען מיר איצט ביי דער צווייטער העלפט פון — אומזין.

וו י י ב

(שטרעקט פארזיכטיק אויס די האנט צו די בריוו, רירט זיי אן, זיי זענען פעסט צוזאמענגעפרעסט אין זיין האנט, זי נעמט גיך די האנט ווידער צוריק) פון וועמען אייגנטלעך?

ד ר י ט ע ר

פון אלע זייטן, צו דיר און צו מיר. מען דארף די בריוו נישט עפענען. מיר זענען דאך אלע איינס שוין פאר קיינעם מער נישטא. איז עס דען אנדערש?

וו י י ב

מען דארף וואס גיכער, וואס גיכער אנטלויפן פון דאנען.

ד ר י ט ע ר

ווו אנטלויפן? וועסטו דען קענען גיין דורך אט דער טיר צוריק? צוריק דורך אט דער טיר? פונדאנען איז דא בלויז איין וועג — (מאכט א האלב־קרייז מיט דער האנט, וואס ווייזט אויף דעם ים און דעם הימל). דארט וועט שוין קיינער מער נישט נאכגיין.

וו י י ב

(בויערט זיך איין מיט דעם בליק אין די בריוו) איך פיל, ווי דארט ווערט מאביליזירט א גאנצע ארמעע אויף אונז, קאנצענטרישער אנגריף פון סענטימענטן. איך בין דאך א פרווי בלויז.

ד ר י ט ע ר

ווי ווייניק שטאלץ איז דא אין מענטשן.

וו י י ב

(געבוקט מיט שרעק צו די בריוו) וואלטן מיר דען אנדערש געוועזן אויף זייער ארט?

ד ר י ט ע ר

מיר? האָסטו אַ רעכט נאָך איצט, אַ געבוקטע, צו זאָגן: מיר? אויב דו נעמסט דיר דאָס רעכט, ווייל איך עס דיר נישט צו־נעמען.

ו ו י י ב

פאַרוואָס ענטפערסטו מיר נישט?

ד ר י ט ע ר

איך — וואָלט אַנדערש געווען. זיי ווייסן דאָך, אַז דאָ איז אַלץ שוין אָפּגעשלאָסן. זיי קענען דאָך מיך. זיי ווייסן דאָך, אַז איצט איז מיין צייט צו פאַלן אין אָפּגרונט.

ו ו י י ב

און אין שרעקלעכן פאַלן מיטצורייסן —

ד ר י ט ע ר

דעם בלויז, וואָס האָט אַליין אויסגעשטרעקט די הענט מיטצו־לעבן דאָס גליק צו פאַלן מיט מיר צוזאַמען.

ו ו י י ב

לעבסטו דען נאָך? דיינע ווערטער קומען אַן שום אַנשטרענגונג גלייך אויף דיינע ליפּן. זיי זענען אַלע גרייט אין דיר. ווי שרעק־לעך צו רעדן מיט אַ מענטש, צו פרעגן מיט אַזויפיל צער, ווען אַלע ענטפערס זענען שוין פון פריער גרייט.

ד ר י ט ע ר

איז עס דען נישט גראָד דאָס געווען, וואָס עס האָט דיך מיט אַזאַ גוואַלטיקער קראַפט געצויגן צו מיר?

ו ו י י ב

דאָס ציט מיט דערזעלבער קראַפט, מיט וועלכער עס שטויסט אויך אָפּ.

ד ר י ט ע ר

אָבער דו רייסט דאָך אויף קיין רגע נישט אָפּ דיין בליק פון די ברייזן. דו ווילסט דאָך וויסן, ווער עס געדענקט איצט אָן דיר —

ו ו י י ב

אין אַזעלכע מאָמענטן דערקענט מען דאָך די אמתע פריינט. איך — יאָ, איך וויל עס וויסן. איז דען עפּעס שלעכטס דערביי?

ד ר י ט ע ר

איך האָב די בריוו נישט אָנגעקוקט, אַזוי האָט מען זיי מיר געגעבן אין דער האַנט און אַזוי זענען זיי נאָך איצט צוזאַמענגעשדריקט. און אָט וועל איך דיר אַזוי בלינד זאָגן, ווער עס איז דערביי. עס שרייבט דיין מאַן און מיין פרוי. דאָס איז דער עיקר. אַלע איבעריקע בריוו זענען מיט פרעמדן ווילן געשריבן געוואָרן. קאָמעדיאַנטן־בריוו. און אַלע זענען זיי אונטערגעשריבן: איינציקער פריינט, איינציקע פריינדין. מען האָט זיי געבעטן, האָבן זיי געשריבן.

ו ו י י ב

ווי קענסטו אַזוי גרויזאַם רעדן?

ד ר י ט ע ר

נאָך גרויזאַמער: אין דעם בריוו פון דיין מאַן זענען דאָ עטלעכע אומגעשיקטע ווערטער, קרומע שורות, געשריבן מיט אַ האַנט פון אַ קינד, וואָס קען נאָך נישט שרייבן. דיין מאַן האָט געפירט די פעדער און דאָס קינד האָט געהאַלטן דאָס קליינע, ווייכע הענטל אויף זיין האַנט. וואָס דיין קינד שרייבט מיט זיין פאַטערס ווערטער, פאַרשטייסטו דאָך אַליין. ווייטער איז דאָ אַ בריוו פון מיין פרוי: זי פאַרזיכערט פולע, אַבסאָלוטע פרייהייט. זי בעט נור ווייטערצולעבן, ווייל עס האָט דאָך נישט קיין זין אָן אַ שום סיבה צו שטאַרבן. זי קען אויך ווייטערלעבן סעפּאַרירט. און מיינע פריינט שפּילן ציניזם, קענען זיך נישט פאַרשטעלן, אַז איך זאָל קענען טון אַ טאַט אַזאַ. געוויס, שרייבן זיי, אַ יינגע פרוי, אין מיינע יאָרן, דאָס לאַקט, אָבער ד אָ ס איז דאָך שוין אַלץ איינס פאַרביי — האָט עס נישט קיין זין מער —

ו ו י י ב

שרייבן דיינע פריינט אַזוי? מיט וועלכן רעכט?

ד ר י ט ע ר

און דיינע פריינדינס זינגען די שיינקייט פון לעבן, די פאַרגעננלעכקייט פון ליבע, זי קומט און זי גייט — שענער איז אָבער דאָס לעבן.

וויב

(האָרכט, קנייטשט פאַרשטענדנישלאָז דעם שטערן) לעבן בלויז צוליב לעבן?

דריטער

נור איין בריוו פעלט דייטלעך און שטאָלץ, דער בריוו פון מיין זון.

וויב

דו, מען קען דאָך פאָרט נישט אוועקוואַרפן די בריוו אומגעלעזענע. כאָטש א בליק טון דאַרף מען אין זיי. מען קען דאָך נישט אָפּווענדן דעם קאָפּ, ווען יענער הויבט אויף פאַרצווייפלטע הענט און רופט. דו — איך האָב דאָך א קינד.

דריטער

(עפנט די האַנט) אָבער די בריוו צו מיר געהערן צו מיר?

וויב

איז פאַראַנען עפּעס אויף דער וועלט, וואָס געהערט בלויז צו דיר?

דריטער

איצט, ווען דו ביזט ווייט, ביי די בריוו, ביי די מענטשן, וואָס שטייען הינטער זיי, ביי דער וועלט, וואָס איז דאָ ערגעץ דאָרט ביי אָט די מענטשן — איצט יאָ. (צעטיילט די בריוו אין ביידע הענט, וויל איין טייל אוועקוואַרפן אין ים).

וויב

(פאַרצווייפלט, אָריענטירט זיך נישט גענוי, וואָס ער וויל טון) ווייסטו וואָס? איך וועל לעזן די בריוו צו דיר און דו די בריוו צו מיר.

דריטער

(לייגט ווידער די בריוו אין איין האַנט צוזאַמען) אָט זענען מיר ביים ראַנד פון קאָמיזם. דו האָסט עס נישט פאַרשטאַנען, דו האָסט עס נישט געקענט פאַרשטיין. נאָך א רגע און מיר וועלן ביידע אַרויס פון דאַנען איינעבויגענע מיט אויסגעצויגענע פּנימער, באַטרונקענע נאָך א נאַכט פול שיכורער פרייד אין ניכטערנעם

מאַרגן אַריין. וועסט דו נאָך ווייטער קענען לעבן? מיט אַ קלאָרן
ווילן בין איך געגאַנגען צו דיר, און מיט נאָך אַ קלאָרערן ווילן
מיט דיר אַהער. (ווייזט מיט דער האַנט אויף דער טיר) דיר
שטייט אָפן דער וועג — צוריק.

ווייב

(פאַרשטעלט זיך דאָס פּנים מיט ביידע הענט) טו מיר נישט
אָן די בושה. (זי דריקט זיך צו זיין האַנט) נעם צוריק די האַנט.
עס איז גאָרנישט געווען. אָבער פאַרוואָס, פאַרוואָס טראַכסטו
נור אין איין איינציקער ריכטונג?

דריטער

דו אָבער אין דער ריכטונג פון אָט די בריוו, פון אָט דעם קליי-
נעם טירעלע, דורך וועלכן מען קען, אויף אַלע פיר, דורכקריכן
צוריק אין לעבן אַריין —

ווייב

מיר איז אַלץ איינס, דו קענסט די בריוו וואַרפן אַלע אין ים אַריין.

דריטער

(נאָענט ביי איר) און דאָך לעבן צוויי אין דיר. (פּויזע) ווי איז
גרויס מיין ליבע צו דיר· אָט באַלד און דו וועסט ווידער אַלץ
פאַרגעסן אין מיינע הענט. פאַרגעסן, ווי איך אַליין. אין דיר וויל
דאָך אויך עפּעס אַ געהיימע קראַפט איבעררייסן מיט אַלץ
מיט אַלץ און זיין נור מיט מיר. — איך וועל עס טון. (ער גייט
צו דעם פענסטער און וואַרפט די בריוו אין ים אַריין) דער ים
וועט זיי אַרויסוואַרפן צוריק, אָבער קיין ווערטער וועלן שוין אויף
זיי מער נישט זיין.

ווייב

אַך, ווען איך וואָלט באַטש נור די ווערטער פון קינד, די לעצטע
ווערטער פון קינד געלעזן.

דריטער

צו שפּעט.

ווייב

(פאַלט צו צו אים) וואָס פאַר אַ שרעקלעכע קראַפט טרייבט מיך

צו דיר, טרייבט אויפרייסן דיך, ווי עפּיס אַ גוואַלטיקן טויער, אַריין אין דיר און פאַרשליסן דעם טויער אויף אייביק.

ד ר י ט ע ר

(רעדט גלייך אין איר פּנים אַריין, וואָס אַטעמט טיף מיט יעדן וואָרט זיינעם) עס גייט אַ גרויסע בענקשאַפט אום אין דער וועלט. ווער זי דערפילט, דערפילט ליבע. נור זעלטן, זעלטן פאַלט די בענקשאַפט צו צו אַ מענליך האַרץ, און זעלטענער נאָך צו אַ האַרץ פון אַ פרוי. און זעלטן, זעלטן טרעפן זיך אַזעלכע צוויי אין דער שעה פון זייער גרויסער איינזאַמקייט. און אַזוי האָבן מיר זיך געטראָפן. מיט מיר איז אַזוי טרויעריק — אָבער מיט מיר איז נישט איינזאַם. מיט דיר איז טרויעריק, אָבער מיט דיר איז נישט איינזאַם. וואָס קען איך דיר זאָגן נאָך מער?

ז ו י ב

אַז דו ביזט מיט מיר און דו שווייגסט, רעדט יעדער שווייגנדי־קער אָטעם פון ליבע צו מיר, און ווען דו רעדסט — רעדסטו פון טויט. מיט דיר איז מיר נישט איינזאַם, מיט דיר בענק איך צו קיינעם נישט מער. דו, רעד נאָך, רעד נאָך, איך וויל עס פאַר־שטיין.

ד ר י ט ע ר

אַלע זענען מיר האַלב, איז ביי איינעם ליבע, איז ביים אַנדערן טויט, איז ביי איינעם טויט, איז ביים אַנדערן ליבע. און נור זעלטן, זעלטן גייט אין איין מענטשלעך האַרץ ליבע און טויט צוזאַמען. אַזוי גייט עס אויך אין דעם האַרץ פון גאָט.

ז ו י ב

אַזוי איז עס אויך אין דעם האַרץ פון גאָט —

ד ר י ט ע ר

און איך וויל, אַז אויך אין דיין האַרץ זאָל ליבע זיין מיט טויט צוזאַמען.

ז ו י ב

ווי פייער פאַלן דיינע ווערטער אויף מיר, בין א י ך דען ווערט די ווערטער דיינע?

ד ר י ט ע ר

(בויגט זיך צו איר הארץ אראפ) אזוי ווי אין דעם גרויסן הארץ פון גאט.

וו י י ב

וועל איך עס דען קענען, וועל איך עס קענען? איז עס דען מעג־טשנמעגלעך?

ד ר י ט ע ר

ניין, עס איז נישט, ניין, עס איז נישט. דעריבער וויל איך, אז דו זאלסט ווערן גאט.

וו י י ב

גיב מיר נאך דיינע ווערטער צו טרינקען, בארויש מיך מיט זיי און מיר וועט זיך אין טיפן רויש דאכטן, אז איך בין דאס, וואס דו ווילסט, און אין רויש וועסטו מיך נעמען מיט דיר ארויף, ארויף—

ד ר י ט ע ר

האסטו פארשטאנען מיך אין אונזערע נעכט?

וו י י ב

לאז מיך נאך איינמאל איבערלעבן אונזערע נעכט — נאך איינ־מאל.

ד ר י ט ע ר

אין דער ערשטער נאכט האב איך דיך געזוכט, אין דיין אייגענעם לייב דיך געזוכט, ווייל דו אליין האסט נאך דיין לייב נישט געקענט, דו אליין, א מוטער פון א קינד — און האסט מיר נישט אלץ געבן געקענט. און איך האב אלץ געוואלט, אלץ. דעריבער האב איך אלע ליכט געצונדן אין דער ערשטער נאכט. און אין דער צווייטער נאכט האב איך דיך גענומען. אלע ליכט אויסגע־לאשן, אלע פענסטער פארהאנגען, קיין ווארט צווישן אונז, נור שווייגן און דאס דומפיקע ברויזן פון בלוט, וואס איז געווארן איינס. און אין דער דריטער נאכט בין איך ביים פענסטער גע־זעסן נעבן דיר, און אין א געמיינזאמען שטראם פון ווערטער איז אונזער לעבן, דאס איינזאמע לעבן ביז איצט, פארביי פאר אונז.

ווייב

דו האָסט אויסגעשעפּט אַלץ.

דריטער

און אַלץ אויסגעפּילט ווידער.

ווייב

מיט דיר.

דריטער

דו האָסט אויסגעטרונקען אַלץ.

ווייב

און אַלץ אויסגעפּילט ווידער.

דריטער

מיט דיר.

ווייב

דו, איך בין אַ פרוי, אין מיר איז נאָך גאָרן נאָך דיר, איך פיל, אַז איך בין נאָך נישט שוואַנגער פון דיר, און ווי אַ מוטער פון דיין נישט געבוירן קינד וויל איך גיין מיט דיר אַוועק —

דריטער

נישט מיט לעבן וויל איך דיך אויספּילן מער, נור מיט טויט. אין אַלע פאַרבאַרגענע ווינקלען פון דיין גוואַלטיק שיינעם לייב — טויט. פּלוצלונג וועט ער דאָ זיין אין דיר, פון מיינע הענט וועט ער קומען. אַ, ווי וואָלט איך געוואָלט איין רגע כאָטש טרינקען דעם אַבליק פון דיין טויטן לייב. קענסטו מיר אַזוי גוואַלטיק גלויבן און מיך לאָזן שטאַרבן איין רגע שפּעטער, ווי דו? לאָז מיך טויטן דיך, אומברענגען דיך פריער.

ווייב

(גייט מיט שרעק אָפּ עטלעכע שריט פון אים און אין אַ רגע האַסטיק ווידער צוריק) אָבער אין מיר איז נאָך אַזוי שרעקליך פּוסט, און די פּוסטקייט שרייט צו דיר: קום, זעטיק מיך אָן, פיל מיך אויס מיט דיר!

דריטער

קינד, אין דיר איז שרעק. ווייב איז אָנהויב, מאַן איז פאַרענדיקונג. איך האָב פאַרענדיקט. (מיט דער אָפענער האַנט און מיט

צעשפּרייטע פינגער אויף איר האַרץ רוקט ער זי ווייט אָפּ פון זיך).

ו ײ ב

(מיט קראַפט דריקט זי זיך ווידער צו צו זיין ברוסט) צוריק צו דיר, צוריק.

ד ר י ט ע ר

איידער די זון וועט אונטערגיין היינט —

ו ײ ב

איידער די זון וועט אונטערגיין — היינט? —

ד ר י ט ע ר

וועלן ליגן דאָ צוויי מיט פאַרמאַכטע אויגן —

ו ײ ב

וועלן ליגן — דאָ — צוויי — מיט פאַרמאַכטע אויגן — איצט, באַלד, זאָג מיר נאָך איינמאָל פאַרוואָס האָסטו מיך אַזוי ליב?

ד ר י ט ע ר

נור דערפאַר, ווייל איך האָב דיך ליב באַקומען זינט דער ערשטער רגע, ווען איך האָב דיך דאָס ערשטע מאָל געזען — נישט דו, און אפילו איך קען דאָס נישט פאַרשטיין. קיינמאָל נישט.

ו ײ ב

(ציט אים צום בעט צו אויף וועלכן ער זעצט זיך און זי רעדט אין זיינע הענט אַריין, קניענדיק נעבן אים) געדענקסטו דאַן, איך בין געוועזן אין די לעצטע טעג פון מיין שוואַנגערשאַפט, אין אַ גאָרטן איז עס געוועזן. אַזאַ טאָג, ווי היינט. איך האָב געהאַלטן דעם קאָפּ געבויגן צו דער ערד און געטראַכט וועגן דיר. און אַז איך האָב אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ביזטו געזעסן אויף אַ באַנק אַנטקעגן און געקוקט אויף מיר. די בליקן האָבן זיך באַגעגנט און זענען געוואָרן איינס צווישן אונז. און פּלוצלונג האָב איך דער־פילט, אַז אונזער בליק שטראַלט העל. און דאַן איז דער בליק גע־וואָרן ווי אַ דינער, זיידענער פאָדים צווישן אונז. און מיט שוועק האָב איך נאָך ווייטער געקוקט אויף דיר, איז דער בליק שאַר־פער געוואָרן, שטאַרקער, שווערער, העל ווי אַ באַנד פון מעטאַל. און דאַן איז ער געוואָרן, ווי אַ פלאַטערנדיקע בריק, און איך האָב מיך אויפגעהויבן און אַריבערגעגאַנגען אויף דער בריק צו דיר

און דו גלייכצייטיק צו מיר. און דאן זענען מיר געגאנגען צוזאמען און איך האב געפילט, אז מיר גייען, גייען ביז צום סאמע טויט. און ביי דער שוועל פון מיין הויז האסטו מיר נור איין ווארט: דו— געזאגט. איך האב געשוויגן. נור אין דער נאכט איז געקומען דאס קינד. אן דיר האב איך מיך געקלאמערט און דער ווייַ איז לייב־טער געוועזן. און אין דער נאכט האב איך דיר געענטפערט, גע־שריגן מיט אלע כוחות פון א פרוי, וואס ברענגט א קינד אויף דער וועלט: דו —

ד ר י ט ע ר

דערפאר איידער די זון וועט אונטערגיין היינט —

ו ו י י ב

איידער די זון? —

ד ר י ט ע ר

(מיט איר האנט אויף זיין קאפ) וועט פון אט דער לינקער שלעף ביי מיר —

ו ו י י ב

(מיט שרעק לייגט זי צו זיין האנט צו איר לינקער שלעף) וועט פון אט דער שלעף ביי מיר —

ד ר י ט ע ר

גיין געמיינזאם א דינער, ווארימער שטראם.

ו ו י י ב

(קוקט אויף אירע און אויף זיינע הענט) געמיינזאם א דינער שטראם.

ד ר י ט ע ר

דאס זעלבע בלוט, וואס וועט איצטער באלד —

ו ו י י ב

וואס וועט איצטער באלד —

ד ר י ט ע ר

שטראמען צוזאמען ווי איין איינציקער שטראם.

ו ו י י ב

אונטער דער ציטערנדיקער הויט.

ד ר י ט ע ר

ווייל דו ווילסט עס, ניין, ווייל דו קענסט דיר אנדערש נישט העלפן.

ו ו י י ב

האסטו עס פארשטאנען? אינגאנצן, אינגאנצן?

ד ר י ט ע ר

(ער הויבט זי אויף און לייגט זי שטיל און לייכט אויף דעם בעט ארויף, בלייבט שטיין געבויגן נעבן איר).

ו ו י י ב

(מיט פארמאכטע אויגן שטרעקט זי אויס די הענט און געפינט זיין קאפ, ציט אים מיט קראפט צו זיך).

(דער פארהאנג פאלט לאנגזאם ביז כמעט ארונטער און הויבט זיך אין עטלעכע רגעס ווידער לאנגזאם אויף).

ו ו י י ב

(ווי זי האט פריער מיט די הענט אים געצויגן צו זיך, אזוי הויבט זי די הענט איצט ווידער אויף און עפנט זיי, הויבט זיך אויף פון בעט און גייט צו צום פענסטער, אטעמט טיף) איצט בין איך זאט מיט דיר, איצט בין איך מיד פון דיר און האב דיך דאך נישט ווינציקער ליב. (שטייט אויסגעדרייט מיט דעם קערפער צום פענסטער און מיט דעם קאפ אין פראפיל צו אים, זעט אים אבער נישט) אזוי איז א ווייב, האסט דאך ליב דאס ווייב אין מיר? קען עס דען אנדערש זיין? איז עס דען מענטשנמעגלעך?

ד ר י ט ע ר

(אין דער צייט נעמט ער פון דער טאש א קליינעם, ווייסן רעוואלווער און לייגט אים אנידער אויפן טיש, קוקט אויף דעם רעוואלווער, קוקט אויף איר, א בולטער געדאנק אין אים, ער פארווארפט אים אבער האסטיק, גייט צו צו איר) דו!

ו ו י י ב

(האסטיק גיט זי זיך א קער אום, דערזעט אלץ און גיט א לויף צו דער טיר, ביי דער טיר דערשרעקט זי זיך נאך מער און גייט שריטווייז, הינטערוויילעכץ, צוריק צו אים) מוז עס שוין געשען?

דריטער

(געדירט פון איר שרעק, מיט שטילער מילדקייט) קינד, עס מוז נישט געשען, אויב דו ווילסט נישט.

ווייב

(כמעט דורך טרערן פון גליק) קען דאָס זיין?

דריטער

(מילד, רעזיגנירט און אויסגעשעפּט) עס קען זיין, קינד, עס קען זיין, איך קען גיין אליין.

ווייב

און —ביידע -- דאָ בלייבן — קענען מיר — נישט?

דריטער

עס קען געשען, אז די, וואָס האָבן זיך אזוי מיט דעם ערשטן בליק געטראָפן — האָבן זיך דאָך נישט געטראָפן.

ווייב

ווי איז דאָס מעגלעך?

דריטער

עס קען געשען, אז זיי האָבן זיך באַגעגנט נאָר כדי געוואָר צו ווערן, אז זיי צוויי זענען עס נישט. זענען עס נישט מער, זענען עס קיינמאָל נישט געווען.

ווייב

און דעמאָלט?

דריטער

דעמאָלט גייט דער, וואָס איז עס דער ערשטער דערגאַנגען, אליין אוועק.

ווייב

ווייטער זוכן —

דריטער

דעמאָלט ווייסט דער, ווייסט דער ערשטער, אז ער וועט אַזאַ מענטש קיינמאָל נישט געפינען, דעמאָלט ווייסט ער, אז עס איז נישט מעגליך און ער גייט איינגאַנצן אוועק. עס איז דאָך אזוי איינפאַך, קינד.

וו ײַ ב

(די שרעק איז אָפּגעטרעטן, ניכטער) גוט, שטאַרבן צוזאַמען, געװיס, געװיס, װי קען דאָס אַנדערש זײַן? אָבער איז דאָס אַזױ זיכער פֿאָרױס באַשטימט, װי לאַנג זײ דאַרפֿן לעבן צוזאַמען?

ד ר י ט ע ר

נײן, קינד, עס איז אין ערגעץ נישט באַשטימט. און די צװײ מענטשן קענען אַרומגײן איבער דער װעלט און לאַכן און טרינקען זײער גליק. אײנמאָל און נאָך אַמאָל, מיט אַלע מאָל טעמפּערע אױגן, מיט אַזעלכע פֿאַרשלאָפֿענע און מידע. און עס קומען די טעמפּע געזעצן פֿון לעבן, קומען װי שװערע, האַלצערנע יאָכן, און די צװײ גײען מיט שריט שװערע װײטער און װײטער, גײען, ביז —

וו ײַ ב

ביז?

ד ר י ט ע ר

ביז נאָט צעלאַכט זיך און גײט װײטער אַװעק, װײטער צו אַן אַנדער פּאָר — און די מענטשן, װאָס מען באַגעגנט אין װעג, שטעלן זיך אַ רגע אָפּ און לאַכן.

וו ײַ ב

(דריקט זיך קאַלט צו אים) װאָס גײען אונז די מענטשן אָן?

ד ר י ט ע ר

בױגט זיך אײן דער לעצטער שטאָלץ, װאָס איז נאָך גאָט געװעזן.

וו ײַ ב

און דעמאָלט?

ד ר י ט ע ר

קומט אַ קינד אױף דער װעלט און דאָס שװערע, האָלצערנע יאָך פֿון זאָרגן רײַבט װוּנדן אױס אין אײנגעבױגענעם האַלדז.

וו ײַ ב

(דריקט זיך װידער קאַלט צו אים, ער ענטפֿערט נישט מיט קײן אײן באַװעגונג) אַ קינד פֿון אַזאַ גװאַלטיקער ליבע, אונזער קינד —

ד ר י ט ע ר

די אַלטעגלעכע באַשעפּטיקונג פון גאָט.

ו ו י י ב

פאַרוואָס ביזטו אַזוי בייז?

ד ר י ט ע ר

אָבער פאַר דער גרויסער ליבע בלייבט אויך גאָט אַליין שטיין, ווי פאַר אַ רעטעניש. זיינע ספקות זענען דאָס. מיט צוויי פלאַמענשווערטער, איינער גליט ווייס און איינער רויט, ליבע און טויט, טרייבט ער די וועלט. אָבער מיט דעם צוויי־שניידיקן פלאַמען־שווערט: טויט דורך ליבע און ליבע דורך טויט, באַנוצט ער זיך אַליין קיינמאָל נישט, ער האָט מורא פאַר אים. עס וואָלט אים אונטערגעגאַנגען זיין וועלט.

ו ו י י ב

(איננאַנצן פאַרלוירן) איצט פאַרשטיי איך שוין גאָרנישט מער, גאָרנישט מער. דו, (זי הויבט אויף אירע ביידע הענט צו זיין קאָפּ, נעמט אים אַרום און קוקט פאַרשנדיק) מיך שרעקט, מיך שרעקט אַזוי, אַז —

ד ר י ט ע ר

(לאַכט) קינד, און אַז עס איז אַזוי, איז וואָס פאַר אַן אונטערשיד איצט? איך בין געקומען אַליין און איך וועל גיין אַליין. דו אָבער ביזט נישט איינזאַם. אַזאַ פרוי, ווי דו, ווערט נישט זיין איינזאַם.

ו ו י י ב

אָבער זאָג עס מיר, זאָג עס מיר אַזוי, אַז איך זאָל עס אויך קאָנען פאַרשטיין. פּלוצלונג האָב איך אויפגעהערט צו פאַרשטיין, ווי שרעקלעך פינסטער מיר ווערט, דיינע ווערטער זענען מיר פּלוצלונג איננאַנצן פרעמד געוואָרן.

ד ר י ט ע ר

וועל איך עס דיר זאָגן נאָך איינמאָל, נאָך איינמאָל, קינד.

ו ו י י ב

(פשוט ווי אַן איינפאַכער ליידנדיקער מענטש) זאָג עס מיר אַזוי, אַזוי איינפאַך, מיט די סאַמע איינפאַכע ווערטער, איך וועל לאַנ־

זאם, לאנגזאם נאָכגיין יעדן וואָרט באַזונדער, אפשר וועל איך דערגיין אין דיין לאַנד, אין דיין האַרץ.

ד ר י ט ע ר

עס איז א האַרץ, וואָס איז איצט שוין פול מיט טויט, צו וואָס זאָלסטו עס זוכן?

ו ו י י ב

זאָג עס מיר, זאָג עס מיר פּראָסט. איך וויל דאָך פאַרשטיין.

ד ר י ט ע ר

(זעצט זי אוועק אויף דעם בעט, זעצט זיך אויף דער בריק צו אירע פיס) פאַרשטייסטו קינד, אז מיר וועלן ווייטער לעבן, וועט זיך ענדיקן די ליבע צווישן אונז, אזוי מוז געשען. א קינד וועט קומען, אפשר א קראַנק קינד, און זאָרגן וועלן זיין. איצט איז בלויז ליבע און טויט צווישן אונז. מער גאָרנישט, גאָרנישט, איצט איז גרויסע איינזאַמקייט און נאַכט, און שפּעטער וועט קומען טאָג און מענטשן ארום, מענטשן. און טויזנט נאַרישקייטן וועלן קומען, איצט זענען זיי נישטאָ. איצט איז דאָס געוואַלטיקע ליכטשוואַרץ צווישן אונז. און שפּעטער וועט צו דיר קומען דיין דריי־יאָריק קינד און וועט דיר נאָכגיין. און אויך מיין אָפּגעשלאָסן לעבן פון אַמאָל וועט קומען צו מיר, און ביי די קליידער שלעפּן און איך וועל אים געהאָרכן. איצט נאָך קאָן געשען דאָס דערהויבענע, דאָס גרויסע, מאָרגן שוין נישט.

ו ו י י ב

אָבער דו פאַרשטייסט נישט די נשמה פון א פרוי. פאַרשטייסט נישט איר ליבע. (זי שטרעקט אויס אירע הענט און אירע פיס) זי וועט ווערן א רייזן־בלום און דו וועסט זיין איר ליכט. אז דו וועסט נאָענט זיין, וועט זי שטיין אָפן און פול פאַרבן צו דיר, אז דו וועסט ווייט זיין, וועט זי זיך פאַרמאַכן, ווי פאַר דער נאַכט. זי וועט לעבן נור מיט דיר. אז דו וועסט אונטערגיין, וועט זי אויך אונטערגיין. זי וועט נישט קאָנען לעבן אָן דיר, אָבער ווי לאַנג דו וועסט דאָ זיין. — און דאָס לעבן קאָן געדויערן לאַנג, לאַנג. מיר זענען דאָך נאָך יונג אזוי, מיר קאָנען נאָך אויסשעפּן דאָס לעבן, אויסשעפּן ביז צום סאַמע גרונט. יעדער טאָג מיט דיר צוזאַמען

איז אן אייביקייט — ווי לאַנג, ווי לאַנג מיר קאָנען נאָך לעבן צוזאַמען!

ד ר י ט ע ר

נו, רעד נאָך, רעד דיר פון הארץ אראָפּ, קינד.

ו ו י י ב

זע, די בריוו זענען שוין אין ים, די ווערטער זענען שוין נישטאָ מער. און זיי וועלן פון איצט אָן אזוי אַלע גיין אין ים אריין. קיין שום זאַך וועט מיך פון איצט אָן נישט רירן, ווילאַנג דו וועסט וועלן.

ד ר י ט ע ר

(שמייכלענדיק רוקט ער זיך אַלעמאַל מער אָפּ פון איר) דאָס זענען געוועזן די בריוו, אָבער נאָך די בריוו וועלן דאָך קומען די מענטשן, וואָס זענען הינטער זיי, וועלן מיר די מענטשן אויך אזוי אומגעלעזן ווארפן אין ים אריין?

ו ו י י ב

דאָס קינד?

ד ר י ט ע ר

(מיט מילדער איראניע) האלטסטו מיך פאר אזוי גרויזאַם?

ו ו י י ב

דאָס קינד — קאָנען מיר דען נישט נעמען מיין קינד צו אונז? ביזטו דען פרעמד צו אָט דעם קינד? עס האָט דאָך אויך מיין בלוט אין זיך — און יעדער טראָפּן פון מיין בלוט — האָסטו דאָך נישט איינמאָל געזאָגט?

ד ר י ט ע ר

(געמאכטער ערנסט) איך פיל א ליבע צו אים, צו דיין קינד.

ו ו י י ב

און אז עס וועט קומען מיין אמאָליקער מאַן צו מיר, וועסטו אים דען ברוטאַל קאָנען ארויסווארפן פון דער שטוב? האָט ער דיר דען עפּעס בייז געטון? האָט ער דען נישט מער פארלוירן, ווי דו? זע, ער האָט מיך געהאַט בלויז עטלעכע יארן, און נישט מער, ווי מיין לייב האָט ער געהאַט. דו אָבער האָסט מיך אייביק. ער האָט געהאַט בלויז א מענטש, וואָס האָט אים נישט ליב געהאַט, און אפילו

פֿײַנט געהאַט ביז איצט; איצט נישט מער. און דו — (זי זוכט צו דערגרייכן זיינע הענט, עס געלינגט איר נישט, זי מערקט אָבער גאָרנישט).

דריטער

געוויס קאָן איך רעדן מיט אים. געוויס. קיין מינדסטע שפּור פֿון האַס פֿיל איך נישט צו אים. איז ער דען שולדיק אין עפּעס? איך פֿיל אפֿילו א שוואַרץ געוויסן אַנטקעגן אים

ווייב

און אז צו דיר וועט קומען דיין אמאָליקע פרוי, וועל איך דען פֿילן א האַס צו איר? די בעסטע פֿריינט וועלן מיר דאָך ווערן, אויב נור זי וועט וועלן.

דריטער

זע ווי גוט, און אויך איך פֿיל נישט די מינדסטע שפּור פֿון האַס צו איר. זי האָט דאָך אייגנטלעך געליטן, איך האָב דאָך בלויז גליק געהאַט זינט איך קען דיך, קאָן דען זיין א נענטערע פֿריינדין, ווי א מוטער פֿון א אייגן קינד? איז דען דאָ א פֿריינט אויף דער וועלט, וואָס האָט צוליב זיין פֿריינט געליטן, ווי א מוטער, וואָס האָט א קינד געהאַט?

ווייב

(מונטער און שטאַרק פּאַראינטערעסירט) און אז עס וועט קומען דיין זון צו דיר. ווייסטו, אז איך האָב אים איינמאָל געזען, דו ווייסט נישט דערפֿון. ער איז אַזוי אינגאַנצן ענליך צו דיר, צו יענעם, וועלכן איך האָב קיינמאָל נישט געזען און וועל אים שוין קיינמאָל נישט זען. דו ווייסט גאָרנישט, ווי איך האָב אים פֿונדערווייטן ליב, דיין זון, אז ער וועט קומען און דו וועסט אַמאָל נישט זיין, וועט זיך מיר דאַכטן, אז די יאָרן האָבן אויפֿגעהערט צו גיין, אז אַלע צייטן האָבן זיך אויסגעמישט און דו ביזט פֿאַר מיר אין צוויי געשטאַלטן דאָ. פֿילסטו, וואָס פֿאַר א וווּנדערליכער געדאַנק דאָס איז?

דריטער

ער איז דאָך אינגאַנצן מיט עטליכע יאָרן יינגער פֿון דיר.

ווייב

(קאַקעט און אינגאַנצן זאָרגלאָז) אַז דו וועסט עלטער ווערן און גע־בויגן, אַט אַזוי, אַט אַזוי (שטיפעריש בויגט זי זיך איין) און איך וועל דאַמאָלט זיין אין געפערלעכן עלטער און וועל דיך ליי־דענשאַפטליך וועלן האָבן אַ ייִנגערן, אַ ייִנגען ווי אַ מאָל, ווי איצט (כאַפּט זיינע הענט און קושט) דאַן וועל איך אָנהויבן אַ לייכטן פלירט מיט דיין זון — דערווייל אַזאַ לייכטן פלירט.

דריטער

(שטיפּט מיט) און פון דעם לייכטן פלירט וועט ווערן אַ שווערע און קאָמפּליצירטע פאַמיליען־טראַגעדיע, און אַמאָל וועל איך פאַר־מעגן, אַ בייזער אין דער נאַכט, אַ היים און וועל טרעפן —

ווייב

און איך וועל פאַלן צו דיינע פיס און שווערן —

דריטער

און איך וועל אומברענגען מיין זון.

ווייב

אָבער מיך וועסטו לאָזן לעבן. און איך וועל נעמען די גאַנצע גע־וואַלטיקע שולד אויף מיר.

דריטער

(נאָך שטיפעריש, אָבער דאָך שוין מיט אינערליכן ערנסט) און דאַן וועל איך, אַ געבויגענער, אַן אַלטער, שטיין פאַרן געריכט און רעדן וועגן ליבע און וועגן טויט —

ווייב

(שלאָגט די הענט צוזאַמען) אך, צו וואָס האָט דאָס געטויגט?

דריטער

(שטייט אויף לאַנגזאַם) איצט וועל איך אַראָפּגיין צום ים, איך וועל לאַנג גיין, עס וועט קומען דו ביים ברעג פון ים. עס שטייען פאַר אונז פיל וויכטיקע געשעענישן, און — מענטשן דאַרפן קומען. אַז איך וועל לאַנג נישט דאָ זיין, זאָלסטו דיך גאָרנישט זאָרגן.

ווייב

(אינגאַנצן זאָרגלאָז) מיינסטו, אַז זיי אַלע וועלן נישט וואַרטן אויף אַן ענטפער אויף די בריוו און וועלן קומען אַזוי? ווייסטו, איצט

בין איך פעסט און גרייט אַלע מענטשן אויפצונעמען. פאַר קיינעם האָב איך איצט קיין מורא נישט. דאָס ערגסטע, נישט אמת, דאָס ערגסטע איז דאָך שוין אריבער?

דריטער

ביזט געדעכט, זיי וועלן דאָך נישט קומען אַלע, ווי עפּיס א פּראָ־צעסיע, אהער. אָבער איינער וועט נישט וואַרטן —

ווייב

מיין מאַן? איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דו מיינסט.

דריטער

דיין מאַן? און אפשר וועט ער מיטנעמען דאָס קינד אויך.

ווייב

ניין, דאָס קינד וועט ער נישט מיטנעמען. איך בין זיכער, אַז נישט, אָבער וואָס גייט מיך דאָס אַלץ אָן?

דריטער

איצט גיי איך.

ווייב

(שפּרינגט אַראָפּ פון בעט, גייט צו צו אים און גלעט אים צערט־ליך) יאָ גיי, גיי צום ים. דער ים וועט דיך באַרויקן. ער איז היינט אַזוי ווייט און אַזוי בלוי. און דער טאָג איז נאָך גרויס, ווי קאָן מען נאָך גליקלעך זיין אין אַזאַ גרויסן טאָג. און אַז דו וועסט קומען, וועל איך צוגרייטן עסן פאַר דיר, צום ערשטן מאָל, ווי א פרוי. ווי גליקלעך איך בין — מיינסטו, אַז מיין מאַן קאָן נאָך היינט דאָ זיין?

דריטער

היינט? ניין, נישט מער. אָבער גאַנץ פרי קאָן ער דאָ זיין, מאָרגן פאַרטאָג.

ווייב

נו גיי שוין, גיי, מיין ליבער. גיי באַרואיק דיך ביים ים. גיי ווייט. נו גיי שוין, אַזיסט וועל איך דאָך נישט פאַרטיק ווערן. אַז א פרוי באַפעלט גיין, מוז מען גיין. אָ, דו ביזט א שלעכטער מאַן. יאָ, ווייסט, וואָס מיר פעלט איין? מיר וועלן וואַרטן אין אונזער שטוב אויף — נו זע, איצט ווייס איך נישט ווי אים צו רופן —

נו, אויף מיין מאַן. אָבער מיר וועלן וואַרטן אין די קליידער אויף
אים. אמת, אַז אַזוי? פּאַרטאָג, אָבער מיר וועלן וואַרטן אין די
קליידער אויף אים.

ד ר י ט ע ר

געוויס וועלן מיר אים נישט אויפנעמען ליגנדיק צוזאַמען אין בעט.
געוויס, מיין קינד.

ו ו י י ב

ווי וווּנדערליך מענטשליך דו ביזט.

ד ר י ט ע ר

און איצט וועל איך גיין. (ער גייט צו צו איר, קוקט אויף איר
לאַנג, קושט זי לענגאַווים דעם גאַנצן קערפּער ביז אַראָפּ, צו די
פיס) דאַנק דיר, דאַנק דיר אומשולדיקער, שיינער מענטש, דאַנק
דיר, דאַנק —

ו ו י י ב

(מיט חשד) פאַר וואָס?

ד ר י ט ע ר

פאַר אַלץ, פאַר אַלץ. (גייט צו צום טיש און באַהאַלט דעם רע-
וואָלווער ביי זיך, גייט גלייך, האַלט שוין די האַנט אויף דעם
שלאָס פון דער טיר).

ו ו י י ב

(פּלוצלונג העפּטיק, שרייט שיר) ניין! ניין! דו וועסט נישט גיין!
קום גייסטו אַוועק אויף אַ רגע, בלייבט אַ געוואַלטיקע ווונד! וועט
פּלוצלונג אַ גאָס טון בלוט פון מיין גאַנצן קערפּער! (אירע הענט
פליען אַראָפּ לענגאַויים איר קערפּער, ווו ער האָט זי ערשט גע-
קושט) אין איין רגע וועל איך אויסגיין! פאַרלאָז מיך נישט, פאַר-
לאָז מיך נישט!

ד ר י ט ע ר

דו האָסט דאָך מיך פאַרלאָזט, וואָס ווילסטו דען מער?

ו ו י י ב

ניין, ניין! איך פאַרלאָז דיך נישט, איך וויל שטאַרבן מיט דיר
צוזאַמען איצט האָב איך אַלץ פאַרשטאַנען. עס קאָן נישט אַנ-
דערש זיין! זאָל עס געשען, זאָל עס געשען איצט!

ד ר י מ ע ר

(גייט צו צו איר ,זיין בליק פאַלט שווער און טיף אין אירע אויגן) ווילסטו? ווילסטו עס, מיין ווייב?

ו ו י י ב

איצט איז עס מיר קלאָר געוואָרן. ליבע איז טויט, לעבן איז זי נישט. (זי נעמט א גרויסע שאַל פון בעט אראָפּ. גייט צו צו אים און נעמט אים ציטערנדיק ארום, זיי שטייען ביידע ארומגענומענע, מיט דער העלזיידענער שאַל ארומגעוויקלט, אינמיטן צימער, העל פאַלט דאָס ליכט אויף זיי. כמעט אַן ווערטער פליסטערט זי) איצט. שוין —

ד ר י מ ע ר

(רויק) און דאָס וואָרט, וואָס וועט זיך קיינמאָל נישט ענדיקן ? האָסטו עס איצט פארגעסן, דו? דו —

ו ו י י ב

דו —

ד ר י מ ע ר

זייערע קעפ דריקן זיך צוזאַמען מיט די שלעפן, מיט דער רעכטער האַנט צו זיין רעכטער שלעף דריקט ער צו דעם רעוואָלווער, אירע אויגן שליסן זיך און דאָס פנים ציטערט קראַמפּהאַפט, ער שיסט).

ו ו י י ב

(אין דער לעצטער סעקונדע האָט זי זיך א ריס געטון, די קויל האָט נאָר אים געטראָפן, ער פאַלט מיט איר צוזאַמען, פון דעם פלאַנטער פון דער שאַל פויזעט זי אויף אלע פיר ארויס און בלייבט ליגן).

ד ר י מ ע ר

(זעצט זיך אויף, שטאַרער, שטאַרבנדיקער בליק, האָט אלץ פאַר־שטאַנען, מיט דער לעצטער קראַפט וואַרפט ער דעם רעוואָלווער דורך חעם פענסטער ארויס) אליין, אליין, אל — — (ער זוכט נאָך עטלעכע מאָל און בלייבט ליגן שטיל. ביידע ליגן אומבאַוועג־לעך עטלעכע רגעס לאַנג, ווייב האַלט דאָס פנים פארגראָבן אין די הענט).

ווייב

(א האסטיקער ווי ריסט זי אויף און שליידערט זי אין דער הויך. ביידע הענט אויפגעהויבן הויך שרייט זי פארצווייפלט און שטיל און אין איין אָטעם). ווי קאָן איך עס איצט ווידער גוט מאַכן?! נור נאָך איין רגע פעלט — און זי וועט שוין קיינמאָל נישט קור־מען. נור נאָך אויף איין רגע עפן די אויגן — (זי פאלט צו צו אים) אליין, אליין.

דער דריטער אקט

פֿאַרטאָג; אין קאָרידאָר פֿון דער שטוב, וווּ עס איז פֿאָרגעקומען דער צווייטער אַקט. דער קאָרידאָר איז ענג און ענליך צו א תּפֿיסה. א פֿאַרקראַטעט פֿענסטער זעט זיך ערגעץ זייער הויך. די טיר רעכטס פֿירט אין דער שטוב. די טיר לינקס צו די טרעפּ. עס שטייען זאַכן אָנגעשטעלט און מאַכן נאָך גרעסער די ענגשאַפֿט. פֿון דעם הויכן און פֿאַרקראַטעטן פֿענסטער שפּאַרן זיך האַלבהעלע פּאַסן. נישט קלאָר, צי דאָס איז לבֿנה־ליכט, אָדער פֿאַרטאָג־ליכט. גאַנץ הויך ברענט ערגעץ האַלב־טונקל א לעמפּל.

ווייב

(זיצט איינגעקורטשעט דעם קאָפּ צווישן די קניען כמעט, אויף א קויש. זי טראָגט דאָסזעלבע קלייד, וואָס נעכטן. עס איז אָבער אויסגעקנייטשט אויף איר, קוים צו דערקענען. פּלוצלונג הייבט זי זיך אויף, הייבט אָן זוכן. ווייל אריינלויפֿן אין דער אָפֿענער טיר רעכטס, שרעקט צוריק, לויפֿט דאָך אריין און אין א רגע ארום ווידער ארויס צוריק) עס איז נישטאָ, עס ליגט אפשר אונטער אים, ווי קאָן איך אים א קער טון, ער איז אזוי שווער, ער איז אזוי שרעקלעך שווער געוועזן, עפּעס האָט ער ארויסגעוואָרפֿן דורך דעם פֿענסטער, איצט פֿאַלט עס מיר איין, צו וואָס האָט ער עס געטון — (לויפֿט ווידער ארום און זוכט עפּעס קראַמפּהאַפֿט ארום, פֿאַלט

צו צו א קויש און מאטערט זיך מיט א קניפּ פון א שטריק, רייסט אים מיט די ציין. לויפט ארום און זוכט קענטיק א מעסער, גע־פינט ערגעץ אָ מעסער, שניידט אויף דעם שטריק, באטאפּט אים און ווארפט מיט עקל צוריק, קוקט אויף דעם מעסער, עס איז פאר־זשאווערט און מוראדיק גרויס, זי ווארפט עס אוועק. דערזעט אויף דער בריק ביי דער רעכטער טיר אָ פראנז פון דער שאל, גיט א ציי, עס לאָזט נישט נאָך, ליגט ערגעץ פעסטגעקלעמט שווער, זי ווארפט עס אוועק און אין א רגע ארום ציט זי עס ווידער, דאָס־מאָל לאָזט עס לאנגזאם נאָך און עס ציט זיך די גאנצע זיידענע שאל אפיר, זי פלאטערט מיט דעם ארום און צעלייגט עס, זוכט סמנים פון בלוט, זיי זענען נישטאָ. בארויקט זי זיך און דרייט אין געדאנקען די שאל ווי א שטריק צוזאמען) און איינזאם הויז — איך בין איינע אליין אין גאנצן הויז — דאָ דארף ערגעץ זיין דער גלאָק צום וועקטער — איך וועל אים רופן — (זי גייט צו צו דער טיר און דריקט דעם קאָנטאקט פון גלאָק. מען הערט אים קלינגען ערגעץ ווייט) וואָס האָב איך געטון — (זי בלייבט הילפלאָז שטיין ביי דער טיר אוןווארט, אין עטלעכע רגעס ארום קלאפּט עס אין דער טיר, אן אומדייטלעכע שטימע פרעגט עפּעס) האָט איר נישט אָ שטריק? מיר דארפן צום פּאקן, גאנץ פרי פאָרן מיר אוועק. (דאָס שלאָס פון דער טיר רירט זיך, זי שרעקט צוזאמען, איז אינ־גאנצן פארצווייפלט) ניין, ניין. עס איז נישט נויטיק מער, עס האָט זיך שוין געפונען, גייט רויק שלאָפן, א דאנק. (זי ווארט אָפּ א רגע ביי דער טיר און גייט דאן צו דער טיר רעכטס, וויל אריינגיין, שרעקט צוריק, בלייבט ביי דער טיר און א שטיל גע־וויין פון גאנצן הארצן קומט איבער איר) נאָך איינמאָל עפן די אויגן אויף א רגע און דו וועסט זען מיך שטארבן מיט דיר צוזא־מען, עפן נאָך איינמאָל די אויגן! (לאָזט זיך אראָפּ אויף די קניען און הויבט אָן אזוי אריינצוגיין אין דער שטוב רעכטס, קושט די ברעטער פון דער שוועל, רוקט זיך א שריט ווייטער און באלד קראמפּהאפט ווידער צוריק) אָ, ווען איך וואָלט גלייך גערופן, מענטשן גערופן, אפשר האָט מען נאָך געקאָנט ביים לעבן דער־האלטן עטלעכע מינוטן. נור אזוי לאנג אויף צו קאָנען שטארבן

אין זיינע אויגן. איצט איז שוין שפּעט, שפּעט, ער איז שוין לאַנג קאַלט — קאַ—לט, אַזאַ שאַנד, שאַנד איצט צו שטאַרבן אַליין. דאָ איז דאָס געוועזן דאָס גרעסטע גליק, נור זעלטן, זעלטן דערלעבט עס אַ פרוי אויף דער וועלט, מיט די אייגענע הענט האָב איך אָפּגעשטויסן דאָס גרעסטע גליק, דאָס שטאָלצסטע גליק פון אַ מענטש, פון אַ פרוי, ער איז נישטאָ, נישטאָ, נישטאָ מער ווי ער אויף דער וועלט. נישט קיין ווײַ מער, נאָר אַ שאַנד, אַ שאַנד — (הויבט זיך אויף, זעצט זיך אויף דעם פּריערדיקן אָרט, דער קאָפּ ווידער צווישן די קניען, אויף וועלכע עס ליגט איצט די שאַל. רגעס פאַרגייען. דערשטיקטע און לאַנגאויסגעצויגענע קרעכצן. עס דערהערט זיך אַ קלאַפּ אין דער טיר. זי בלייבט מאָמענטאַן גאַנץ רואיק, הויבט אויף דעם קאָפּ, לייגט די שאַל נעבן זיך) ווער איז עס, ווער איז עס? (הויבט זיך אויף און מאַכט אויף גיך אַ ביסל צורעכט קלייד און פריזור, קוקט זיך אַרום, גייט צו צו דער טיר רעכטס און דריקט זי צו) באַלד! (גייט צו צו דער טיר לינקס) ווער איז?

מ אַ ן

(צערטליך) איך.

ו ו י י ב

(מיט די הענט ביי די אויערן) ווער?

מ אַ ן

(נאָך צערטליכער) נו איך, איך —

ו ו י י ב

אַך דו, (זי עפנט די טיר).

מ אַ ן

(קומט אַריין, ווי ער וואָלט זיך אַריינגעגנבעט) דערקענסטו נישט מיין שטימע?

ו ו י י ב

אַ, ווי גוט, ווי גוט! (וואַרפט זיך געדאַנקענלאָז אויף זיין האַלז).

מ אַ ן

(גלעט זי צערטלעך, טרערן שטיקן אים) מיין טייערע, מיינע, מיינע.

ז ו י י ב

(נעמט האַסטיק אַראָפּ זיינע הענט פון זיך) ווו איז דאָס קינד?

מ אַ ן

אַ ווי גוט, ווי גוט, וואָס דיין ערשטע פראַגע איז אויף דעם קינד.

ו ו י י ב

אָבער ווו איז עס?

מ אַ ן

אין דער היים איז עס, אין דער היים געבליבן. האָב איך עס דען געזאָלט מיטנעמען? אין דער היים איז עס.

ו ו י י ב

איז עס געזונט?

מ אַ ן

געזונט, געזונט. אַ ווי גוט, וואָס דו פרעגסט. איך האָב אים געזאָגט, אַז דו ביסט אַוועקגעפאָרן, צו דיין מוטער געפאָרן, אַז דו קומסט באַלד. באַלד קומסטו צוריק. (גלעט זי) איך האָב דעם קינד דאָך געזאָגט, ווי דער אמת איז? ניין?

ו ו י י ב

פאַרוואָס האָסטו עס געטון?

מ אַ ן

האָב איך דען אַנדערש געקאָנט? וואָס דען זאָגט מען אַ קינד? ביזטו בייז דערפאַר? דאָס איז דאָך דאָס ערשטע, וואָס מען זאָגט אַ קינד אין אַזעלכע פאַלן. נישט אמת? דאָס איז דאָך דאָס ערשטע, וואָס מען זאָגט. און אַז מען מוז שפּעטער, און אַז מען מוז, און אַז דאָס קינד האָט שוין אַ ביסל פאַרגעסן, זאָגט מען שפּעטער עפּעס אַנדערש. עס האָט דאָך אַזאַ קליין און אַזאַ צאַרט הערצעלע — עס קאָן דאָך צעריסן ווערן — צעריסן ווערן.

ז ו י י ב

און וואָס האָט עס געזאָגט?

מ אַ ן

עס האָט פאַרשטאַנען, אַז עס איז אַזוי און נישט אַנדערש. און איצט האָב איך אים געזאָגט, אַז איך בין נאָך דיר געפאָרן. איז עס דען אַנדערש?

ווייב

און וואָס וועט זיין, אז איך וועל נישט צוריקקומען?

מאַן

דו וועסט, דו וועסט, דו וועסט יאָ!

ווייב

(גייט ארום איבער דעם קאָרידאָר) ווער ווייסט?

מאַן

האָסטו דען נישט געלעזן, וואָס — דאָס קינד האָט דיר געשריבן?

ווייב

(שטעלט זיך אָפּ נעבן אים און רעדט גלייך אין זיין פּנים) די בריוו זענען אַלע ווי איינער אין ים אריין געגאַנגען, קיינער האָט זיי נישט געלעזן.

מאַן

(לאָזט אראָפּ דעם קאָפּ און הויבט אים אין א רגע ווידער אויף. בייז) ווער האָט עס געטון?

ווייב

זיי שטילער, וועל איך עס דיר זאָגן. קיין גרונט נישטאָ עפּעס צו פארבאַהאַלטן דאָ פאר דיר. ווער? — ער!

מאַן

(מיט בייזער, פּראָסטער איראָניע) געוויס! ער —

ווייב

ווייל, איך האָב אזוי געוואָלט.

מאַן

(צוליב איר אָנטשלאָסנקייט ווידער געצוימט און צערטליך) אָבער, דאָס קינד, דאָס קינד האָט דאָך געשריבן.

ווייב

איך ווייס. מיט דיין האַנט.

מאַן

פון וואַנען ווייסטו עס?

ווייב

ער האָט מיר געזאָגט.

מ א ן

(מיט צוריקגעהאַלטענעם עקל) האָט ער די בריוו יאָ געלעזן?

וו י י ב

ניין, ער האָט עס אַזוי פאַרשטאַנען. דאָס לעזן איז איבעריק געווען.

מ א ן

וואָס פאַר א טיפע באַליידיקונג פאַר א מאַן איז מיין קומען אַהער.

וו י י ב

האָט דיך דען ווער גערופן?

מ א ן

דערפאַר איז די באַליידיקונג נאָך גרעסער.

וו י י ב

קאָנסטו דאָך גיין. (שלאָגט די הענט צוזאַמען) אָבער ניין, ניין גיי נישט. גיי נישט איצט אַוועק.

מ א ן

נו שוין, שוין, בארויק דיך, איך וועל נישט גיין איצט. (גייט צו צו איר, קושט זי, אָטעמט טיף די היץ, וואָס שלאָגט פון איר צער־צעריסענעם וועזן, ווערט צוגעלאָזענער און צערטליכער) נו שוין, שוין, איך וועל דאָך אַלץ טון פאַר דיר. אַלץ, וואָס מען וועט נור דאַרפן. איך האָב דיך דאָך ליב, אַזוי שרעקליך ליב. דו האָסט דאָך קיינמאָל נישט געפרעגט ביי מיר וועגן דעם. האָסט קיין צייט נישט געהאַט. (דריקט זי אַלעמאָל שטאַרקער צו זיך, אַלעמאָל ליידנשאַפטליכער).

וו י י ב

(אין די קלאַמערן פון זיינע הענט, הילפלאָז) אָבער איך בין אַזוי מיד, אַזוי אויסגעמאַטערט.

מ א ן

דו, קום אַוועק פון דאַנען, אויב דו ווילסט נישט, אַז איך זאָל אַוועקגיין. דאָ נישט ווייט האָב איך א האָטעל־שטוב גענומען איידער איך בין געגאַנגען צו דיר. (גלעט איר דאָס פנים און רעדט מיט א זעלבסטפאַרגעסענעם שמייכל) נו דו, דו — דו

ביזט מיר דאָך עפּעס שולדיק געבליבן, איך וועל עס מיר אָפּנע־מען.

ווייב

(שטיקט זיך) אָך, איך בין דאָך אַזוי מיד.

מאַן

אַזוי באַגער איך דיך נאָך מער. איז דאָ — איז באַלד דאָ? (ווייזט פּרעגנדיק מיט דעם קאָפּ אין דער ריכטונג פון דער רעכטער טיר) איז באַלד דאָרט? אויב דו ביזט מיד און קאָנסט נישט אַוועקגיין? דאָרט?

ווייב

(טוט זיך א רים מיט אַלע כוחות) לאָז!

מאַן

וואָס איז געשען?

ווייב

אָבער פאַרוואָס פרעגסטו נישט, פאַרוואָס פרעגסטו גאָרנישט? ווילסטו דען גאָרנישט וויסן?!

מאַן

(מיסגעשטימט און קאַלט) זאָל איך דיר דעם אמת זאָגן?

ווייב

יאָ, יאָ.

מאַן

פאַרשפּאָר עס מיר, זאָג מיר גאָרנישט, וועגן דעם, זאָג מיר נישט. וואָס עס איז געוועזן נעכטן, זאָג מיר בעסער, וואָס עס וועט זיין היינט, א נייער טאָג לייכט דאָך אויף (קוקט זיך ארום, גע־פינט דאָס פאַרקראַטעטע פענסטער) אויבן.

ווייב

(א בליק ארויף) איז שוין די נאַכט אריבער?

מאַן

ווייסטו דען נישט? יאָ, אייגנטלעך, וואָס זיצסטו דען אין קאָרי־דאָר? וואָס איז דאָ אייגנטלעך? ווו ביזטו דען געוועזן?

ווייב

ער האָט געזאָגט, אַז פאַרטאָג וועסטו קומען.

מאן

האָב איך דען וועגן דעם איז די בריוו געשריבן?

ווייב

איך ווייס נישט, אָבער ער האָט עס געזאָגט.

מאן

פאַרוואָס אייגנטלעך ביזטו אין די קליידער? עס איז שוין פאַר־טאָג. קומסטו דען פון ערגעץ?

ווייב

ניין, איך בין דאָ די גאַנצע צייט.

מאן

גרויזאַם געגוג, אָבער איך מוז פרעגן. איז ער דאָ ביי דיר. אָדער ביזטו ביי אים געווען? דאָך גוט, וואָס איר האָט נישט צוזאַמענ־געוווינט.

ווייב

האָסטו דען נישט ביים וועכטער אַלץ אויסגעפרעגט?

מאן

אַזוי טיף — און איבריקנס, איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין דיין ברודער.

ווייב

(לאַכט) ברודער! מוז איך דיר דען אַלדינגס זאָגן, ברודער? טאָר איך דען גאָרנישט פאַרשווייגן?

מאן

אָבער דו ביזט אין די קליידער, אין אויסגעקנייטשטע קליידער· דו קומסט פון אים. (קאָן נישט צוריקהאַלטן דעם עקל) געררוך פון אַ פרעמדן מאַן איז אין דיר, פון פרעמדן לייב. פון פרעמדן בלוט, זיין בלוט.

ווייב

(דאָס לעצטע וואָרט ברענגט זי פלוצלונג אין וואַנזיניקער שרעק) געררוך פון זיין בלוט, האָסטו געזאָגט?

מאן

נו שוין, נו שוין.   ווי דו ציטערסט אויף פון יעדן ווייניקער צערטליכן וואָרט וועגן אים. האָסטו אויך, כאָטש אין די סאַמע

ערשטע צייטן, אזוי אויפגעציטערט פון יעדן וואָרט וועגן מיר?

ווייב

(מיט אראָפּגעלאָזטע הענט און צוגעמאַכטע אויגן נאָך דער שרעק) ווילסטו מיר איצט מאַכן א סצענע פון אייפערזוכט? ביזטו צו־ליב דעם אהערגעקומען? צוליב דעם?

מאַן

(קוקט אויף איר מיט באַגערנדיקע בליקן פון קאָפּ ביז צו די פיס און פון די פיס צוריק ארויף צום קאָפּ) ניין, ניין, נישט צוליב דעם. איך האָב דיך דאָך אזוי ליב.

ווייב

(עפנט ווידער די אויגן) צו וואָס דען ביזטו אהערגעקומען? זאָג עס מיר דייטליך און גאַנץ קלאָר. איך מוז עס דאָך וויסן. מיר קאָנען דאָך נישט אזוי דאָ אין קאָרידאָר זיצן בלייבן.

מאַן

איז עס דען נישט דייטלעך גענוג? איך האָב דאָך שוין אלץ געזאָגט אין די ערשטע ווערטער. קאָנען מיר דען נישט דאָרט אריינגיין?

ווייב

(איז באַלד ביי דער טיר רעכטס און פארשטעלט זי) ניין! ניין!

מאַן

זענען מיר דען נישט אליין? (מאַכט א באַוועגונג צו דער טיר לינקס) איז (מיט שטאַרקן אקצענט) עמיצער דאָרט?

ווייב

דאָרט איז קיינער נישט, קיינער נישט. מיר קאָנען רעדן גאַנץ הויך: קיינער, קיינער (זי אָטעמט מיט צער) הערט נישט מער.

מאַן

פאַרוואָס טאָר איך דען דאָרט נישט אריינגיין?

ווייב

נור דאָרט נישט, נור דאָרט נישט.

מאַן

וואָס באַהאַלטסטו דען? וואָס פאַר א צוועק און וואָס פאַר א זין האָט דאָס? איך וויים דאָך, עס איז דאָך מער ווי קלאָר, אז ער

איז דאָ געוועזן, אָדער דו ביזט געוועזן ביי אים. קינדערייען! זאָל די ווונד אויפרייסן אינגאַנצן, אינגאַנצן, וועט זי זיך קאָנען אינ־גאַנצן פאַרהיילן וואָס גיכער.

ווייב

נור דאָרט נישט, נור דאָרט נישט.

מאַן

(מאַכט אַ ענערגישע באַוועגונג צו דער טיר רעכטס) איך וועל דיך איינפאַך נישט פאָלגן. אינגאַנצן אָן רעכט בין איך דאָך נאָך נישט ביי דיר.

ווייב

דו וועסט עס נישט טון, דו וועסט עס נישט טון!

מאַן

איבריקנס, עס איז אַלץ איינס. איך ווייס דאָך פון אַלץ. דאַרף מען דען מער ווי דעם בריוו?

ווייב

אַך, מיין בריוו.

מאַן

איך האָב אָבער גלייך געוווסט, אַז דאָס זענען פוסטע ווערטער מיט אַט דעם שטאַרבן. מיט דעם שטאַרבן צוזאַמען. זיינע ווער־טער. איך האָב זיי צו גוט דערקענט.

ווייב

ווו איז דער בריוו?

מאַן

דאָ איז ער. איך האָב אים יאָ געלעזן, דיין בריוו, דאָ האָסטו אים! (ער ציט פון דער טאַש אַ בריוו, רייסט אים אין צוויי שטיקער און וואַרפט אים איר, דער בריוו פאַלט אויף דער בריק).

ווייב

(פלאַטערט אויף און פאַלט באַלד ווידער צוזאַמען, בלייבט רויק שטיין) זאָל ער דאָ אַזוי ליגן בלייבן דער בריוו, אין צוויי העלפטן צעריסן, זאָל ער דאָ בלייבן ליגן אַזוי.

מאן

דאַן גיי איך אַריין דאָרט אַהין. איך מוז דאָך וויסן, אַהער אָדער אַהין!

ווייב

דו ווייסט נאָך גאָרנישט, דו ווייסט נאָך גאָרנישט.

מאן

(מיט ברוטאַלע האַנט־באַוועגונגען צו ביידע טירן) אָדער דו לאָזט מיך גיין דאָ אַרום, אָדער דאָרט אַרום! איך מוז דאָך וויסן, וואָס טון!

ווייב

(דריקט זיך שטאַרקער צו דער טיר רעכטס) וואָס ווילסטו דען טון?

מאן

עס איז קלאָר, אַז עמיץ איז דאָרט.

ווייב

ניין, ניין גלויב עס מיר, אַז קיינער איז נישט דאָרט. (פאַרברעכט די הענט און רעדט דורך טרערן) קיינער נישט, קיינער נישט.

מאן

איך מוז דאָך וויסן, וואָס צו טון!

ווייב

דאַן זאָג עס מיר.

מאן

איך וויל דיך צוריקגעבן דעם קינד און דאָס קינד דיר. וואָס גיכער! דאָס איז דאָס ערשטע אין אַזעלכע פאַלן.

ווייב

און דו?

מאן

(גייט נענטער צו צו איר) און לאַנגזאַם דיך ווידער געוווינען פאַר מיר. אָבער איצט אויף שטענדיק. עס פּאַסירן אַזעלכע זאַכן. דאָס איז אַ גרינגלעכע היילונג אויפן גאַנצן לעבן.

ווייב

און מיך האסטו שוין געפרעגט?

מאן

אין אזעלכע שעהן געהערן אלע רעכט צום מאן! האט ער דען דיך געפרעגט אין אזא שעה?

ווייב

אלץ איז געשען מיט מיין ווילן. ער האט מער ווי געפרעגט· אך, וואלט ער נישט אזויפיל געפרעגט.

מאן

ווי? (גרינגשעצנדיקע האנט־באוועגונג) און איז דען דיין ווילן איצט אנדערש, ווי מיינער? איך פרעג דאך.

ווייב

(טאמלט) איך ווייס דאך איצט גארנישט, איך ווייס דאך איצט גארנישט. איך ווייס נור, אז עס לאזט זיך גארנישט מער גוט מאכן.

מאן

(זעצט זיך אויף א קויש) איך זאג דיר צו, אז איך וועל זיין נאכגעביק אין אלעם. עס וועט זיין שטאלצע טאלעראנץ· די צייט וועט אויסהיילן. און איבריקנס, איך וועל פרעגן, איך האב עס אפילו נישט געוואלט, נור זאל שוין זיין. אזוי איז בעסער. איך וועל פרעגן און דו וועסט ענטפערן, יא, אדער ניין.

ווייב

(זעצט זיך ווי צו א טארטור אויף עפעס א נידריקן קעגנשטאנד נעבן דער טיר רעכטס) פרעג, אפשר וועט דאס פרעגן גוט מאכן.

מאן

ביזטו פריער, נו פריער, אויך זיינע געוועזן?

ווייב

ניין.

מאן

אבער דו האסט אים שטארק, שטארק ליב געהאט, ווי נאך קיינמאל נישט, ווי נאך קיינעם נישט? א ליבע ביז צום טויט?

וייב

יאָ.

מאַן

און ער?

וייב

נאָך מער, נאָך מער. ער האָט ליב געהאַט ביז צום טויט.

מאַן

און דו ביזט דאָך געוועזן איצט זיינע, זיינע, זיינע? (ער צווינגט זיך צו בלייבן רויק).

וייב

יאָ, יאָ, יאָ!

מאַן

און ער האָט זיך אַזוי גוט, גוט אָנגעזעטיקט מיט דיר? זאָט געוואָרן?

וייב

(קוקט אים ווילד אָן און ענטפערט נאָך א פויזע) יאָ!

מאַן

און אז ער איז זאַט געוואָרן, אָנגעזעטיקט זיך מיט דיין ליב — איז ער —

וייב

(פאָלגט שטאַמלדיק נאָך זיינע באַוועגונגען און ווערטער) — איז ער —

מאַן

איז דער געמיינער אוועקגעגאַנגען פון דיר, האָט דיך פאַרלאָזט?!

וייב

(שפרינגט אויף, שרייט) ניין, ניין, ניין! דאָס האָב איך אים פאַרלאָזט!

מאַן

האָסטו דאָך א געוויסן, איז עס געקומען איבער דיר. (רייבט זיך די הענט אויפגערעגט און צופרידן) נו, איצט וועט מיר לייכטער זיין דיר מוחל צו זיין. וועט גאַנץ לייכט זיין: נו איצט זאָג מיר

מער, מער ,איצט קאָנסטו שוין אַלץ זאָגן. איצט וויל איך שוין הערן.

וווייב

(שרייט מיט אַלע אויסגעשעפּטע און לעצטע כוחות גלייך אין זיין פּנים אַריין) הערסטו דען נישט? דאָס האָב איך אים פאַר־לאָזט!

מאַן

עס איז דאָך קלאָר. צו וואָס דאָס געשריי? און ווו איז ער איצט?

וווייב

(אָטעמט האַסטיק, פּלוצלונג לויפט זי צו צו דער טיר רעכטס און רייסט זי אויף) ווו ער איז? דאָ איז ער!

מאַן

(אַ שפּרונג צו דער טיר רעכטס) ער? (כאַפּט זי אָן בייביידע הענט) פאַרוואָס האָסטו עס געטון? צו וואָס?

וווייב

איך האָב אים פאַרלאָזט, פאַרלאָזט, שרעקליך פאַרלאָזט. ווי בין איך איינזאַם, איינזאַם איצט. (געוויין טרייסלט איר גאַנצן גוף).

מאַן

(לאָזט נאָך אירע הענט, לויפט אויפגערעגט איבער דעם קאָרידאָר אַהין און אַהער) פאַרוואָס ליגט ער נאָך דאָ? פאַרוואָס ליגט ער נאָך דאָ? ווען איז עס געשען? איז עמיץ שוין דאָ געווען? רעד גיכער, רעד גיכער!

זווייב

(שטייט אויף איין אָרט, ציטערן אין איר גאַנצן קערפּער) איך בין אַליין מיט אים פון נעכטן פרי, נעכטן פרי איז עס געשען, קיי־נער האָט נישט געהערט, קיינער נישט, דאָס הויז שטייט גאַנץ אַליין ביים ברעג, קיינער איז נישט דאָ געווען, קיינער ווייסט נאָך נישט. אָ, ווען עמיץ וואָלט דערהערט, ווען עמיץ וואָלט באַלד אַהער אַריינגעקומען, נאָך אַ רגע האָט ער שפּעטער געלעבט, די קויל איז געגאַנגען מיטן דורך דער שלייף, איך ווייס נישט, איך ווייס גאָרנישט, אפשר וואָלט מען אים נאָך געקאָנט ראַטעווען,

נאָך איין מינוט ווען ער וואָלט געלעבט, מער האָב איך נישט געדאַרפט, נאָך איין מינוט.

מ א ן

(לויפנדיק איבער דעם קאָרידאָר האָט ער נישט געגנוי הערהערט די לעצטע ווערטער, שטעלט זיך אָפּ) ווי? ביזטו דען נאָך נישט זאַט געווען מיט אים?

ו ו י י ב

איך האָב אים נאָך עפּעס געוואָלט זאָגן, נאָך איין איינציק וואָרט.

מ א ן

אָבער וויאַזוי האָסטו קראַפט געהאַט? דו?

ו ו י י ב

איך וויים נישט, איך וויים גאַרנישט. דאָס איז געקומען פּלוצלונג. איין צענטער טייל פון א סעקונדע, אַזאַ רים צום לעבן, אַזאַ שרעקליכער רים, איך האָב נישט געוווסט, וואָס איך טו, גאַנץ פּלוצלונג, גאַנץ פּלוצלונג.

מ א ן

גו בארויק דיך, דו אָרעמע, דו אָרעמע, וויפיל דו האָסט שוין געליטן צוליב אָט דער ווילדער ליבע דיינער.

ו ו י י ב

(פאַלט אויף זיין אַקסל) דאָס איז געקומען פּלוצלונג, פּלוצלונג און באַלד אין דערזעלבער סעקונדע נאָך איז געקומען אַזאַ שאַרפער וויי. ווי ווען מען רייסט איינעם אין צוויי שטיקער פאַנאַנדער, אַזאַ שרעקלעכע חרטה, — אַזאַ ווילדער ווילן צום לעבן, אַזוי פּלוצלונג, און עס איז שוין צו שפּעט געווען. און דאַן בין איך דאָ אריין, אָבער די שטים איז דערשטיקט געווען, איך האָב נישט געקאָנט שרייען. און דאַן האָב איך מער נישט געוואָלט שרייען, און אַז איך בין אויפגעוואַכט, איז שוין נאַכט געווען. איך וויים נישט, צי איז עס איין טאָג, צי זענען מער טעג פאַרביי.

מ א ן

איינס איז אָבער זיכער, מיין קינד, אַז עס איז שוין פאַרביי.

ו ו י י ב

(פאַרצווייפלטע באַוועגונגען) אָ, ווען איך וואָלט עס געוווסט,

אז איך וועל עס נישט אויסהאַלטן! וואָס האָב איך געזאָגט? אָ, וואָס פאַר א העסליכע ווערטער.

מאַן

דו וועסט עס אויסהאַלטן, דו וועסט עס מוזן אויסהאַלטן. דו ביזט דאָך דאָס לעבן, דו ביזט דאָך מיין לעבן. איצט אויך, דו וועסט אויסהאַלטן. ליבע צום קינד און — איך בין דאָך אויך נאָך דאָ. אָבער איצט לאָמיר נישט רעדן וועגן דעם. אין דער רגע זענען וויכטיקערע זאַכן דאָ. (ער גייט אריין אין דער שטוב, בלייבט דאָרט א רגע, קומט ארויס) איך האָב אים נישט אָנגערירט ,דאָס טאָר מען נישט. איך האָב נור אַן אויער צוגע־לייגט. טויט איז ער, קיין שום צווייפל נישט.

ווייב

איך פארשטיי נישט, איך פארשטיי נישט, איז דען נאָך א צווייפל געווען. אָך, איך פארשטיי שוין, דו האָסט פעסטגע־שטעלט דעם טויט.

מאַן

פעסטגעשטעלט.

ווייב

אָ, וואָס וועט ווייטער זיין, וואָס? איז דען דאָס מענטשנמעגלעך? קאָן איך דען נאָך ווייטער לעבן?

מאַן

(גאַנץ ניכטער זעצט ער זיך און רעדט) הער, נעם דיך צוזאַמען און הער! איך וועל דיך איצט נישט פארלאָזן. קיין איין רגע טראַכט נישט פון דעם. צופיל האָב איך דיך ליב. איך וועל נעמען די בעסטע אדוואָקאַטן, איך וועל אַלץ מאָביליזירן. די עפנטלעכ־קייט איז דאָך ליידער איצט נישט מער אויסצומיידן. און דו וועסט נישט קאָנען בלייבן פריי. דאָס וועט נישט מעגלעך זיין. און אפשר דאָך — גרויסע קאַוציע. איך וועל צאָלן פאַר דיר, וויפיל נור מען וועט פאָדערן, טאָמער אָבער נישט, וועל איך דיך דאָס אַזוי לייכט מאַכן, ווי מעגליך. מיט דעם קינד וועסטו דיך אָפּט זען און — בלומען וועל איך דיר שיקן און אַזוי וועסטו

לאנגזאם קומען צו דיר צוריק. נור לאנגזאם, נור לאנגזאם. עס איז געשען. עס פּאסירט אַזוינס אין לעבן.

וייב

(קוקט פארשטענדניסלאָז מיט אַלץ וואקסנדיקער שרעק אויף אים).

מאן

מיט אַלע מיטלען וועל איך טרייבן דעם פּראָצעס. דו וועסט ווערן פריי.דו דארפסט קיין איין רגע נישט טראַכטן, אַז עס קאָן גאָר אַנדערש זיין. און דאַן — ער האָט דיך געוואָלט פארגוואלטיקן און דו האָסט דיך געווערט. (געסטיקולירט ווי אַן אַדוואָקאַט) ווער קאָן דען איצט באַווייזן, אַז עס איז אַנדערש געוועזן? דו האָסט אים פּלאַטאָניש ליב געהאַט. נישט אַנדערש. און ער — האָט נור דאָס איינע אין זינען געהאַט. און — אַז דו וועסט זיין שוין אינגאַנצן פריי, דו וועסט עס, דו וועסט, דאַן וועלן מיר פאָרן אין אַ וויַיטן לאַנד. ים וועלן מיר אויסמיידן, צו העסליך זענען די עראינערונגען. דאָס קינד וועט זיין מיט אונז, און — עס וועט קומען נאָך אַ קינד. (דאָ בלייבט ער שטיין און גייט צו נענטער צו איר) יאָ, אָבער (מיט שרעק) נאָך איין פראַגע. איז עס מעגליך איצט צו פרעגן? איז עס מעגליך? דאָס מיט דעם קינד. וועט דאָס קינד, וואָס וועט איצטער קומען, זועט דאָס קינד, נו איך וועל עס זאָגן גאַנץ דייטלעך, וועט דאָס קינד זיין מיינס, אָדער זיינס? קענסטו דאָס נישט וויסן? נו יאָ, זעסטו, און דו וועסט איצט נישט קאָנען זיין מיט מיר און עס קאָן געשען, אַז אויב דו וועסט האָבן אַ קינד, וועסטו עס מוזן אויסטראָגן, און ווער ווייסט, ווי לאַנג דו וועסט איצט נישט זיין פריי. ווי מאַכט מען דאָס איצט? אַך, קאָלעגן וועלן מוזען העלפן. יאָ, אָבער נאָך איין פראַגע, די לעצטע שוין: אַז דו וועסט נישט ענטפערן איז גוט פאַר מיר און אַז נישט וועל איך דאָך הערן, וואָס דו וועסט ענטפערן. עס איז דאָך מעגליך, אַז עס איז גאָרנישט, גאָרנישט צווישן אייך, עס איז דאָך מעגליך. און דאַן איז דאָך דאָס גאַנצע טראַכטן איבעריק. איך וואַרט —

וייב

(גייט צו צום נידעריק זיצנדיקן, שטייט נעבן אים) דו נאַר, דו

רעדסט און רעדסט און רעדסט, און דאָס (פּלוצלונג ווידער מיט ווילדער אויפרעגונג) האָט ער דאָך זיך אַליין, זיך אַליין. איך בין נור נישט מיטגעגאַנגען מיט אים.

מ א ן

(כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ) פאַרשטיי איך רעכט? נישט דו אים? ער זיך אַליין? און פאַרוואָס האָסטו דען אים געוואָלט פאַרלאָזן? איך פאַרשטיי שוין איצט גאָרנישט מער.

ו ו י י ב

איך האָב אים נישט געוואָלט פאַרלאָזן, איך האָב נישט געוואָלט, אָבער איך האָב אים פאַרלאָזט. ער איז געגאַנגען אַליין אויף דעם לעצטן וועג. איך בין נישט מיטגעגאַנגען מיט אים, שפּיי מיר אין פּנים. דו, אויב דו ביזט אַ מאַן.

מ א ן

(קושט זי) גיי, גיי וואָס דו רעדסט. און ביזטו זיכער, אַז קיינער האָט גאָרנישט געהערט?

ו ו י י ב

ווי מיינסטו? מען וואָלט אונז דאָך נישט דאָ געלאָזט אַזוי לאַנג. וואָס דאַרפסטו עס ווידער וויסן?

מ א ן

(פון זיין נעסטיקולאַציע ווערט קלאָר, אַז ער קאָן זיך נישט קיין עצה געבן מיט זיינע געדאַנקען) אָבער איין זאַך איז דאָך קלאָר, אַז איך בין איצט דאָ אַריינגעקומען איז ער שוין דאָ פון לאַנג געלעגן. דאָס איז דאָך אָן שום צווייפל קלאָר. מער ווי קלאָר?

ו ו י י ב

(קוקט ווילד אין זיין פּנים, פּלוצלונג פאַרשטייט זי, לאַכט זיך פונאַנדער) קלאָר, קלאָר, קלאָר — דו האָסט דאָך אַליין געזען, אַז דאָס בלוט דאָרט אַרום איז שוין לאַנג פאַרקילט און דו ביזט דאָך ערשט אַריינגעקומען. קלאָר, קלאָר, קלאָר׳ —

מ א ן

איך האַלט, אַז מען דאַרף איצט דאָ עמיץ רופן. עס מוזן זיין עדות. עס איז נישט מעגליך אַנדערש.

װײַב

(לאַכט װײַטער) געװױנט מוזן זײַן. געװױנט.

מאַן

אַזױ איז אױך מײַן מײנונג.

װײַב

דו דאַרפֿסט שױן גײן נאָך זײ. נישט געזױמט.

מאַן

ביזט גערעכט. אָבער עס איז אײגנטלעך איבעריק צו אײַלן. אַזױ אָליבי, דאָס װאָלט דאָך אומדערהערט געװעזן.

װײַב

(לאַכט און נעמט אים אַרום) װי האָב איך דיך ליב. װי האָסטו מיך ליב.

מאַן

(גלײַכגילטיק) איצט שפּילסטו, איצט גלױב איך דיר נישט. די קונסט פֿון לעבן, מײַן טײַערע, באַשטײט אין דעם צו זײַן פּראַקטיש. אַזױסט, זעסטו דאָך, צו װאָס עס קומט.

װײַב

נו און איצט פֿרעגסטו שױן אױף גאָרנישט מער?

מאַן

אײגנטלעך װײס איך איצט שױן אַלץ. דו פֿילסט דיך איצט אײנזאַם און ביזט נישט װינציק אױפֿגערעגט. אָבער דאָס װעט פֿאַרגײן. אַזעלכע זאַכן פֿאַרגײען. ער איז דאָך איצט נישטאָ מער. ער [illegible] דאָך שױן נישט װידער װערן. און אַ צװײטן? איך גלױב נישט אין דעם. איצט איז דאָך דער אײנציקער אױסװעג דײַנער. נו איך, קײן אַנדערן װעג האָסטו נישט.

װײַב

(לאַכט ביטער) איצט, אַז ער איז שױן נישטאָ, איצט איז שױן קײן גרונט נישטאָ מער אײפֿערזיכטיק צו זײַן. איצט ביזטו רױק. װי דאָס איז קלאָר. װי דאָס איז שרעקלעך קלאָר.

מאַן

אַזױ איז דאָס לעבן, מײַן קינד.

ווייב

און ווילסט עס גאָרנישט וויסן מער, וויאַזוי עס איז געשען?

מאַן

איצט, מיין קינד, דאַרף מען טון און נישט רעדן. נאַרישקייטן. דו ביזט דאָס לעגיטימע ווייב מיינס און איך וויל, אַז דו זאָלסט עס בלייבן. איך האָב דיר דאָך געשוווירן אַמאָל טריי צו זיין און צו העלפן אין שווערע צייטן. קאָן דען זיין פאַר דיר אַ שווערערע שעה ווי די איצטיקע? איך דאַרף דיר העלפן און איך וויל דיר העלפן. דו ביזט הילפלאָז איצטער און איך וויל דיר העלפן.

ווייב

מענטש, איך בעט דיך, איך מוז עס איצט עמיץ זאָגן. (זי נעמט אים אַרום, דריקט זיך צו אים, ער בלייבט טיילנאַמסלאָז. אין אויער רעדט זי אים אַריין די ווערטער) מיר צוויי האָבן באַשטימט צו שטאַרבן צוזאַמען. ווייטער לעבן האָט קיין זין נישט געהאַט. ער האָט עס אַזוי וווּנדערליך פאַרשטאַנען. צו דעם אַט ווייטער לעבן? זע, מיט דעם (זי נעמט די שאַל און רעדט ווייטער מיט דער שאַל אין די הענט) האָבן מיר זיך ביידע ענג אַרומגעוויקלט און עס האָט געדאַרפט געשען. און עס איז געשען. נור ער איז געגאַנגען רויק אין טויט אַריין און איך בין אויף אַלע פיר אַפּיר־געקראָכן אין לעבן אַריין. איך ווייס נישט, וואָס עס איז געוועזן, נור עס האָט געגעבן אַ ריס אין גאַנצן קערפּער און עס איז שוין געוועזן צו שפּעט. און דאָס — איך וואָלט עס אפשר גלייך געטון אַליין — אָבער עס איז פאַרשוווּנדן — ער האָט עס אין ים גע־וואָרפן. אים איז אַלץ איינס שוין· אַלץ איינס. אָבער דאָס לעצטע וואָרט זיינס איז געוועזן — אַליין — אַליין — מיט דעם איז ער געשטאָרבן. זאָג, זאָג, קאָן איך דען לעבן ווייטער מיט אַזאַ וואָרט אין מיר? עס גייט דורך דעם גאַנצן קערפּער, עס שטעכט אַלעמאָל פון אַן אַנדער גליד אַפּיר און אַ ווונד ווערט און בלוט גייט. (וואַנ־זיניקע געסטן ווי זי וואָלט דאָס אַלץ געזען אין דער ווירקלעכקייט, וואָס זי האָט איצט גערעדט) און אַ ווונד ווערט, און פאַרהיילט ווידער און קומט אויף אַן אַנדער אָרט אַפּיר.

מ א ן

(רוקט זי אָפּ פון זיך און גייט צו דער טיר לינקס) עס ווער פאריבערגיין, עס וועט פאריבערגיין. צו שאַרף איז דער אויסברוך. דו קלער איצט פון איין זאַך, רעד דאָס צו דיר אַליין: איך בין א מוטער פון א קינד, וואָס וואַרט ווייגענדיק אויף מיר, שטעל אַקעגן דעם געפיל אַן אַנדער געפיל, וואָס איז גלייך שטאַרק. ווען עס וואָלט נור שוין טאָג געוועזן. העלער טאָג. נעם דיך צוזאַמען און די טיר שליס איך (שליסט די טיר רעכטס) און איך וועל באַלד דאָ זיין צוריק. נעם די פּאָר זאַכן צוזאַמען, באַלד וועל איך דאָ זיין צוריק. מיר גייען צוריק אין לעבן אריין — אין טאָג אריין. (אָפּ).

ווייב

(ווי ער איז נור אַוועק לויפט זי גלייך אין דער שטוב רעכטס, פּלאָטערט דאָרט עטליכע רגעס אַרום. עס הערט זיך א געשריי, באַלד איז זי ווידער דאָ צוריק) שרייען, שרעקלעך שרייען, אפשר וועט ער נאָך נאָך איין וואָרט דערהערן. (בויגט זיך אָן אין דער טיר פון דער שטוב, א געשריי קומט פון איר האַלז היי־זעריק און ווערט באַלד ווידער פארשטומט) ווען ער וואָלט עס איבערגעלאָזט פאר מיר. אָך, פּאַרוואָס האָסטו עס אין ים אריין געשליידערט? און אפשר ליגט עס אונטער אים? (זי גייט אריין אין דער צווייטער שטוב, זעצט אויף דעם טויטן קערפּער און לאָזט אים שווער פאַלן — איז ווידער דאָ אין קאָרידאָר) נישטאָ. איך וואָלט אַן אַרטעריע דורכגעשאָסן, עס וויל א געשריי פון מיר אַרויס. צוזאַמען מיט דעם בלוט וואָלט עס געגאַנגען. ער וואָלט עס דערהערט. (זי פּלאָטערט אַרום, זוכט האַקנס אויף די ווענט, רייסט קליידער אַראָפּ, וואָס הענגען אויף זיי, רוקט שטולן אונטער און שטעלט זיך אויף זיי אַרויף, פּרוווט די האַקנס, הענגט אויף איינעם פון זיי די שאַל אויף, בינדט, קניפּט, רייסט ביז עס ווערט א שלייף, שפּרינגט פון דער שטול אַראָפּ, כאַפּט זיך מיטביידע הענט ביים האַלז) אָ! עס שטיקט! עס שטיקט, איך ווער דער־וואָרגן, און איך וויל שרייען, שרייען! (שפּרינגט ווידער אויף דער שטול אַרויף הענגט זיך אַן מיט ביידע הענט אויף דעם האַקן,

קאַפּעט די שטול אוועק און בלייבט הענגען אַ רגע אויף ביידע הענט. לאָזט זיך אַראָפּ) עס וועט גוט זיין. אַבער איך וויל שרייען — איך ווער דערוואָרגן. (פּלוצלונג קומט רו איבער איר, זי גייט אַריין אין דער שטוב, קניט אַנידער, מען זעט זי קושן די פּיס פון דריטן, רויק גייט זי איצט אויף דער שטול אַרויף, לייגט דעם קאָפּ אין דער שלייף, זי שפּרייט אויס די הענט ביי דער וואַנט ווי אַ קרייץ, אויף דעם פּנים רו און אַ שמייכל) דו — הערסטו עס — דו — (פֿאַרהאַנג פּאַלט גיך, עס דערהערט זיך נאָך אַן אָפּגעריסענער שריי).

דריי פרויען
וואס האָבן ליב געהאַט

דראמע אין פיר אקטן

פּערזאָנען:

יוסף רוססאָ — 30 יאָר.

עלזע רוססאָ — 32 יאָר.

הענריעטטע קאַראָ — 29 יאָר.

אסתר קאַראָ — 20 יאָר.

בינע:

(רעכטס און לינקס פון צושויער)

גרויס צימער מיט צוויי גרויסע טירן רעכטס און לינקס. די טיר רעכטס פאַרהאָנגען מיט טונקעלע פּאַרטיערן. אין דער מיטלוואַנט גרויס, ווענעציאַניש פענסטער. די ווענט הימלבלוי. רעכטס און לינקס, ביי דער פענסטער־וואַנט, גרויסע דריי־עקיקע זאפעס. ביים פענסטער גרויסער, פשוטער און שוואַרצער אַרבעטס־טיש. פיינלעך־אָפּגעהיטע, אבסאָלוטע אָרדנונג. אויף דעם טיש עטלעכע גרויסע, קענטיק וויסנשאַפטלעכע, ביכער. ביים טיש, פון אַלע דריי פרייע זייטן, צו איינציקע שטולן. אויף דער וואַנט רעכטס א בילד פון א שטרענגען, און פאַר דעם צושויער אומבאַקאַנטן, פּנים פון א מאַן, לינקס א ווילדע, שטאַרק־העלע זונלאַנדשאַפט.

ערשטער אַקט

(פרילינג נאָכמיטאָג. מאָדנע ליכט — פון אונטן ארויף — וועט באַלייכטן די פּנימער פון די פּערזאָנען. ווען דער פאָרהאַנג עפנט זיך פּלוצלונג איז די בינע ועטלעכע רגעס ליידיק. פון רעכטס הערן זיך עטלעכע אויפגערעגטע ווערטער, יוסף רוססאָ קומט אריין).

יוסף רוססא

(קומט אריין פון רעכטס) חער קאָפּ איז איינגעפּרעסט, צוגעדריקט. מיט שווערער מי, און יעדן טאָג מיט דערזעלבער אָנשטרענגונג, מוז מען אים ארויספּלאָנטערן פון אַ נעץ און אויפהייבן אין דער הויך. דאַן זענען פּלוצלונג די פיס אין שטריק פאַרוויקלט. קיין טריט מאַכסטו נישט מער מיט דיין אייגענעם ווילן. אַ פליג אין חער נעץ פון אַ שפּין.

עליזע רוססא

(פון צימער רעכטס) האָפנטלעך איז דיר קלאָר, אַז די שפּין ביזטו. (לאַכט אויף, צעזינגט זיך האָפערדיק).

יוסף רוססא

(בלייבט שטיין פאַרקלערט און באַטראַכט דאָס מאָדנע ליכט פון דער זון) וואָס איז דאָס פאַר אַ ליכט היינט? (קוקט זיך ארום) ווי די זון וואָלט ערגעץ אונטן געלעגן.

עליזע רוססא

(צוערשט באַווייזט זיך איר קאָפּ אין דער עפענונג פון דער טיר,

באלד קומט זי ארוים אינגאנצן. באטראכט איראָניש העם פאר־גאפטן. זי איז עלעגאנט אָנגעטון, גרייט צום אוועקגיין. ציט גראַ־ציעז די הענטשקעס ארויף אויף אירע דינע הענט. גייט צו צום פענסטער, קוקט אומגעדולדיק אין אלע זייטן אין דרויסן.) רוססאָ! (קיין ענטפער) זונענזון! (מיט איראָנישן פאטאָס) זונענזון, וועט זיין רעגן, אָדער נישט?

יוסף רוססא

(קוקט א רגע מיט כעס פון דער זייט אויף עלזע, באַצווינגט זיך) פילסטו דען נישט אין ליכט, אז עס פארנעמט זיך אויף א קורצן שטורם, אויף א קורצן פרילינג־שטורם. דאכט זיך, אז דער ערש־טער אין היינטיקן פרילינג. אָבער דו — קענסט גאנץ רויק גיין. עס וועט געדויערן בלויז עטלעכע רגעס. (אָטעמט טיף) ווי דאָס באלעבט וואונדערלעך, דער ערשטער פרילינגס־שטורם. פלוצלונג ווערט אלדינגס לייכט און קלאָר. עס דאכט זיך דיר, אז אָט שטרעקסטו אוים די האנט און קענסט נעמען די זון אין דער האנט אריין, ווי עפעס א לייכטן באלן. (ער גייט אומרויק צו דער טיר צו לינקס, הערט זיך איין, גייט בארויקט ווידער פון דער טיר אוועק) איך זאָג דיר, אז דו קענסט גיין, קענסט גאנץ רויק גיין. וועסט אין א טויער איבערוואַרטן, וואָס קען דען געשען. וועסט עטלעכע רגעס אין א טויער איבערוואַרטן.

עלזע רוססא

(באמערקט זיין אומרו און הויבט אָן צוריק אויסטון די הענטש־קעס) ווילסטו דען, אז איך זאָל שוין פון שטוב אוועק? איך אייל מיך נישט. איז דאָך בעסער דעם שטורם דאָ איבערצוואַרטן. ווייסטו, אמאָל האָב איך עס גאנץ גערן צו זיצן און צו קוקן דיר גלייך אין פנים אריין. און איצט, אין דעם ליכט, דו ביזט דאָך שיין אייגנטלעך. (זעצט זיך אויף דער זאפע רעכטס) איך וועל דיר דאָך נישט שטערן, ווען איך וועל דאָ זיצן. אזוי פיינט האָסטו מיך דאָך פאָרט נישט.

יוסף רוססא

(נעצווונגען) ווען דו ווילסט, איך האָב סיווי איצט קיין ארבעט נישט געפלאנט.

עלזע רוססא

שטענדיק אזוי, איך פיל, אז איך בין אן איבעריקע דא, אָבער איך קען נישט אנדערש. אמאָל, מיט א צען יאָרן צוריק, האָבן מי־ביידע געחלומט אזוי אידיליש: דו וועסט ארבעטן און איך וועל דיר קוקן אין פנים. דאָס לעבן איז א קליין ביסל אנדערש, ווי דער חלום, עס איז בלויז פאַרקערט. אָבער זיצן וועל איך דאָ. (זי קלאַפּט מיט דעם פוס אָן דער בריק).

יוסף רוססא

דו ביזט דאָך אויפריכטיק מיט מיר, פאַדערסט פון מיר דאָס־זעלבע. אונטער דיין בליק איז ווירקלעך שווער צו ארבעטן, און מיינע ארבעטן פאָדערן די גרעסטע אָנשטרענגונגען, אָבסאָלוטע קאָנצענטראציע. דו ביזט לייכט, אָבער דיין בליק איז שווער, צערודערט, צעמישט דעם אויף וועלכן ער פאַלט. דו ביזט שטענ־דיק מיט דיר פארנומען, דו צווינגסט דיך ארויף מיט דיין בליק.

עלזע רוססא

דו אָבער ביזט קיינמאָל נישט מיט דיר פארנומען, שטענדיק מיט דער זון, אָבער — אָבער עס ווילט זיך מיר באמת נישט מאכן איצט קיין סצענע פון אייפערזוכט —

יוסף רוססא

(זעצט זיך אויף דער שטול לינקס) עלזע, עלזע וויל דאָס פאַר־שטיין. וויל אמאָל זיין א פריינט. עס איז דאָך נישט קיין אומזין דאָס אלץ, וואָס איך מאך. עס גייט איצט אין סאמע לעצטע אָנ־שטרענגונגען, עס גייט אין לעצטע און אבסאָלוט קאָנצענטרירטע געדאנקען. אנדערש קען עס דאָך נישט זיין. מענטשן פון מיין מין אנטלויפן דאָך אין אזעלכע פאַלן פון דער וועלט, באהאלטן זיך אין קעלערס, ווערן פאַרפאַלן אין ווייטע דערפער —

עלזע רוססא

דאָס וואָלט איך פארשטאַנען, דו אָבער זיצסט דאָ. איך וויל דיר באמת נישט מאכן קיין סצענע פון אייפערזוכט, דו אָבער זיצסט דאָ. איך וויל עס בלויז קאָנסטאטירן. ביטע, איך הער מיט דעם גרעסטן אינטערעס.

יוסף רוססא
אַליז איז שוין צוזאַמענגעטראָגן, די לעצטע געדאַנקען־פאַרקניפּונ־גען זענען שוין אַזוי נאָענט, אַזוי נאָענט. מענטשן אין אַזעלכע מאָמענטן דאַרפֿן די גרעסטע דו און גלייכצייטיק די שאַרפסטע שיכרות, אין אַזעלכע מאָמענטן גייט מען דאָך אויף דער גרענעץ פון וואַנזין. אַלע גענאַלע אידעען ווערן דאָך געבוירן אויף דער גרענעץ פון וואַנזין. וויל מיך דאָך פאַרשטיין.
עליזע רוססא
פאַרשטיי איך דען נישט, האָב איך דען נישט דאָס ריכטיקע גע־זאָגט?
יוסף רוססא
דאָס אַליז, וואָס איך האָב ביז איצט געאַרבעט, איז געווען צו־זאַמענטראָגן ערדישע דערפאַרונגען פון אַנדערע מענטשן. איצט דאַרף קומען זעלבשטענדיקער אויף־פלי. (שטייט אויף, גייט אַרום נערוועז איבער דער שטוב) וואַרט עליזע, דו וועסט עס באַלד אויך פאַרשטיין, די ערד, אונזער ערד איז פיל, פיל מאָל קלענער פון דער זון, ווען מען וועט פאַר אונזער ערד עפענען אַ קוואַל פון לעבן, וואָס איז מיט פונקט אַזוי פיל מאָל גרעסער פון איר אינ־גאַנצן, ווען מען וועט פאַר איר עפענען איר אורקוואַל, קענסט אויך דו פאַרשטיין, וויפיל גליק דאָס קען ברענגען. פון דעם בלויזן געדאַנק ווערט מען דאָך וואַנזיניק און די פאַרווירקלעכונג איז שוין אַזוי נאָענט. דו ווייסט עס אַליין נישט, ווי נאָענט, איך אַליין ווייס עס אויך נישט — גלויב מיר, אָפט ווייס איך עס אַליין נישט. אַ געגנשטאַנד, וואָס הויבט זיך אויף מיט זיין איי־גענער קראַפט מוז שווער זיין פאַר די אַרומיקע, דאָס איז אַ פּי־זיש געזעץ.
עליזע רוססא
און מיט דער גאַנצער שווערקייט, און מיט דער גאַנצער לאַסט אויף מיר, אויף די לעצטע יאָרן פון מיין יוגנט, אויב דו פאַ־דערסט דאָס גאַנצע פאַרשטיין פאַר דיר, מוז דאָך איך אויך —
יוסף רוססא
דער גאַנג איז שווער און לאַנגזאַם. ער דאַרף דעריבער די העכסטע

רו, אָבער ער מוז אויך פּלוצלונג קענען גיך זיין און לייכט, דע־ריבער דאַרף ער שיכּרות. ער מוז קענען פּלוצלונג ווערן ווי אַ כּאַניע, ווי אַ טאַנץ פון אַלע חושים צו דער זון. פון איין זייט מאַטעמאַטישע פאָרמולן, פראַגן אויף וועלכע עס קען נור איין ענטפער זיין, די דערטראַכטע ענטפער. אָבער פון דער אַנדערער זייט דאַרף מען פּלוצלונג קענען זאָגן צו דער זון: האַסט דאָס לעבן געגעבן, עס איז ווייניק נאָך — גיב דאָס גליק דערצו. און די זון זאָל ענטפערן. זי ענטפערט אייגנטלעך שטענדיק, אָבער עס גייט אין דער קראַפט צו קענען דעם ענטפער דערהערן. דאָס איז אַלץ, פאַרשטייסטו? דאָס איז אייגנטלעך אַ טאַנץ. וויל דאָס פאַרשטיין, דאָס איז נישט אַזוי שווער.

עליזע רוססא

אַ טאַנץ אויף דער סקאַלפּירטער און אויסגעשפּרייטער הויט פון מיין וועלט, פון מיין יוגנט.

יוסף רוססא

מיינסטו עס אויף אַן אמת, אַז דיין לעבן שפּרייט זיך אויס פאַר מיר אין מיין לעצטן און שווערסטן גאַנג צום גליק אָדער אָפּ־גרונט?

עליזע רוססא

(שפּרינגט אויף) ווען עס דען לעבן שפּרייט זיך אַזוי שיין פאַר דיר אויף דיין לעצטן און שווערסטן גאַנג?

יוסף רוססא

(דערשראָקן פון איר פּלוצלונגען אויפּברויז) קיינעמס נישט. מיט דיר קען מען נישט אויפריכטיק רעדן. אַלע דיינע געדאַנקען צילן אין איין פּונקט נור. וואָס האָט דען דאָס פאַר אַ זין געהאַט צו בלייבן איצט מיט מיר?

עליזע רוססא

און דו, אָרעמער, מיינסט, אַז מיט מיר איז שוין אַלץ געענדיקט.

יוסף רוססא

עס איז אפשר גרוייזאַם און העסלעך, אָבער איך בין לעצטנס נור מיט מיר פאַרנומען.

עלזע רוססא

און דו, אַרעמער, מיינסט, אַז פֿאַר מיר שטרעקט קיינער נישט אויס זיין לעבן? איך זאָל נור וועלן גיין איבער אים.

יוסף רוססא

שטיי איך דען דיר אין וועג?

עלזע רוססא

אין דעם גייט עס דאָך, אַז דו שטייסט נישט אין וועג. דיר גייט אויף די זון. דאָס איז אַפּילו נאָך נישט אינגאַנצן זיכער. צופֿיל האָט מען זיך אָנגעהערט וועגן דעם, אַז מען זאָל נאָך קענען גלויבן אין דעם. מיר אָבער גייט די זון פֿון לעבן אונטער — דאָס איז מער ווי געוויס.

יוסף רוססא

ווער דאַרף דען אויף אַן אמת אָט די איבערגעטריבענע אָפּנהאַר־ציקייט?

עלזע רוססא

(אויפֿגערעגט און בייז) דו האָסט איין געדאַנק און איין — אַך, פֿאַרוואָס קען איך נישט רעדן גלייכגילטיק דערפֿון? — מיך אָבער שטויסטו אָפּ פֿון דיר, אַלעמאָל פֿיל איך דעם שטויס, און אַלע־מאָל פֿאַל איך אין אַנדערע אָרעמס. נאָך אַ יאָר אַזאַ — און איך וועל אַפּילו נעמען געלט אויך. (זי פֿאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט, טרערן שטיקן זי) און דיך וועט עס אַלץ נישט אָנגיין, אַלץ נישט. דו צו דער זון — און איך אַלץ טיפֿער אין שטויב — דו זונען־נאַר, דו נאַר! — (אַנטלויפֿט אין דער לינקער טיר).

יוסף רוססא

(ביים טיש, הויבט אויף איינס פֿון די ביכער, עפֿנט עס, קוקט עטלעכע רגעס, וואַרפֿט עס מיט כעס אויף דער בריק. פֿון דער טיר לינקס דערהערט זיך אַ קלונג, אַן עפֿן פֿון אַ טיר און עלזעס פֿריידיקער און נישט אויפֿריכטיקער „אַ!". באַלד קומט אַריין אין צימער עלזע רוססאַ און הענריעטטע קאַראַ).

הענריעטטע קאַראַ

(פֿאַרצווייפֿלטער בליק אויף יוסף רוססא) וואָס מאַכסטו דען,

וואָס ביזטו אַזוי פאַרזאָרגט? (גייט צו און הויבט אויף דאָס בוך, לייגט עס אויף דעם טיש צוריק).

יוסף רוססא

(גרויסער, אָפענער בליק אויף איר) ווי שטענדיק. וואָס ברענגט דיך דען צו אונז, הענריעטטע?

הענריעטטע קארא

קען מען דען צו פריינט נישט ארויפקומען אָן א פּאַרוואָס?

עלזע רוססא

(מיט געמאַכטער פרייד) שטעל דיר פאָר, איך עפן די טיר און עס שטייט אין איר הענריעטטע, (כמעט מיט א פראגע צו רוססאָ) גאַנץ אומגעריכט —

הענריעטטע קארא

מיר גייען פאַרביי, איך און אסתר. איר קענט דאָך זי — שטענדיק מוז זי עפּעס אויפטון, עפּעס אָרגאַניזירן. שיקט זי מיך צו אייך — און איך פאָלג: מען קען נישט אסתרן נישט פאָלגן. און זי גייט אַרויף צו א פריינדין און אין א שעה וועט זי דאָ זיין, און דאַן גייען מיר אַלע צוזאַמען, אַזאַ שיינער פרילינגס־אָוונט — און אָט שטיי איך שוין אליין אין גאַס. און אָט שטיי איך שוין הינטער דער טיר — און, ליבע פריינט, מיר דאַכט זיך, אַז איך בין נישט אין דער רעכטער צייט אהער געקומען?

עלזע רוססא

און איך זאָג דיר, אַז עס איז א גליק צו האָבן אַזא שוועסטער ווי דיינע. ביי מיין איינזאַם לעבן — ווי גליקלעך וואָלט איך געוועזן, ווען איך האָב אַזאַ שוועסטער.

יוסף רוססא

(אומאַנטשלאָסן) און איצט וועסטו, עלזע, געשטערט זיין — האָסט דאָך געדאַרפט אוועקגיין — און דער שטורם איז שוין אריבער, איז אייגנטלעך גאָרנישט געוועזן.

עלזע רוססא

אַך, איך גיי נישט מער, אומזין, ווי קענסטו טראַכטן, אַז איך וועל איבערלאָזן דאָ דעם גאַסט. מיט דיר, מיט אַזאַ פריינטלעכן מענטש.

הענריעטטע קארא

אָבער איך בין דאָ צופעליס, פארבייגייענדיס, קום, לאָמיר גיין צוזאַמען. איך וויל אים אויך נישט שטערן.

עלזע

(מיט נאכדרוק) דו שטערסט נישט.

הענריעטטע

אָבער עלזע!

עלזע

(דערמאָנט זיך עפּעס) יאָ, הענריעטטע — מיר האָבן דאָ גערעדט און דו ביזט געווים לאַנג ביי דער טיר געשטאַנען. אָך ווי דאָס איז פיינלעך, וואָס מיר האָבן דיך נישט באַלד געהערט. האָסטו דען מער ווי איינמאָל געקלונגען?

הענריעטטע

(פיינלעך געטראָפן, אביסל צומישט) אָך, וואָס פאַלט דיר איין, איך, איך האָב דאָך ערשט די רגע אַ קלונג געטון, ווען דו האָסט די טיר געעפנט.

עלזע

אָך אַזוי. (פינסטער צו רוססאַ) וואָס ביזטו עפּעס אַזוי פאַרשטומט געוואָרן? וואָס איז דיר דען געשען? האָט דיך דער גאַסט אַזוי פיינלעך איבערראשט? זיי דאָך אביסל גאַסטפריינטלעכער!

רוססא —

בין איך דען אַנדערש ווי שטענדיק?

עלזע

(אַ פינסטערער בליק אויף רוססאַ, קערט זיך אָפּ פון אים, רעדט בלויז צו הענריעטטע) אין די לעצטע טעג איז ער איבערגעביטן, אינגאַנצן אַנדערש. ערגער. נאָך ערגער. דו ביזט דאָך אַ פריינ־דין פון הויז, דיר מעג מען עס דאָך זאָגן. פאַרוואָס טוסטו דיך נישט אוים, הענריעטטע. ווייסט, אייגנטלעך בין איך זייער דער־פרייט, וואָס דו ביזט דאָ היינט אַריינגעקומען. וועט זיין כאָטש אַ נאָענטער מענטש זיך פון האַרץ אַראָפּצורעדן: אין די לעצטע טעג איז ער אומדערטרעגלעך. אומדערטרעגלעך. כאָטש דו האָסט נישט קיין מאַן, וועסטו עס דאָך פאַרשטיין. איך ווייס אַליין נישט

פארוואס איך בין עפעס פלוצלונג אזוי גליקלעך, וואס דו ביזט דא אריינגעקומען. מיט דיר איז אביסל ליכט דא אריין. דא ווערט עפעס אלץ אזוי פארשטיינערט. (מיט א געלעכטער) מיר ווערן אלט, העגריעטטע, מיר ווערן אלט. ווי גיך דאס לעבן אנטרינט. דו האסט נאך אן אילוזיע פון יונגשאפט, לערנסט נאך. לערנסט נאך אלץ. וואס וועט דען סוף כל סוף ווערן פון דיר? פון דיר קען נאך עפעס ווערן, איך בין שוין פארמשפט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(פארצווייפלט אונטער דעם האגל פון עלזעס ווערטער) אבער עלזע!

ע ל ז ע

יא, ווייסטו, אייגנטלעך בין איך שוין גאנץ מיד פון דער זון דא אין שטוב. עס איז שוין אביסל צופיל. מיר פרויען האלטן נישט צופיל דערפון. אונז איז אביסל נענטער די ערד. נישט אמת? אך, ווי שיין דו ביזט היינט! דו ווייסט אליין נישט העגריעטטע, ווי שיין דו ביזט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

און דו, עלזע?

ע ל ז ע

אבער דיינע אויגן, דיינע אויגן, העגריעטטע! א מענטש קען קיינ־מאל נישט אליין קענען דעם ווערט פון זיינע אויגן. דער שפיגל זאגט עס נישט. ווייסטו העגריעטטע, ווען דו עפנסט פלוצלונג דיינע אויגן אזוי ברייט, ברייט — איך וויים נישט ווי קען מען גלייכגילטיק זיין צו דיר.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

אבער עלזע, מיר צוויי — אזא געשפרעך? וואס איז דיר דען?

ע ל ז ע

אך, וואס פאר א וואנדערלעכער צופאל האט דיך אהערגעבראכט. ווייסטו, אסתר איז אבער דאך שענער פון דיר!

ה ע נ ר י ע ט ט ע

א, ווען דו זאגסט עס איר, זי וואלסטו באגליקט דערמיט. אנ־דערש איז זי פון אונז אלע. זי איז לויטער פרוי. איבריקנס זי

איז נאָך אַזוי יונג. אָבער איך אין אירע יאָרן בין אַנדערש געװעזן.

עלזע

אָך, איך װעל איצט נישט גיין, נישט גיין. װאָס פאַר אַן אומזין!

הענריעטטע

אָבער עלזע, עלזע — עס איז דאָך אַ צופאַל בלויז. און װען נישט דאָס, װאָס עס קלויבט זיך עפּעס אויף שטורם אין דרויסן, װאָלט איך אסתרן נישט געפאָלגט. איך װאָלט אייך נישט געװאָלט פלוצלונג שטערן. דיר אפשר נישט אַזוי — אָבער אים.

עלזע

געװיס, װאָס בין איך דען דאָ?

הענריעטטע

ביזטו איבערזיכטיק? אָבער ניין, עלזע. װייסטו, רוססאָ — מיר האָבן היינט פיל װעגן דיר גערעדט. דו װייסט אַליין נישט װי פיל מען רעדט איצט װעגן דיר.

רוססאָ

(װאַך און פאַראינטערעסירט) מיט װעמען גערעדט? װעגן װאָס, װעגן װאָס, הענריעטטע?

הענריעטטע

(צוערשט קאָקעט, דאַן ערנסט) אַ, װי דיין פּנים האָט אויפגעלויכטן. אַנדערש, און דאָך נישט אַנדערש, װי אַלע. מען רעדט װעגן דיר, מען װאַרט אויף דיין טאַט — איינער װאַרט אויף דיין אויפשטייג און דער אַנדערער אויף דיין פאַל. אָבער מען רעדט צופיל, דיר קאָן עס שאָדן ברענגען. גרויסע טאַטן דאַרפן געבוירן װערן אין דער שטיל. איך הער מיך בלויז איין, און אַז איך רעד מיט, מאַך איך אַלץ צונישט. איך מיין, אַז אַזוי איז בעסער. װייסט, אַז שוין פון קינדװייז אָן איז דיין איצטיקע אַרבעט מיין חלום געװעזן. איך האָב געקוקט אויף דער זון און איך האָב געטראַכט װי גוט עס װאָלט געװעזן, װען מען װאָלט אין די טעג אין גרויסע אַקומולאַטאָרן געזאַמלט די שטראַלן פון דער זון. איך האָב עס מיר דאַמאָלט אַזוי לייכט פאָרגעשטעלט און איך האָב מיך נור געװוּנדערט, פאַרװאָס מען האָט עס נאָך

נישט געטון. עס איז געבליבן אין מיין נשמה ווי א קינדער־חלום. איך האָב שוין לאַנג אין דעם פאַרגעסן און פלוצלונג האָסטו עס אויסגעזאָגט און גענומען עס ערנסט. און איצט האַלט עס שוין אַזוי ווייט. איך האָב געטראַכט, אַז אַזוי וועט יעדע נויט פון דער וועלט פאַרשווינדן.

עלזע

(מיט פאַרוווּנדערונג) דאָס ערשטע מאָל זע איך אַזאַ געטריי־שאַפט פון א פריינדין. דיר קומט עס לייכט אָן, הענריעטטע. געוויס, דו זעסט נור די ליכטיקע זייט פון אָט דער שפּיל. איך אָבער בלויז דעם שאָטן. גליק פון איינעם שטיצט זיך שטענדיק אויף דעם אומגליק פון צווייטן. גוט איז דעם ערשטן. איך זע בלויז ווי אין אָט דעם חלום ברענען אָפּ די יינגע יאָרן, ווי שטרוי אין ווינט.

רוססא

ראַכט זיך ווערטער בלויז, אָבער יעדעס וואָרט אזא איז שווער ווי א שטיין. עטליכע טעג נאָכאַנאַנד קאָן מען זיי נישט אָפּ־רוימען מער פון געדאַנק.

הענריעטטע

דו נעמסט צו טראַגיש אַלטעגליכע און פאַרשטענדליכע ווער־טער. עלזע מיינט נישט אַזוי — עלזע, נישט אמת?

עלזע

אָבער איך קאָן דאָך נישט שווייגן. עס זענען דאָך די צען שענ־סטע יאָרן פון לעבן.

הענריעטטע

זעט, עס איז דאָך אַזאַ ווילדער און וווּנדערבאַרער געדאַנק: פון אונזער שוואַרצער ערד ווידער מאַכן א ליכטיק קינד פון דער זון. דאָס איז דאָך גאָט. טרינקען זון און גיין אין אַלוועלט אריין אין דיין געדאַנק איז גאָט. אין בלויזן געדאַנק, אפילו אָן טאַט. דאָס זענען דאָך אייגנטלעך די העכסטע געדאַנקען, וואָס א מענטש קאָן טראַכטן. (זי פאַרגעסט זיך און רעדט צערטליך, ווי זי וואָלט אַליין אין שטוב געווען) ווייסטו, עס איז שווער דיך נישט ליב צו האָבן דערפאַר.

עלזע
אַהאַ! אָבער עס איז אויך נישט צו שווער טיף פּיינט צו האָבן דערפאַר. ווען מען באַגעגנט זיך דעריט טאָג איין — טאָג אויס, טאָג איין — טאָג אויס.

העגריעטטע
(הערט זי נישט) ריזן־אַקומולאַטאָרן אויף גוואַלטיקע שטרע־קעס פון הייסן עקוואַטאָר סאַפּען אויף שווער מיט דעם ערשטן שטראַל אין פרימאָרגן און זויגן אַ גאַנצן טאָג ענערגיע פון דער זון. דער צענטרום איז פאַרזונקען טיף אין דער ערד. פון אַלע טיילן פון דער ערד קומען ציפּערן אָן. די וועלט וויל טרינקען זון און באַשטעלט. קיין ווערטער, קיין שפּראַך — ווערטער זע־נען איבעריק, עס גייט דאָך אין איינס נור, אין זון, און אַז די זון איז אונטערגעגאַנגען, בלייבן שטיל די אַקומולאַטאָרן און ביינאַכט ענטפערן זיי, פאַרפלייצן די וועלט מיט זון. אַזוי האָט עס דער קינדער־געדאַנק געטראַכט און די ווירקלעכקייט איז נישט ווייט דערפון. דאָס טראַכטן מאַכט דאָך וואַנזיניק — ווי קאָן אַ פרוי, וואָס האָט הארץ — — (רייסט פּלוצלונג איבער).

רוססא
(האָט צוערשט געהערט מיט אַן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דאַן האָט ער אויפגעהויבן די אויגן און געקוקט מיט שטוינונג אין העג־ריעטטעס אויגן) אָבער העגריעטטע, דיינע ווערטער טוען אַזוי ווי. צו דעם אַלעם איז דאָך נאָך ווייט, שרעקליך ווייט. די הענט הויבן זיך, אַט דאַכט זיך עס דיר, אַז זיי האָבן שוין די ליכטיקייט דערגרייכט און פּלוצלונג זענען זיי נאַס און קאַלט, אַן אויסגערונען שטיק אייז איז אין זיי. אַט דאַכט זיך דיר, אַז עס איז שוין געענדיקט, און אַט ביזטו ווידער ביים סאַמע אָנהויב פון אָנהויב. דאַמאָלט וויל איך צוגיין צו עלזע און זאָגן, אַז זי איז גערעכט, מידיסייט באַפאַלט, היינט גראַד איז אַזאַ טאָג, דו האָסט פון דעם אַלעמען היינט נישט געדאַרפט רעדן.

הענריעטטע

דיינע ווערטער האָבן ווײ געטון, פאַרוואָס בין איך שטענדיק דיזעלבע? האָסט עס נישט געדאַרפט אַזוי ברוטאַל מיר זאָגן.

עלזע

(איראָניש, מיט ווײ) מיר איז גוט איך צו הערן דאָ רעדן אַזוי. מיר איז אַזוי גוט איצט.

הענריעטטע

עלזע, אַזעלכע ווערטער איז שווער צוריקצוציען.

עלזע

איך וויל זײ גאָרנישט צוריקנעמען, די ווערטער.

הענריעטטע

איך פיל עס דײטליך, אַז איך בין איצט אַן איבעריקע צווישן אײך. עס איז עפּעס נישט דערזאָגט געבליבן צווישן אײך, אַז איך בין דאָ אַריינגעקומען. איך בין דאָ נישט געוואונטשענער עדות.

עלזע

הענריעטטע, לאָמיר אויפריכטיק זײן, נישט מיר צוויי האָבן זיך עפּעס דאָ געהאַט צו זאָגן, נור גיכער איר צוויי. דאָס בין איך גיכער אַן איבעריקער עדות.

הענריעטטע

עלזע! דאָס ערשטע מאָל אין לעבן.

עלזע

איינמאָל מוז דאָך אויך דאָס קומען. איינמאָל מוז עס דאָך קומען. (מיט כעס) איך וועל גײן, מײן גאַסטפרײנטלעכקײט איז דאָ באמת נישט אויפן פּלאַץ געווען. אַט אַ רגע, וועט איר נישט דאַרפן מער צו רעדן ווערטער, וואָס זענען אייגנטלעך נישט מער ווי שווייגן.

רוססאָ

(אויפגערעגט) ניין, דו וועסט איצט נישט גײן, איצט נישט מער! גוט, וואָס דו האָסט דערמאָנט דאָס שווייגן, עס וועט נישט מער געשווייגן ווערן דאָ. דאָ רעדט מען דאָך אַזוי פיל, אָבער וועגן דעם וויכטיקסטן שווייגט מען.

עלזע

(פארצווייפלט) ווער דאך אנטשוויגן! ביי פרעמדע מענטשן אזא אויסברוך פון כעס. לאז מיך גיין, לאז מיך גיין.

רוססא

אבער וואס, פרעמדע מענטשן, עס איז אלץ איינס, איך וויל נישט מער פארשווייגן גארנישט. דא גייט מען ארום און ארום דעם אמת, מען האט מורא אין אים אריינצוגיין, גלייך מען וואלט געדארפט אין אים דערטרונקען ווערן.

הענריעטטע

(גייט אין א ווינקל, גייט צו דער טיר, וויל אוועק, אבער האלט זיך צוריק) רוססא, עלזע, מוז איך דען, מוז איך גראד איצט, ווייל איך בין צופעליק דא —

רוססא

(שטרענג) צופעליק דא — געננג מיט דעם. עס איז נישט אמת! צען יארן נאכאנאנד זאמלט זיך ליגנט דא ארום אונז, ווערט שווער און פויל און פון ליגנט ווערט האס, וואס פאר א שווערער האס האט זיך דא שוין זינט צען יארן אנגעזאמלט. דו ביזט דא און דו זאלסט הערן.

הענריעטטע

א, ווען איך וואלט געוווסט, איך וואלט דא נישט אהערגעקומען. עס איז עפעס אזוי מאדנע. אינדרויסן זאמלט זיך א פינסטערער שטורם און דא אויך. (ציטערט) איך האב אזוי מורא, איך האב עפעס אזוי מורא.

עלזע

(גייט צו גאנץ נאענט צו דער ציטערנדיקער) פלוצלונג האסטו מורא באקומען? פארוואס, קינד מיינס, פאר מיר? ערשט האסטו דאך אזוי שיין גערעדט אזוי שיין. ערשט האסטו אויסגעשטרעקט די הענט צו דער זון און פלוצלונג ציטערסטו (נעמט זי אן פאר די הענט) מיט קאלטע, נאסע הענט (ווארפט אירע הענט מיט פאראכטונג אוועק).

רוססא

(אויפרעגונג מיט פרייד געמישט) אך, ווי איך האב געווארט

אויף אזא טאָג, אויף אזא רגע. איצט איז זי דאָ. אַ האַלב לעבן וואַרט איך שוין דערויף. ענדליך איז עס געקומען.

עלזע

צוויי מענטשן, טאָג איין — טאָג אויס צוזאַמען, און אויף צו זאָגן זיך אַ וואָרט מוז מען עס אַט אַזוי און נישט אַנדערש.

רוסקאַ

צוויי מענטשן האָסטו געזאָגט! (איצט שטייען אַלע דריי אין באַזונדערע ווינקלען) פיר זענען מיר. אין יעדן ווינקל פון דער פאַמיליען־שטוב איינער. (ווייזט אויף דעם ליידיקן ווינקל) זעסט אים דאָרט?

עלזע

(שווידערט אויף) וועמען?

רוסקאַ

זיין נאָמען איז גלייכגילטיק, ווייסט דאָך נישט לייקענען, אַז ער איז דאָ ביי דיר אין האַרץ און אויף דער וועלט. היינט האָט זיך דער ווילדער קרייץ אַ ריס געטון. גוט אַזוי! האָט מען דעם ווילדן קניפ אַ ריס געטון ביי אַלע פיר עקן זיינע. פונאַנדער מיט אים, פונאַנדער! (גייט אַרום איבער דער שטוב) איין מענטש איז זיך אַליין אַפּט צופיל, צוויי זענען זיך אָפּט אַ לאַסט, דריי איז אַן אומזין, נישט מענטשנווירדיק, אָבער פיר איז אַ וואַנזין! אַ וואַנזין! און דער קניפּ גייט מיטן דורך מיין מוח. מיטנדורך. ווי קאָן דען אַ מוח מיט אַזא שווערן קרייץ־קניפּ מיטן דורך אים נאָך לעבן?!

עלזע

(צוקט מיט ווילדער פרייד) די אַנטשיידונג קומט! די לעצטע ווערטער. אָבער ווער וועט אָפּגעבן די פאַרגאַנגענע יאָרן? און אויב מען קאָן זיי נישט צוריקנעמען, ווער וועט נקמה נעמען פאַר זיי?

רוסקאַ

נקמה, דאָס רעדסטו דו, מיין ווייב זינט צען יאָרן?!

עלזע

דיין ווייב? דיין קנעכט זינט צען יאָרן.

הענריעטטע

עלזע, עלזע — פון װעמען װילסטו נעמען נקמה? פאַרװאָס — עלזע? און איצט קאָן איך אפילו שוין נישט גיין אויך.

עלזע

דאַרפסט שוין מער נישט גיין, דאָ װעט שוין אַן אַנדערע גיין.

רוססאַ

זאָג דייטלעך, עלזע, זאָג דייטלעך װאָס װילסטו טון? פאַרשטייסטו דען נישט דעם אומזין פון אַט די האַלבע װערטער איצט? איצט אויך, װען די אַנטשיידונג קומט. װען מען גייט דעם װילדן שטריק, דעם װילדן קניפ פונאַנדערדרייסן אויף פיר באַזונדערע שטיקער.

עלזע

יעדערער זיין שטיק שטריק. (לאַכט װילד) האָסטו עס געהערט, הענריעטטע?

הענריעטטע

(אין װאַקסנדיקער שרעק) יעדערער זיין שטיק שטריק?

רוססאַ

װאַנזיניק װייב, דאָס גאַנצע לעבן האָט מען דאָ גערעדט, אַז צוזאַמענגיין איז זעלטן װען לעבן. פונאַנדערגיין איז אָבער שטענדיק װידערגעבוירן װערן. דאָס איז געװיס. און איצט האָט זי עס פאַרגעסן. איצט, װען יעדעס װאָרט פון אַלע צען יאָרן דאַרף מען נאָך דייטלעכער געדענקען (אַלעמאָל רויקער און גלייכצייטיק פאַטעטישער) איצט דאַרף זיך דאָך אַלץ פאַרװאַנדלען אין געזאַנג. דו װעסט גיין אין דיינע װעגן און איך אין מיינע. אַ װעג אַרויף. אַ װעג אין גליק אַריין פאַר ביידע, פאַר אונז ביידע.

עלזע

(ציטערנדיק) איין װעג נור פירט צום גליק. (גייט צו צום טישקאַסטן און נעמט פון דאָרט עפּעס אַרויס, באַהאַלט עס אין בוזים).

ר ו ס ס א

(האָט די גאַנצע צייט פּאַרטראַכטיק געקוקט) וואָס איז דאָס? וואָס איז דאָס, עלזע?

ע ל ז ע

(פּרעך, גלייך אַנטקעגן די אויגן אַריין) ברייוו, מיינע ברייוו צו דיר! (פּאַרענדיקט איצט רויק איר טואַלעט און נעמט זיך צום גיין).

ר ו ס ס א

(גייט צו צום טישקאַסטן און זוכט דאָרט נאָך) עלזע. דאָס זענען נישט קיין בריוו.

ע ל ז ע

דאָס זענען בריוו, איך וויל זיי דיר דאָ נישט לאָזן. איך וויל זיי מיטנעמען אויף דעם וועג צום גליק. (זי גייט צו צום פענסטער, דאָרט איז דער שטורם דערווייל רייף געוואָרן און אַלעמאָל צוקט אַ בליץ, באַלייכט מיט אַ צוקנדיק ליכט די פּנימער. רוססא און הענריעטטע שטייען איצט אין ווינקלען, איינער ווייט פון אַנדערן).

ר ו ס ס א

(ער טראַכט אַ ווײַלע איבער, דאַן גייט ער ראַש צו צו עלזען) עלזע, פונדעסטוועגן בעט איך דיך, גיי נישט איצט, עס האָט דאָך קיין זין נישט. אונזער אַנטשיידונג איז דאָך קלאָר, מיר זענען דאָך ב י י ד ע געקומען צו דעם זעלבן באַשלוס, גיי נישט איצט, עלזע.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(צוערשט צוריקגעהאַלטן, דאַן אָבער פּלוצלונג גיך גייט זי צו צו עלזע) עלזע, א י ך בעט דיך גיי איצט נישט אַוועק. וואָס איז ער דען שולדיק, אַז ער איז אין די לעצטע טעג אַזוי צע־בראָכן און גלייכצייטיק אַזוי דערהויבן. אייזערנע קרייזן אַלץ, וואָס אַרום אים געשעט, ווער עס קומט אין דער נאָענט, ווערט אַריינגעצויגן. צו אַנטרינען איז שווער. עלזע — בלייב דאָ, איך בעט דיך.

ע ל ז ע

(קערט זיך אום פון פענסטער, קוקט אַ ווײַלע אויף הענריעטטע,

רוקט זי מילד און באַשטימט אָפּ פון זיך) איך שעם מיך אַזוי, וואָס אַלע, וואָס קומען נור דאָ אַהער אריין, ווערן באַלד אריינגעצויגן אין אונזער צעטראָגן לעבן. דאָ ווערט מען מיטגעריסן, ווי אין עפּעס אַ ווילד געשלעג. דו פילסט עס נישט, הענריעטטע, דו פילסט אַ נימבוס אַרום דעם אַלעם, מיר איז פאַרשטענדליך, אויף דיין אָרט וואָלט איך נישט בעסער געווען. ווי העסליך דאָס איז — אונזער בעט שטייט שוין איצט אין גאַס, אין רעגן און ווינט, אָפן פאַר אַלע מענטשנס בליקן (שרייט) איך קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן מער, איך קאָן נישט מער. איך קאָן נישט מער, איך בין אַ פרוי, איך קאָן נישט מער! (צו רוססאַ און צו הענריעטטע באַזונדער) איך קאָן נישט מער, איך קאָן נישט מער! ביז היינט האָב איך פאַרטראָגן, אָבער היינט קאָן איך נישט מער! (זי כאַפּט זיך פאַר דער ברוסט, ווו זי האָט פריער עפּעס באַהאַלטן) האָב איך נור — די בריוו? בלייב אַליין, בלייב אַליין מיט איר, זי וועט דיך בעסער פאַרשטיין. (מען פרווט זי צו פאַרהאַלטן, זי אָבער רייסט זיך אַרויס און אַנטלויפט, מען הערט זי פאַרהאַקן אַלע טירן און עס ווערט גאַנץ שטיל אַ רגע).

הענריעטטע

(גייט ווידער צו דעם ווינקל אויף דער זאָפע ליינקס, קוקט מיט שרעק אויף דער טיר) דו, מען דאַרף איר נאָכגיין, ווער ווייסט, וואָס זי האָט אין זינען געהאַט. דאָס זענען דאָך נישט קיין בריוו געווען, רוססאַ.

רוססאַ

(פאַרטראַכט, גייט ווידער צו צו דער שופלאַד) ניין, דאָס זענען נישט קיין בריוו געווען, דאָ האַלט זי אירע זאַכן. אָבער, שרעק דיך נישט, איך קען זי בעסער. זי קאָן דאָס נישט טון. מיר קאָנען עס ביידע נישט. שרעק דיך נישט הענריעטטע.

הענריעטטע

(ציטערט) עס באַפאַלט מיך עפּעס אַזאַ שרעק, לאָז מיך גיין אַצינד!

רוססאַ

דו וועסט איצט נישט גיין, איצט וועסטו נישט גיין.

הענריעטטע

(גייט צו צום פענסטער) דו, מיר דאַכט זיך, אַז זי איז נישט אוועקגעגאַנגען, מען זעט זי נישט דאָ אין ערגעץ. איך האָב עפּעס אַזוי מורא.

רוססאַ

זי איז אַוועק, ווי לאַנג דאַרף עס דען דויערן?

הענריעטטע

(גייט צו צו רוססאַ, הויבט אויף זיין האַנט צו אירע ליפּן) דו, און וואָס וועט זיין, ווען דו וועסט דעם קניפּ פונאַנדערייסן, וועסטו ווידער פאַרבינדן? מיר דאַכט זיך, אַז עס איז בעסער שוין אַזוי — איז קיין דריטע נישטאָ — רוססאָ.

רוססאַ

רעד נישט אַזוי איצט.

הענריעטטע

איך קאָן נישט אַנדערש, איך בין דאָך אַ פרוי. (דער שטורם אין דרויסן איז אריבער און ווידער פאַלט ליכט פון אונטן ארויף אויף די פנימער).

רוססא

זע, זע ווי מאָדנע דאָס ליכט פון דער זון פאַלט איצט, עפּעס אַזוי ווי זי וואָלט ערגעץ אראָפּגעפאַלן און געלייכט פון דאָרט, ווו זי ליגט אונטן. (הענריעטטע הויבט אויף די אויגן און קוקט גלייך און טיף אויף אים) ווי מאָדנע עס שיינען איצט די אויגן דיינע. גיב אַ קוק אויף דער זון, זעסטו זי אַזוי ווי איך?

הענריעטטע

וואָס איז דיר דען?

רוססא

איך ווייס אליין נישט, וואָס מיר איז, נור אויך מיך באַפאַלט עפּעס אַזאַ שרעק איצט — פאַר דער זון.

הענריעטטע

(מיט די ליפּן אויף זיין האַנט) זאָג מיר, זאָג מיר, האָסטו אמאָל

געטראַכט װעגן דעם, װאָס עס װאָלט געװעזן, װען איך װאָלט פּלוצלונג קראַנק געװאָרן, געלעגן יאָרן־לאַנג אין בעט, װען איך װאָלט אָן הענט געװעזן? זאָג מיר, האָסטו אַמאָל װעגן דעם גע־טראַכט?

ר ו ס ס אַ

און דו װעגן מיר?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך האָב געטראַכט — און פאַר דעם געדאַנק האָב איך װײניקער מורא װי פאַר אַלע אַנדערע געדאַנקען.

ר ו ס ס אַ

(מיט איבערשװימנדיקער און לײדנשאַפטלעכער צערטלעכקײט נעמט ער זי אַרום) זײ טױב, זײ בלינד, זײ צעשניטן און העס־ליך, זאָל נור אײן אײנציקער גליד פון דײן ליב בלײבן גאַנץ און זאָל שמעקן מיט דיר, אײן דײן ליב, זײן דו, און עס װעט שױן גענוג זײן, העינריעטטע — און מײן גרױסע אײנזאַמקײט װעט זײן געשטילט, די גרױסע אײנזאַמקײט, װאָס װערט שטיל און אַנטשװײגן נור װען דו ביזט דאָ. זאָל נור אײן אײנציק גליד פון דיר בלײבן גאַנץ, װעמען איך זאָל נאָך קאָנען זאָגן: דו, איך האָב דיך ליב.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(מיט אָפּענע ליפּן און מיט פאַרמאַכטע אױגן) װאָרט אין װאָרט דאָסזעלבע, בילד אין בילד דאָסזעלבע האָב איך װעגן דיר גע־טראַכט. דו —

ר ו ס ס אַ

(פּלוצלונג איז די זון טונקעלער געװאָרן) זע, העינריעטטע, דײנע אױגן זענען פּלוצלונג אונטערגעגאַנגען, עפּן זײ שטאַרקער — זעסטו אַלץ?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך פאַרשטײ דיך נישט, איך זע דאָך אַלץ װי פריער. אַלץ װי פריער. אין דעם זעלבן ליכט. גײ, װאָס פאַר אַ קינדערײען דו רעדסט הײנט. גאָרנישט װי שטענדיק.

ר ו ס ס אַ

איך קוק אויף דיינע גרויסע, גרויסע אויגן — און עס ווילט זיך עפּעס אַזוי וויינען. דיין גאַנצע ליבע איז אין דיינע גרויסע אויגן.

(שמייכלט און קושט העגריעטטע) זיי זענען אויך אַזעלכע גע־וואַלטיקע אַקומולאַטאָרן פון זון־ליכט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(קושט אים לאַנג און וואַרטלאָז — פּלוצלונג שוידערט זי אויף און לאָזט אים אָפּ) עפּעס האָט זיך אַ ריר געטון. דו, אפשר וואַרט זי דאָרט אויף מיר — טויט. שוין טויט. אויף די טרעפּ. און מיט דעם לעצטן בליק פון אירע אויגן האָט זי געקוקט אויף דער טיר און געזען, אַז זי בלייבט פאַרשלאָסן — איך מיט דיר.

ר ו ס ס אַ

זי איז בישטאָ הענריעטטע, זי איז אַוועק. — — ווי האָסטו גע־זאָגט? פאַרוואָס האָסטו עס אַזוי שרעקליך געזאָגט? פאַרוואָס? (גייט אַ פּאָר שריט אַוועק פון איר) דו האָסט עס נישט געדאַרפט זאָגן.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איצט וויים איך גאָרנישט מער, גאָרנישט מער. איצט מוז איך אַוועק פון דאַנען און וואָס גיכער אַוועק. איך זאָג דיר, זי וואַרט דאָרט אויף מיר, זי וואַרט אויף מיר. (מיט דעם גאַנצן קערפּער גיט זי אים נאָך איינמאָל אַ נעם אַרום און פאַרשווינדט באַלד אין דער טיר לינקס).

(מען הערט, ווי הענריעטטע פאַרהאַקט די ערשטע טיר לינקס, דאַן פאַרגייען עטלעכע סעקונדן, ביז זי גייט דורך דעם קאָרי־דאָר. זי עפנט די צווייטע טיר צו די טרעפּ צו, עס דערהערט זיך עלזעס געשריי „אָט האָסטו זון!" גלייכצייטיק דערהערט זיך אַ שווערער פאַל פון אַ קערפּער און לאַנג אויסגעצויגענע קרעכצן, די טיר צו די טרעפּ ווערט ווידער פאַרמאַכט, די טיר לינקס עפנט זיך און עס קומט אריין עלזע).

ע ל ז ע

(שטייט אין דער טיר און פאַרהאַלט רוססאַן, וואָס האָט אַ שפּרונג געטון צו דער טיר) גאָרנישט, גאָרנישט — נישט גע־

פערליך — איך האָב בלויז די שיינע אויגן אויסגעברענט. (מיט ווילדער איראָניע) אזא וויסנשאַפטליכער עקספּערימענט מיט דיין זון.

ר ו ס ס אָ

(שטופּט זי אָפּ) לאָז מיך, לאָז מיך. עליזע! וואָס האָסטו געטון?! עליזע!

ע ל י ז ע

(פּלוצלונגדיקער היסטערישער געוויין מיט געשריי געמישט) דאָס האָ ס ט ו געטון. דאָס האָסטו געטון! (זי פּאַלט אויף דער זאָפע און וויינט ווייטער).

ר ו ס ס אָ

(קניט אַנידער ביי דער טיר, דערווייל האָט זיך העגריעטטע אין קאָרידאָר צוגעוואָלגערט ביז צו דער טיר, דורך דער טיר לינקס זעט מען אירע אויסגעשטרעקטע הענט, רוססאָ נעמט אָן די הענט) מיין ווייב, מיין ווייב — איצט ביזטו מיין, איצט ביזטו מיין.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(מען הערט איר שטימע, זעט בלויז אירע הענט) עס טוט גאָר נישט וויי, גאָרנישט וויי. עס איז נור אינגאנצן פינסטער, אינגאנצן פינסטער, זעגען עס דיינע הענט, רוססאָ, דיינע הענט? דיינע — (זי ווערט אנטשוויגן).

ר ו ס ס אָ

מיינע הענט, דו מיין ווייב — דו מיין ווייב.

צווייטער אקט.

(דיזעלבע שטוב ווי אין ערשטן אקט, העלסטע פאר־מיטאָג־צייט, זומער. כוואליעס זונליכט אויף אלץ און אלעמען.

הענריעטטע

(אין העלע זומער־קליידער, דאָס פנים ווי געוועזן. בלויז די אויגן — בלינד, גייט אום טאפנדיק פון געגנשטאנד צו געגנשטאנד)
— — און נאָך איינמאָל ארום און אויף היינט וועט זיין גענוג. (לאָזט זיך גיין איבער דער מיט פון דער בינע, די הענט אויסגעשטרעקט, פאלט צו א מידע צו דער אקעגנדיקער וואַנט און בלייבט שטיין אַן אויסגעשעפטע) און איצט שרייבן און לעזן — — זי גייט צו צום טיש, אויף וועלכן עס ליגן גרויסע פאָליאנטן פון בלינדן־ביכער, בלינדן־פאפיר און געצייג צו דער בלינדן־שריפט. זי עפנט א פאָליאַנט, טאפט מיט די הענט) וואָס קאָן דאָס זיין? שוין ווידער פארגעסן — צוויי פונקטן באטייט? — באטייט? (טאפט ווייטער) אָ, א וואָרט — א וואָרט — פרי — פרי — פרילינג! אָ ווי גוט — דאָס סאמע ערשטע וואָרט — דאכט זיך, אז ער גייט? יאָ — ער —

רוסאַ

(קומט אריין, אויף זיין פנים געמאכטע פריילעכקייט, רעדט מיט א נאָכדרוק, סילאביזירט די ווערטער, רעדט הויך, ווי ער וואָלט

גערעדט צו אַ טויבן) איך, הענריעטטע, איך, ווער קאָן דען אַנ־דערש זיין?

הענריעטטע

(וויל אויפשטיין, ער אָבער גייט צו נענטער צו איר, בלייבט זיצן) דו רעדסט אַזוי הויך און איך הער איצט בעסער, ווי שטענ־דיק. (גלעט זיינע הענט) ווייסטו, וואָס איך האָב היינט אויסגע־פאָרשט, אַז די זון איז דער בעסטער וועגוויייזער פאַר אַזעלכע ווי איך. אפילו ווען זי לייכט נישט, פילט מען זי· אָט גיב אַ גיי אַוועק פון מיר — (ער גייט בלויז איין שריט און בלייבט שטיין הארט נעבן איר) וועסט זען, עפּעס וועט מיך פירן, ביי די הענט אָננעמען און פירן גלייך צו דיר.

רוססאַ

(גאַנץ שטיל) שוין. (ער בלייבט שטיין אויף דעמזעלבן אָרט).

הענריעטטע

(שטייט אויף, זוכט אין אַלע ווינקלען פון דער שטוב, פאַרלירט זיך, איז איינגאַנצן דעזאָריענטירט) ווו ביזטו דען? ביזט אַזוי גאַנץ שטיל אַוועק, ווו ביזטו דען? נו קום שוין אַהער, איך קען נאָך נישט. היינט נאָך נישט, אָבער מאָרגן וועל איך דיך שוין גלייך געפינען.

רוססאַ

(נעמט זי ארום און קושט זי, זי שטעלט אונטער די אויגן, ער מיידט זיי פאָרזיכטיק אויס, קושט זי אין האַלז) בלינד מיידע־לע מיינס, אַזוי צאַרט ווי אַ פויגעלע.

הענריעטטע

מיט אָפּגעבראָכענע פליגלען.

רוססאַ

אַראָפּגעפאַלן פון נעסט.

הענריעטטע

אין דיינע וואַרימע הענט.

רוססאַ

אין געזונטע, אין שטאַרקע הענט.

הענריעטטע

אויף אייביק, אויף אייביק.

דוססאָ

דיין, דיין, דיין. יעדעס וואָרט שווערט, יעדער פינגער שווערט באַזונדער.

הענריעטטע

(פאַרטראַכט זיך) פאַרוואָס שווערסטו מיר? האָסט דען נישט קיין ריין געוויסן? זינט איך בין פון שפּיטאָל אַרויס שווערסטו און שווערסט און שווערסט. יעדן טאָג אַנדערש, יעדן טאָג ווי־דער, פאַרוואָס שווערסטו מיר?

דוססאָ

אַזוי איז מיר עפּעס בעסער, מיט יעדער שבועה וואַקס איך טי־פער אַריין אין אונזער אייביקער ליבע, ווי אַ בוים אין ערד.

הענריעטטע

וועסטו אַזוי שוין אייביק, שווערן יעדן טאָג? און אַז דו וועסט אַמאָל פאַרגעסן צו שווערן?

דוססאָ

איך וועל קיינמאָל נישט פאַרגעסן, איך וועל יעדן טאָג געדענ־קען — צו שווערן.

הענריעטטע

יעדן טאָג געדענקען — דאָס בלינדע מיידעלע — דאָס פּוינע־לע — פון נעסט אַראָפּגעפאַלן — אין דיינע גוטע הענט, אין דיינע גוטע הענט.

דוססאָ

(קוקט נישט אויף איר און באַמערקט נישט איר אויראַנישן שמייכל, וואָס באַווייזט זיך אָן איר ווילן אויף איר פּנים, וואָס ווערט אַלעמאָל מער און מער אָפּוועזנד) אין מיינע הענט, אין מיינע הענט.

הענריעטטע

(פּלוצלונג ענרגיש) און דאָרט ווו איך האָב געבעטן, ביזטו גע־וועזן?

ר ו ס ס אָ

(קלאַפּט צוזאַמען די הענט) אך ניין. ווידער פאַרגעסן.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

נו זע, שוין ווידער. אַזוי פאַרנומען ביזטו?

ר ו ס ס אָ

הענריעטטע, גלויב מיר, איך האָב אייגנטלעך נישט פאַרגעסן, אָבער עס איז איבעריק צו גיין. שטעל דיר פאָר, אַז צען מענער־אַרבעטן שוין ביי מיין פּראָיעקט. דער טורם וואַקסט. נאָך עט־לעכע טע״ג און איך וועל שוין וויסן אַ קלאָרן ענטפער — און נישט נור איך — די גאַנצע אנונגסלאָזע וועלט. דו האָסט עס דאָך שטענדיק אַזוי פאַרשטאַנען — פאַרשטאַנען — הענריעטטע, נור דו, די איינציקע.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

דער טורם — אַזוי הויך — אָבער איך קען נישט זיין מיט דיר דאָרט, איצט קען איך שוין נישט מער. דיר קען נאָך עפּעס גע־שען. ווי דאָס שרעקט אויף איינמאָל. ווייסטו — איצט וואָלט איך שוין ליבער געוואָלט, אַז דו — אָבער ניין.

ר ו ס ס אָ

שווער איצט אויף איין רגע בלויז פון דאָרט אוועקצוגיין, נור צו דיר בין איך געקומען, אָפּרוען זיך ביי דיר, און ווייטער — (פּויזע).

ה ע נ ר י ע ט ט ע

רוססאָ, ווייסטו עס אפשר מאָרגן טון, מאָרגן גיין אַהין. זע, דער טערמין פון געריכט איז שוין אַזוי נאָנט, און ווען זי וועט רעדן עפּעס אַנדערש, ווי איך — וואָס דעמאָלט? עס וועט שווער זיין צו לעבן און צו וויסן, אַז עליזע וועט יאָרנלאַנג מוזן אַרומגיין אין גרויע קליידער, הינטער פינסטערע ווענט. דו מוזט עס טון.

ר ו כ כ אָ

זי האָט אָבער נישט קיין אַדוואָקאַט, און מיט איר אַליין רעדן וויל איך נישט. וואָס זענען מיר דען שולדיק?

הענריעטטע

אָבער די צייט וועט אוועק. אפשר קענען מיר שיקן א בריוו צו איר.

רוססאָ

דאָס וועט נישט מעגלעך זיין, מען וועט דעם בריוו לעזן.

הענריעטטע

וועל איך אַליין גיין צו איר.

רוססאָ

קיינמאָל נישט, מען וועט דאָך זי אזוי אויך באפרייען. מען פאַר־אורטיילט זעלטן אין אזעלכע פאַלן. און דער עיקר: עס איז דאָך קלאָר פאַר דער וועלט. מיר זענען דאָך צוזאמען. אלע וויסן עס דאָך. עס וועט זיין אזוי שיין, דו וועסט שטיין און רעדן פאַר דער וועלט וועגן אונזער ליבע און וועסט רעדן אַן א שפור פון האס וועגן איר. זי וועט באַלד פריי ווערן. די זאַך איז דאָך אזוי קלאָר, אזוי דייטלעך און קלאָר.

הענריעטטע

קען איך גאַנץ רויק זיין? איך טראַכט לעצטנס אזוי פיל וועגן דעם.

רוססאָ

און דאַן וועלן מיר אלע זיין פריי, אינגאנצן פריי. אלע פרייע מענטשן.

הענריעטטע

ווי גוט עס איז צו זיין פריי, אָבער איך — איך קען שוין קיינמאָל נישט זיין פריי אינגאנצן.

רוססאָ

דאָס וואָס דיך בינדט, בינדט דיך דאָך נור שטאַרקער צו מיר. איז עס דען נישט גוט?

הענריעטטע

אזוי איז בעסער, אזוי איז בעסער, (פאַלט אין טאָן) אזוי — איז בעסער. פאַרוואָס רעדן מיר איצט אזויפיל וועגן דעם?

רוססאָ

וועגן אונזער ליבע?

הענריעטטע

יאָ.

רוססאַ

האָבן מיר דען ווען עס איז וויכטיקער וועגן דעם גערעדט? מיר דאַכט זיך, אַז נאָך מער — הענריעטטע — פריער נור וועגן דעם.

הענריעטטע

אָבער איצט איז דאָך אַלץ שוין געשען, איז דאָך אַלץ שוין דאָ. וואָס דאַרף מען דען די ווערטער איצט?

רוססאַ

נו זע, טראַכט נישט וועגן דעם. איצט דאַרפסטו טראַכטן צו ווערן וואָס מער פריי, צו קענען לעזן און שרייבן און גיין און פאַרגעסן, אַז עס זענען אַמאָל געוועזן אויגן, וואָס האָבן געזען. און אפשר, ווער ווייסט, אפשר וועט נאָך —

הענריעטטע

זאָג עס אַרויס, זאָג עס גאַנץ אַרויס דאָס וואָרט —

רוססאַ

אַ קינד.

הענריעטטע

(קושט אים) באַהאַלט דאָס וואָרט צוריק, אָט אַזוי — און איצט וועל איך עס דיר אַרויסקושן פון צווישן די ציין, עס איז אַזוי זיס דאָס וואָרט. דו, איך וויל אַ יינגעלע —

רוססאַ

איך וויל אַ מיידעלע.

הענריעטטע

נור אַ יינגעל, נור אַ יינגל —

רוססאַ

(פּלוצלונג) דו, איז אסתר נישט דאָ געוועזן?

הענריעטטע

גיין, וואָס איז דען?

ר ו ס ס אָ

זי האָט געדאַרפט אַ בוך ברענגען אַהער. ווייסט, זי העלפט מיר אַזויפיל איצט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

זי איז אַזאַ גוטע, אַזאַ גוטע. זי טוט דאָך אַזויפיל פאַר מיר, פאַר אונז. זי רעדט אַזויפיל וועגן דיר, זי איז דאָך פאַרליבט אין דיר. זי זעט דאָך — ווייסטו, עס איז דאָך בעסער צו זען.

ר ו ס ס אַ

יאָ, אָבער זי האָט דאָך געדאַרפט דאָ זיין, איך דאַרף זי דאָך, איך דאַרף דאָס בוך.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

האָט זי דיר צוגעזאָגט?

ר ו ס ס אָ

זי האָט צוגעזאָגט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איידער דו וועסט גיין, וועט זי געווים דאָ זיין, און אויב נישט וועל איך זי שיקן צו דיר. זי איז אַזוי פול מיט לעבן, ווייסטו, איך בין קיינמאָל נישט אַזוי געווען.

ר ו ס ס אָ

(רייסט איבער דעם געשפּרעך, שווייגט אַ רגע, הויבט אָן פון עפּעס אַנדערש צו רעדן מיט אַ דייטלעכן ווילן דעם פריערדיקן געשפּרעך איבערצורייסן) איצט קומט אַזאַ רו, ווי נאָך קיינמאָל נישט. איצט פיל איך, אַז עס וועט ווערן פאַרענדיקט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(האָרכט אויף) וואָס וועט ווערן פאַרענדיקט?

ר ו ס ס אָ

ווייסטו דען נישט? איז עס דיר דען פּלוצלונג פרעמד געוואָרן? איך פיל הענריעטטע, אַז איצט וועל איך עס דערגרייכן.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

און איך וועל זיין מיט דיר. מיט שטילע געדאַנקען וועל איך דיך ה״ז, פירן

דוססאָ

דו וועסט עס. דו —

הענריעטטע

מיר זענען אָבער נישט קיין גלייכע מענטשן מער. דו דאַרפסט אַרומנעמען אַ וועלט, און איך זע נור מיין איי̱גענ̱ע וועלט. נור מיך און דיך. און פאַר דיך זען האָב איך מיין גאַנצע דרויסנדיקע וועלט נעגעבן. דו ביזט מיין גאַנצע, גאַנצע וועלט.

דוססאָ

און אַזוי וועט עס בלייבן, ביי מיין געוויסן —

הענריעטטע

שווערסטו שוין ווידער?

דוססאָ

איך ווייס נישט וואָס דאָס איז, אָבער אַלעמאָל ווען איך זע דיך, ווילט זיך נור דאָס איינע זאָגן —

הענריעטטע

און איך ווען איך (גלעט אים דאָס פּנים) זע דיך — וויל איך מער גאָרנישט זען, מער גאָרנישט.

דוססאָ

אַלעמאָל פריער, ווען מיר פלעגן רעדן, זענען די ווערטער אַזעלכע שווערע געווען, פאַרנעפּלט, און נור זעלטן פלעגן זיי אויפשיינען פלוצלונג. און איצט איז אַלץ עפּעס אַזוי קלאָר, קלאָר ביז צום סאַמע טיפסטן דנאָ פון די ווערטער. אייביק מיט דיר פאַרבונדן — און עס איז אַזוי קלאָר, אַזוי אייביק, אַזוי דייטלעך.

הענריעטטע

פאַר דיר איז דאָס אַלץ קלאָר, אָבער פאַר מיר ווערט דאָס אַלץ אַלעמאָל מער פאַרנעפּלט. עס לעשט זיך עפּעס אַרום מיר אַלעמאָל מער און מער, און עס ווערט פינסטער. מיין וועלט ווערט אַלעמאָל קלענער און קלענער און דו ווערסט אַלעמאָל גרעסער און גרעסער. און מיר דאַכט זיך, אַז אין דיר וואַקסט עפּעס אַן אומרו און איך וועל זי נישט זען. איך וועל דיר אין די אויגן נישט קענען קוקן, און ו ע ר ט ע ר זענען דאָך אַ פּוסטער און

א פאַלשער קלאַנג, ווען מען זעט נישט קיין אויגן. (צעשפּרייט די פינגער פוןביידע הענט, קרימט זיי אויס ווי צוויי רויב־פויגל־פּיס, גלעט אים מיט זיי) און גאַנץ פון זיך אַליין קומט עפּעס א שרעק, און עס ווילט זיך מיר קלאַמערן אין דיר, קלאַ־מערן.

ד ו ס ס אַ

(קוקט מיט שרעק אויף די פינגער) דו ווילסט דיך קלאַמערן אין מיר? און אַז איך וועל אַמאָל א גאַנצן טאָג, אָדער גאָר א גאַנצע נאַכט, נישט קאָנען זיין ביי דיר? דער טורם וואַקסט, וועט מיך אַלעמאָל מער שמידן צו זיך — ביז דער גרויסער טאָג וועט קומען. (גלייכט אויס אירע הענט, קושט זיי).

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך ווייס נישט, איך ווייס נישט. נור שוין איצט, ווען דו קומסט אַמאָל שפּעט ביינאַכט אהיים, גיי איך צום אָרט, ווו דיינע קליי־דער הענגען, און איך אָטעם מיט זיי, און איך טראַכט, אַז דו ביזט דאָ, און איך ליג ביי זיי אויף דער בריק, איינגעקלאַמערט אין זיי, און אַזוי איז מיר גוט.

ד ו ס ס אַ

ביזט מיט די ציין איינגעקלאַמערט אין מיר, אין מיינע קליידער?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

דו ווילסט דאָך, אַז אַלע זאָלן דיך פאַרשטיין, וויל מיך אויך אַמאָל פאַרשטיין, זיי נישט בייז דערפאַר. די וועלט איז דאָך פּוסט. עס איז אויף איר מער גאָרנישט דאָ, נור דו. דיך פאַר־לירן איז פאַרלוירן אַלץ, איז בלייבן א בלינדע אויף דער וויי־טער, איינזאַמער וועלט. און אָט דער געדאַנק קומט, קומט ביי־טאָג און ביינאַכט, און ווען דו ביזט נישטאָ, זעצט ער זיך פעסט אין מוח און וויל נישט מער אַרויס.

ד ו ס ס אַ

(גייט אַוועק פון איר, זי בלייבט אָפּהענטיק און פאַרלוירן שטיין, ער גייט א רגע אויף און אָפּ, זיין פּנים שטראַלט אויף) דו ביזט בלינד, דאָס־וואָרט ווערט אויף אַמאָל אַזוי שיין, אַזוי גרויזאַם

שיין. אזא אורשרעק איז אין דעם וואָרט. דו, וואָס וואָלט גע־
וועזן ווען אויך איך וואָלט אויף איינמאָל בלינד געוואָרן?

הענריעטטע

(זי לאָזט זיך גיין מיט גרויסער פרייד צו אים און געפינט אים.
גלייך) דאַן וואָלט אַזוי גוט געוועזן, אַזוי גוט. דאַן וואָלט ליבע
אייביק געוועזן צווישן אונז און מיר וואָלטן ביידע נור איין וואָרט
געהאַט: דו.

רוססאָ

(ער פירט זי צו דער זאפע רעכטס, זעצט זי נעבן זיך) הער
הענריעטטע, איך וויל רעדן מיט דיר. איצט זעסטו דאָך מיין
לעבן דייטלעך. זע עס, זע עס און איך וויל רעדן מיט דיר. זע
וויאַזוי דאָס איז אַלץ געשען. אָט האָב איך אַ ווייב געהאַט, וואָס
האָט מער גאָרנישט אויף דער וועלט געזען, נור זיך, זי האָט
מיך איינגעשפאַנט צו זיך, און וואָס אַ יאָר איז דער וועג אַלץ
שווערער געוואָרן, און איך האָב קיינעם נישט געקענט זען, מיך
אויך נישט, נור דעם געדאַנק. איך ווייס, אפשר איז דאָס וואַנזין,
אָבער אַזוי איז עס. אונזערע צוויי לעבנס זענען געוועזן, ווי
צוויי פרעמדע ווענט, וואָס מען האָט אוועקגעשטעלט נעבן זיך,
גאָרנישט בינדט זיי, נור פינסטער איז צווישן זיי. און איך האָב
ליכטיקייט געדאַרפט, נישט פיל, נור די עטלעכע שטראַלן האָבן
מיר געפעלט. און דעמאָלט — 2

הענריעטטע

(כאַפּט אים אום מיט פרייד די ווערטער) בין איך צווישן אייך
געקומען.

רוססאָ

דו. און —

הענריעטטע

(מיט אַראָפּגעלאָזטע הענט) און ווידער אַ פרעמד לעבן, און ווי־
דער צוויי ווענט און ווידער אַ פינסטערניש — אַ נאָך גרעסע־
רע ווי פריער.

רוססאָ

עס איז שרעקלעך, וואָס אויף דער וועלט זענען פאַראַנען די צוויי־

ווערטער: איך און דו. ווען נישט די צוויי ווערטער —

הענריעטטע

איצט וויל איך פון גאַרנישט וויסן, פון גאַרנישט — מיר איז גוט, וואָס דו ביזט דאָ נעבן מיר, מער גאָרנישט. (זי פאַרשיכורט זיך אַלעמאָל מער און מער מיט אירע ווערטער) און שפּעטער איך, און שפּעטער איך אין דיין לעבן. און איך האָב גענומען מיין זון און זי אַוועקגעטראָגן אין דעם אָפּגרונט דו, און זי דאָרט אַוועקגעשליי־דערט און זי איז דאָרט דערטרונקען געוואָרן. נישט פינסטערניש, נור טאָפּלט ליכטיקייט, מיט מיינע אויגן און מיט דיינע אויגן. טאָפּלט ליכטיקייט. אויפגעהערט צו זיין —

רוססאָ

אויפגעהערט אַליין צו זיין, צו זען, צו רעדן, נור אַלץ מיט מיר, דורך מיר, אין מיר —

הענריעטטע

און איצט בין איך בלויז לייב פאַר דיר. בלויז ווייב אין נאַכט, ווייב אין אַן אייביקער נאַכט. וויפל ליבע קאָן אַ קערפּער פון אַ פרוי געבן אין איין נאַכט, וואָס ענדיקט זיך מיט טאָג. און וויפל מער ליבע קען אַ בלינדגעוואָרענע פרוי געבן אין אַזאַ אייביקער נאַכט, מיין נאַכט. אין דער נאַכט איז בושה אָפּגעטון פון קערפּער און אַ פרוי גיט זיך אַזוי שרעקלעך איינגאַנצן אַוועק. און פון מיין גאַנץ לעבן איז איצט די בושה אָפּגעטון. איך בין דיינע, ווען אפילו מענטש, זענען דאָ דערביי. איך זע זיי נישט, איך וויל זיי אַלעמאָל וויניקער זען — נור דיך, דיך.

רוססאָ

אַלעמאָל מער נור מיך, מיך, מיך.

הענריעטטע

(מיט נאָך שטאַרקערן פּאַטאָס) ליבע הייסט דאָך זען, דערזען, דערזען אַ מענטשן. און איך האָב נור איינעם דערזען — דיך — און דאַן איז אונטערגעגאַנגען דאָס זען. (שטרעקט אויס די הענט, קרימט אויס די פינגער) און איך האָב נור דיך דערזען און איצט מוז איך שוין אייביק זיין איינגעקלאַמערט.

רוסקאַ

ביז צום טויט איינגעקלאַמערט.

העגריעטטע

(הויבט אויף אירע הענט איבער זיין קאָפּ) אַלע מיינע כוחות זענען איצט אַריין אין מיינע הענט. זיי וועלן זיין מיין אַלץ, אַלעמאָל מער און מער. די איינציקע קראַפט אין מיר וועט נור זיין דער ווילן זיך צו קלאַמערן, צו קלאַמערן. קלאַמען ווי אַ קאַץ, וואָס מען שטופּט אין אַן אָפּגרונט אַראָפּ, אירע אויגן ווערן ווייס, גליִען ווייס, פאַרשווונדן ווערט דער בליק אין זיי, און נור זי קלאַמערט זיך, קלאַמערט זיך. איך וועל דיך איינשליסן, איך מוז דיך איינ־שליסן אַלעמאָל פעסטער און פעסטער. (זי נעמט אים אַרום, ער קוקט מיט שרעק אויף איר, זיין פּנים צוקט) פילסטו נישט וויפיל קראַפט עס איז איצט אין מיינע הענט? דאָס איז די גאַנצע, געוואַלטיקע קראַפט פון זען און פון זון אַריין אין זיי, פון דאַנעט (זי ווייזט אויף אירע אויגן) איז זי אַרויס — די זון.

רוסקאַ

ווי שרעקלעך איז די זון! (עמיץ איז אַריין אין קאָרידאָר לינקס, פרויען־שטימע זינגט לוסטיק אונטער, ער מאַכט אַ באַוועגונג צום אויפהויבן זיך).

העגריעטטע

(קלאַמערט אים פעסט, ער בלייבט) עס איז דאָך אסתר.

אסתר

(קומט אַריין) אָט בין איך דאָ. (זי בלייבט אַ רגע צעטומלט ביי דער טיר, באַמיט זיך וועקצוקוקן. רוסקאַ קוקט זי הילפלאָז אָן, מיט אַ פאַרשטייענדיקן בליק ענטפערט זי אים).

העגריעטטע

וואָס ביזטו שטיין געבליבן, אסתר?

אסתר

איך בין נישט שטיין געבליבן.

העגריעטטע

זאָל איך מיך שעמען פאַר דיר, אסתר?

אסתר

אָבער הענריעטטע.

הענריעטטע

מען שעמט זיך, ווייל מען וויל זיך נישט באַגעגענען מיט אַ פרעמדן בליק, איך אָבער אסתר — און דערצו — ביזטו אַ שוועסטער, אָדער נישט?

אסתר

הענריעטטע, דו דאַרפסט דיך היטן שטענדיק וועגן דעם צו רעדן, שטענדיק דאָסזעלבע.

הענריעטטע

דו אויך אסתר, דיר ווער איך אויך שוין אַ לאַסט?

אסתר

עס גייט אין דיין גוטס.

הענריעטטע

אָבער מיין גוטס קאָן אַלעמאָל מער און מער נור איך אַליין אויף דער וועלט פאַרשטיין, איך ווער אַלעמאָל איינזאַמער, איינזאַמער, אסתר. (פּלוצלונג נעמט זי אַראָפּ די הענט פון רוסקאָן).

אסתר

(גייט אַ שריט נענטער) אַז דאָס איז געשען האָב איך געטראַכט, אַז דו וועסט בלייבן דו, נאָך שטאַרקער און נאָך שענער. דו ביזט דאָך פון אייביק אָן מיין אידעאַל פון אַ מענטשן געווען, איך האָב געטראַכט, אַז דו, הענריעטטע, וועסט בלייבן דו — און דו רעדסט אַזויפיל דערפון, שטענדיק דאָסזעלבע, אַלעמאָל מער.

הענריעטטע

(שטייט אויף, לאָזט זיך ווילד, נישט טאַפּנדיק אַרום זיך, צו אסתרן ,פאַלט איבער זאַכן ביז זי דערגרייכט זי. פאַלט צו צו איר און האַלט איר צו דאָס מויל) רעד נישט מער, רעד קיין וואָרט נישט מער. ווער דו בלינד אויף איין רגע און דו וועסט זען, וואָס מיט דיר וועט געשען, וועסט ווילדער זיין, וועסט צענמאָל ווילדער זיין, פון מיר. איך האָב אויך אַנדערש גע־טראַכט און עס איז אַנדערש געקומען. (געוויין טרייסלט זי

אויף, זי גייט טאַפּנדיק צו דער זאַפּע צוריק, פאַלט אויף איר אַרויף) איך בין געפאַלן, געפאַלן, געפאַלן. איך וועל קיינמאָל מער נישט אויפשטיין, קיינמאָל נישט.

אסתר און רוססאַ

(גייען צו, גלעטן זי, באַמיען זיך זי צו באַרויקן).

אסתר

ווײַן דיך אויס און דיר וועט בעסער ווערן, דאָס איז דאָך אַלץ געווען, מער וועל איך עס דיר קיינמאָל נישט זאָגן, קיינמאָל נישט. (קושט זי).

רוססאַ

אין אַ רגע אַרום וועט ווידער גוט זיין, אַלץ וועט ווידער גוט זיין.

אסתר

(צו רוססאַ) אָט איז דאָס בוך.

רוססאַ

גוט וואָס דו ביזט דאָ, דו מוזט איצט זיין מיט אונז, דו מוזט מיר העלפן, אסתר.

הענריעטטע

(האָרכט אויף, פאַלט צו מיט אַ נייעם געוויין צו רוססאָס הענט) עס טוט מער גאָרנישט וויי, עס איז נור פינסטער, פינסטער, ביזט דאָך דאָ, ביזט דאָך דאָ, עס זענען דאָך דיינע הענט?

רוססאַ

(קוקט הילפסלאָז אויף אסתר ,זי ענטפערט איִם מיט אַ טיפן, דורכדרינגענדיקן בליק, ער שוידערט אויף, בויגט זיך אָן צו הענריעטטעס קאָפּ, קושט זי) איך בין דאָ, איך בין דאָ, איך וועל היינט מער נישט אוועק פון דיר, הענריעטטע, איך וועל היינט מער נישט אוועק, איך שווער עס דיר —

הענריעטטע

נור דאָס נישט, עס איז אַזוי שרעקליך. קום אויך אהער, קום אהער אסתר — (זי שטרעקט אויס די האַנט, רגעס לאַנג בלייבט די האַנט הענגען אין דער לופט —)

דריטער אַקט.

(דיזעלבע שטוב, עטליכע וואָכן שפּעטער. די רעכטע זאָפע פעלט, שטאָט איר שטייט אַ קלאַוויר. אַ רגע שטייט די סצענע אין מילדער נאָכמיטאָג־זון).

ר ו ס ס אָ, ה ע נ ר י ע ט ט ע א ו ן א ס ת ר

(קומען אַלע דריי אַריין אין עפּעס אַ שמועס אַריינגעצויגן. העלפן זיך אויסטון די אויבערקליידער און טראָגן זיי אין קאָרידאָר. רוססאָ טוט אויס הענריעטטעס מאַנטל, טראָגט אים אוועק, אַ רגע בלייבט זי שטיין פאַרגאַפט, דאַן אָבער רוקט זי זיך צום קלאַוויר ,ווי אַ חיה אין איר שטענדיקן ווינקל. ביי יעדער געלעגנהייט, וואָס רוססאָ באַגעגנט זיך מיט אסתרס אויגן פּרוווט זי אים פעסטצוהאַלטן מיט דעם בליק, נישט אַלעמאָל געלונגט עס איר).

א ס ת ר

אַט אַזוי געפעלסטו מיר, שטאָלץ, פריי, מוטיק, פול מיט לעבן, אַ זיגערין און ווי אַ זיגערין שיין —

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(מילדער, צופרידענער געלעכטער אויף איר פנים) יאָ, רעד, רעד אסתר.

א ס ת ר

קיינער האָט פון דיר קיין אויג נישט געקאָנט אָפּרייסן, אַזוי שיין און אַזוי אינטערעסאַנט ביזטו געווען. אַך, ווי שיין!

רוססאַ

באמת װוּנדערלעך שײן, די רגע, װען דו ביזט נאָך געשטאַנען נאָך דײנע װערטער און מען האָט מיך אַרײנגערופן — װעל איך קײנמאָל נישט פאַרגעסן. װי שײן — אַלע האָבן דיך געזען און באַװוּנדערט און דו ביזט געװעזן אײנע אַלײן מיט דײן טיפן װײ, מיט דײן שײנעם מוט.

הענריעטע

(זי קאָן קױם אײנהאַלטן מילדן געלעכטער פון צופרידנקײט) שײן, זאָגסטו, דו האָסט מיר נאָך קײנמאָל נישט געזאָגט, אַז איך בין שײן, און עס האָט מיר קײנמאָל נישט געפעלט, אָבער איצט בין איך עפּעס אַזױ גליקלעך דערפון. אַ שײנער מענטש איז װײניקער אײנזאַם.

רוססאַ

איך בין זיכער, אַז נישט אײן האַרץ פון אַ מאַן האָט הײנט געפילט עפּעס מער צו דיר װי בלױז מיטלײד, פון דעם האָט גאָר קײן רײד נישט געקאָנט זײן. דו האָסט הײנט — (לאַכט) רעהאַביליטירט דײן געשלעכט, דאָס שײנע געשלעכט מיט אמתער שײנקײט, מיט רו און מיט קאָנען ליב האָבן און מוחל זײן. און דער צופאַל האָט געװאָלט, אַז די זון האָט, װי אַ רעפלעקטאָר, נור דיך באַלױכטן. נור דיך — (גײט צו, הױבט אירע הענט צו די ליפּן, באַגעגנט זיך מיט אַ דורכדרינגענדיקן בליק אסתרס, גיט אַ קילן קוש און לאָזט אָפּ די האַנט).

אסתר

(שפּיציק) װײסט איר, װאָס איך װעל אײך זאָגן — מען װאָלט זי אַזױ אױך באַפרײט, אָבער עס איז אַזױ געשען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז דײנע װערטער האָבן דעצידירט זי צו באַפרײען.

הענריעטע

(פאַראינטערעסירט) און זי, װי אַזױ האָט זי אױסגעזען?

אסתר

מען קאָן נישט זאָגן, אַז זי האָט אױסגעזען העסלעך. זי איז נאָך שײן, דאָס איז געװיס. (באַמערקט, אַז אירע װערטער מאַכן אַ שװערן אײנדרוק) אָבער דאָס זיצן דערדריקט, דאָס פילן זיך זינ־

דיק האָט אַזוי העסליך אויסגעזען. און דערצו דאָס וויינען צום שלום. דאָס איז שוין גאָר איבעריק געווען.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ווייסט איר, איך האָב דאָרט ערשט באַמערקט, אַז זי איז אַ בייזע. זי האָט מיט שטאַרקן אַקצענט געזאָגט, או דו ביזט מיין, אַז זי האָט קיין שום טענות נישט מער אויף דיר, ווייל איך האָב דיך ג ע ק ו י פ ט מיט דעם העכסטן פ ר י י ז, וואָס אַ מענטש קאָן צ אָ ל ן פאַר אַ מענטש, מיט דעם פרייז פון זונליכט פון אַ גאַנץ לעבן. דאָס האָט דאָך אפילו צו דער זאַך נישט געהערט, צו וואָס האָט זי עס געדאַרפט זאָגן?

ר ו ס ס אָ

אָבער דאָס האָט קיין מענטש נישט באַמערקט, נור דו. אַלע האָבן בלויז דיך געזען און באַוואונדערט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

מיך גייט קיין פרעמדער נישט אָן, מיך גייט נור אָן, וואָס איך האָב די ווערטער אירע געהערט. אַ מענטשן, וואָס מען האָט ליב מיט אַ גרויסער ליבע, קאָן מען נישט באַקומען פון עמיצענס האַנט, אַזאַ וואָרט קאָן מען מער נישט אַראָפּנעמען פון זיך ווי מען קאָן נישט אַראָפּנעמען אַ שפּיי — ווען איר וואָלט געוווסט, ווי דאָס טוט וויי.

א ס ת ר

נו גיי שוין, ווידער עפּעס. דו איבערטרייבסט דאָך, דו איבערטרייבסט אויף אַן אמת. קיינער האָט עס נישט באַמערקט, אפילו איך אַליין געדענק עס אויך נישט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

נו שוין, שוין — איך וועל מיך באַמיען אויך דאָס אין מיר צו דערשטיקן.

א ס ת ר

אין אַזאַ טאָג וואָלט איך דאָך גליקלעך געווען, נור דאָס.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

און איך בין עס דאָך .

אסתר

אָבער עפּעס פעלט און עפּעס איז צופיל.

הענריעטטע

בו שוין, (נאָך א רגע) זאָגט מיר, וואָס וועט זי איצט אייננט־לעך טון מיט דער פרייהייט?

דוסקא

זי וועט טון, וואָס מען טוט מיט אַלע פרייהייטן, זי וועט אָנ־הויבן א נײַ לעבן. דו ווייסט דאָך, זי איז נישט אַליין אין איר לעבן. איך האָף, אַז זי איז עס איצט אויך נישט. אָדער די טאַט האָט געווירקט? אָבער איך גלויב נישט, אַזעלכע פאַרצווייפלטע טאַטן האָבן דווקא א פאַרקערטע ווירקונג. זיי בינדן נאָך מער צו צו זיך — דעמאַנישע פרוי — דעמאַנישע טאַט.

הענריעטטע

קוים צו מערקן א שײַן פון איראָניע אין אַט די ווערטער ביי דיר.

דוסקא

דאַרף איך דען פילן א האַס צו איר? בלויז א טיפע דאַנקבאַר־קייט. וואָס זי האָט מײַן געוויסן באַפרייט.

הענריעטטע

עס איז אַזוי שײַן, ווייסטו: האָט דײַן געוויסן באַפרייט מיט מײַנע אויגן. ווי פאַרבונדן מוזן אָט די צוויי מענטשן זײַן.

דוסקא

זעסטו ווי קלאָר דאָס איז איצט ארויסגעקומען, ווי קלאָר דו האָסט עס ענדליך באַנומען.

הענריעטטע

(כמעט שטיפעריש) און פונדעסטוועגן בין איך זי מקנא. זי גייט ארום און איז פריי, אירע אויגן טראָגן זי — ווער ווייסט זוו אויגן קאָנען פאַרטראָגן. די גאַנצע וועלט שטייט אָפן — און איך האָב מיך בלויז אײַנגעקלאַמערט מיט דער לינקער האַנט אין אַן ארעם און האָב גאָרנישט געדאַרפט קלערן ווו צו גיין. און מיר איז דאָך בעסער, ניין, איך בין קיינעם נישט מקנא.

דוסקא

זעסטו ,איצט גייט זי ערגעץ ארום איבער דער שטאָט, און זי

אַטעמט די פרייהייט. זי איז נייגעבוירן. און פונדעסטוועגן, האָט עס דען נישט געקאָנט געשען אָן דעם אַלעם?

העגריעטטע

זאָג נישט אַזוי, עס איז בעסער וואָס עס איז אַזוי געשען. איך דאַרף נישט מער. אַזעלכע שווערע רעכנונגען דאַרפן געשלאָסן ווערן מיט אַ בלוטיקן שטריך. נו וואָס מאַכט דאָס אויס, אַז דער בלוטיקער שטריך איז געגאַנגען איבער מיינע אויגן. אייגנטלעך צו וואָס דאַרף איך זיי? עס איז בעסער אַזוי.

אסתר

ביזטו באמת אַזוי וווּנדערליך פעיק צו קרבנות?

העגריעטטע

דו האָסט מיך שלעכט פאַרשטאַנען, דאָס איז דאָך בלויז געלייטערטער עגאָיזם. זייער, זייער קלוגער עגאָיזם. וואָס דאַרף איך דען נאָך זען? אַז צוויי מענטשן זעען דאָך שוין פאַר מיר — ער און דו — איך בין נישט פעיק צו קרבנות, אָבער אַז מען האָט שוין גאָרנישט ,מוז מען טראַכטן, אַז מען האָט עס פרייוויליק געגעבן, עס איז דאָך קלוגער אַזוי.

דוססאַ

אַ מענטש וואָס זעט, קאָן קיינמאָל נישט גאַנץ גליקלעך זיין, ווייל ער קאָן קיינמאָל נישט אַלץ באַזיצן, וואָס ער האָט דערזען, אָבער אַ מענטש, וואָס נעמט אַרום זיין גאַנצע וועלט מיט די אָרעמס, מיט די הענט ,וועמענס וועלט עס גרייכט נישט ווייטער, ווי זיינע הענט, דער קאָן גליקלעך זיין.

העגריעטטע

(מיט אַ ביסל איראָניע) איך האָב נישט אינגאַנצן פאַרשטאַנען, אָבער עס איז גוט, וואָס דו האָסט אַזוי געזאָגט. דו וועסט דאָך היינט נישט גיין פון דאַנען? עס איז דאָך שוין שפּעט נאָכמיטאָג.

דוססאַ

ניין, ניין געוויס וועל איך נישט גיין מער. דער טאָג איז דאָך דער גרעסטער אין אונזער לעבן, אַנדערע וואָלטן דאָך אַזאַ טאָג געפייערט, און מיר וועלן אים דאָ פאַרברענגען צוזאַמען, ווייסטו,

איך האָב אַלע באַקאַנטע אָנגעזאָגט היינט נישט צו קומען. קיינער וועט דאָ היינט נישט קומען.

אסתר

און דאָך האָסטו דווקא היינט נישט געדאַרפט די אַרבעט דורכלאָזן. האָסט געדאַרפט דאָקומענטירן פאַר זיך אַליין, אַז היינט ביזטו ענדליך אינגאַנצן פריי פאַר דיין אַרבעט. מיר אַליין ווייסן דאָך נישט, ווי נאָענט דער ציל איז. איך ציטער אינגאַנצן, ווען איך באַגעגן אַמאָל דיינע באַקאַנטע און זיי זאָגן מיר מער, ווי דו. עס איז דאָך אַזאַ ווילדער, וווּנדערבאַרער געדאַנק: פון אונזער שוואַרצער ערד ווידער מאַכן אַ ליכטיק קינד פון דער זון. דאָס איז דאָך גאָט, טרינקען זון און גיין אין אַלוועלט אריין. ווייסטו, מיר זענען קיינמאָל אַזעלכע געדאַנקען נישט געקומען אין זינען אריין, און איצט הויב איך אָן אַלץ צו פאַרשטיין, אַלץ. איך פאַרשטיי הענריעטטען, עס איז כמעט שווער דיך נישט ליב צו האָבן דערפאַר, ווען מען האָט נור איינמאָל גערעדט מיט דיר וועגן דעם.

הענריעטטע

(לאַכט הארציק) אָבער אסתר, אסתר, ווו האָט זיך אויף איינמאָל דער פּאַטאָס צו דיר גענומען. צו דיר?

אסתר

שוין הער איך שטיל רוישן די ריזן־אַקומולאַטאָרן אויף געוואַלטיקע שטרעקעס פון הייסן עקוואַטאָר. דער צענטרום פון ליכט איז פאַרזונקען טיף אין דער ערד. פון אַלע עקן וועלט קומען ציפערן אָן — און אין די נעכט ליגט די ערד און זויגט ליכט. דו, הענריעטטע, ביזט לעצטנס אַ ביסל ווייט דערפון, אָבער מיך באַהערשט עס אַלעמאָל מער און מער, יעדע שעה, וואָס ווערט פאַרלוירן טוט מיר קערפּערליך וויי —

הענריעטטע

אָבער אסתר, אסתר — (זי ווערט ערנסט) דאַן גיי, רוססאַ!

רוססאָ

(מיט פאָרוווּרף אין בליק צו אסתרן) איך וויל נישט גיין, איך

האָב היינט אָנגעזאָגט, אז קיינער זאָל צו אונז נישט קומען, איך וויל היינט בלייבן ביי — — אייך.

העגריעטטע

נו איז גוט, גוט — ווייסטו, און מיך לאָזט נישט אָפּ דער געדאַנק וועגן עלזע. און וואָס וועסטו טון, אז דו וועסט ריך מיט איר באַגעגענען אין גאַס?

רוסטאָ

איך וועל גאַרנישט, גאַרנישט טראַכטן און וועל ווייטער גיין. און אפשר וועל איך אפילו זי גריסן. אַלץ איז דאָך היינט שוין רעסט־לאָז פאַרביי. עס איז גוט, וואָס איך בין אַפילו נישט געצוווּנגען אַן עראינערונג צו האָבן. ווען מען צעשיידט זיך אַזוי.

העגריעטטע

(קושט אים) און איצט האָב איך צוגעגרייט א גאַנצן באַרג מיט זומער־פּרוכטן. וואַרט, וואַרט וועסטו זען, ווי שיין עס וועט ווערן — זומער — זומער — (מען הערט א קלאַפּ אין דער טיר).

אסתר

(מיט פאַרוווּנדערונג, כמעט שרעק, א לייכטער קלאַפּ מיט דער פויסט אין טיש) מיר האָבן פאַרגעסן די טיר צו פאַרמאַכן און מען גייט גלייך.

העגריעטטע

(מיט שרעק) ווער קאָן דאָס זיין, דאָ אהער דאַרף דאָך קיינער נישט קומען. דו האָסט זיך דאָך ערשט געזאָגט. ווער איז דאָס? (שטאַרקער) ווער איז דאָס? (עס דערהערט זיך א קלאַפּ ביי דער לינקער טיר).

עלזע

(ווען קיינער ענטפערט נישט אויף איר קלאַפּ אין טיר, קומט זי אריין) מעג איך אריין? (ווענדט זיך נור צו העגריעטטע) איך בין עס, העגריעטטע, דערקענסטו נישט מיין שטימע? עלזע! איך בין צו דיר געקומען, איך — איך — (כמעט מיט געוויין) מוז ד י ר עפּעס זאָגן.

רוסטאָ

(שטרענג און פינסטער) וואָס ווילט איר נאָך פון איר? וואָס נאָך?

עלזע

אונז האָט פאַרבונדן אַ בונד פון בלוט, מער ווי מיט אייך אַלע. מיר צוויי, פאַרבונדענע דורך פאַרגאָסן בלוט, האָבן אַ רעכט זיך עפּעס צו זאָגן, וואָס קיינער זאָל נישט הערן.

אסתר

(שטרענג) אָבער עלזע, איר מוזט דאָך פאַרשטיין.

עלזע

פאַרשטייט איר דען נישט, אַז האַס, וואָס האָט זיך פּלוצלונג פאַרוואַנדעלט אין ליבע איז דאָפּלטע ליבע? — איך פיל עס צו הענריעטטע.

הענריעטטע

אָבער עלזע, דו רעדסט דאָך צו מיר איצט דאָס ערשטע מאָל נאָך ד ע ם, איך בין דאָך בלינד, איינפאַך בלינד — איך קאָן מיך דאָך נישט ווערן. אָבער עלזע — וואָס ווילסטו נאָך, (צעבראָכן) וואָס ווילסטו נאָך פון מיר?

עלזע

(טריומפירנדיק) איצט פילסטו שוין שנאה צו מיר און מורא פאַר מיר. און ערשט מיט אַ שעה צוריק האָסטו אַזוי שיין און אַזוי מוטיק וועגן אונז אַלע גערעדט. אַלע זענען זיך גלייך, שטענדיק דאָסזעלבע.

הענריעטטע

נישט קיין שנאה, שנאה געוויס נישט, און מורא — מורא — קאָנסטו עס דען נעמען פאַר אומגוט, איך בין דאָך נישט מער ווי אַ מענטש, און אייגנטלעך אַ סך, אַ סך ווייניקער נאָך. איך בין דאָך אַזוי הילפלאָז.

רוססאַ

דו ביזט נישט הילפלאָז, הענריעטטע. (צו עלזע) עס איז שווער. וואָס איר האָט מיט אייער טאָט געשאַפן אַזאַ העסלעכע סיטואַציע. עס איז אייך באַשערט געוועזן צו אַלע העסלעכקייטן פון אונזער לעבן נאָך איינע צוצוגעבן היינט. איר וועט מיך צווינגען צו אַ טאָט, צו אַ טאָט, וואָס איך וויל נישט, (קלאַפּט אין טיש) איך וויל נישט מוזן טון.

עלזע

(מיט גרינע פייערן אין די אויגן) און איבריגנס, וואָס גייען מיך אָלע דאָ אָן, איך רעד בלויז צו הענריעטטע, בלויז צו איר בין איך אַרויפגעקומען. (איילט זיך) מיינע ערשטע שריט אויף דער פרייהייט זענען געווען צו דיר, איך בין לאַנג געשטאַנען אונטער דער טיר, געוואָלט דיך אַרויסרופן, אָבער איך בין נישט זיכער געווען, צו דו וועסט גיין, בין איך געקומען דאָ אין שטוב. עס האָט געמוזט אַזוי זיין. אַנדערש האָב איך נישט געקאָנט מאַכן אַ שריט אין נייעם לעבן אַריין. באַגרייפסטו דען נישט דאָס אַלץ? זענען דען מיר צוויי נישט געווען געשוווירענע פריינדינס נאָך איידער מיר האָבן אים ביידע געקענט? אַך, ווי דאָס לעבן פאַרשווינדט — ערשט זענען מיר דאָך געזעסן אויף דער שול־באַנק, ביידע אומשולדיקע קינדער, הענריעטטע! ווו איז דאָס לעבן אַוועק? (זי צעוויינט זיך שטיל, אין זיך, דאָס געוויין טרייסלט זי, זי גייט צו צו הענריעטטע, און קושט זי גלייך אין די אויגן).

הענריעטטע

(וויינט אויך) איך האָב נישט קיין מורא פאַר דיר, נישט קיין מורא. (זי זוכט מיט די אויגן רוססאַן, געפינט אים ענדליך מיט דעם בלינדן בליק און בלייבט אַ ווײַלע הענגען מיט דעם בליק אויף אים) אָבער איך בין דאָך הילפלאָז. איך האָב דאָך נישט קיין אויגן מער.

עלזע

(באַהאַלט דאָס פּנים אין ביידע הענט) רעד נישט וועגן דעם, רעד נישט וועגן דעם, רעד נישט וועגן דעם! וועגן דעם וויל איך רעדן מיט דיר.

הענריעטטע

אַך, רעדן, וואָס קאָן עס דען העלפן נאָך? רעדן — זיי נישט בייז פאַר אַט די ווערטער.

עלזע

(מיט באַגײַסטערונג) און אפשר, שוועסטער הענריעטטע, און אפשר. איך בין דיר נישט געקומען דאַנקען פאַר דיינע ווערטער.

וואָס האָבן דעצידירט. נישט אין דאנקען נייט עס, עס גייט אין עפעס אַנדערש. איך בין דאָך אַ מענטש. איך דאַרף אַ גרויסע פריינטליכקייט פון דיר, יאָ, פון דיר, און איצט. איך האָב דאָך געווּיסן. דו האָסט אַזויפיל געטון פאַר מיר, טו נאָך איינס. דו מוזט מיר העלפן מיין געוויסן צו פאַרלייכטערן.

ר ו ס ם אַ

(צו אסתר) וואָס געשעט דאָ? נאָך קיינמאָל בין איך נישט אַזוי הילפלאָז געוועזן.

א ס ת ר

עס איז אַ סיטואַציע גאָר אָן אַן אויסוועג; דערצו נאָך דער גע־וויין־סצענע.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(כאַפּט זיך אָן ביים קאָפּ) אָבער, גאָט, וואָס קאָנסטו דען וועלן?

ע ל ז ע

איך וויל, או דו זאָלסט מיר ערלויבן צו זיין דיין פריינדין. נישט שענקען וויל איך דיר גאָרנישט, איך וויל, אַז דו זאָלסט מיר געבן באַרויקונג פאַר מיין געוויסן, איך וויל זיין דיין בליק. דאָס וויל איך. מיט דעם איינעם געדאַנק האָב איך מיך באַרויקט הינטער די אייזנבאַשלאָגענע פענסטער אין די שווערע שלאָפלאָזע נעכט און אין די נאָך שווערערע, אומענדליכע זומערטעג. מיט דעם גע־דאַנק האָב איך ווי עס איז דורכגעלעבט ביז הייַנט. נעם עס מיר נישט צו.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(קוקט זיך לאַנג און הילפלאָז אַרום) אָבער פונקט ווי דו האָסט דעם געדאַנק געטראַכט, אַזוי האָבן מיר זיך אין לאַנגע טעג און נעכט געשוווירן, אַז אונזער שטוב וועט בלייבן אָפּגעשלאָסן פאַר דער וועלט. קיינער וועט דאָ מער נישט טאָרן אַריין, די טיר וועט זיין פאַרשלאָסן — ער און — מיין שוועסטער. און נור (מיט אַ שמייכל) אויב נאָך עמיץ וועט קומען דאָ אין שטוב, אָבער נישט דורך דער שוועל — —

ע ל ז ע

געהער איך דען נישט אויך אין קרייז פון דיין — לעבן.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

אָבער עלזע.

ע ל ז ע

דאָן איז נאָך בעסער, אויב איך וועל נישט טאָרן דאָ אַריין אין שטוב, דאַן וויל איך וואַרטן אויף דיר יעדן טאָג ביי דער שוועל. עס איז גרויזאַם, אַזוי ווי דעמאָלט, אָבער מיט ליבע, מיט דער גרעסטער ליבע — און מיט דיר וועל איך זיין אין גאַס. זאָלן אונז אַלע — זען,ביידע ענג צוזאַמען. דאָס וועט מיך באַרויקן און דו דאַרפסט דאָך מיך. איך וועל זיין דיין בליק — דיין אָפענער בליק .

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ, צו זיך) אין איין טאָג אַזויפיל איבערלע־בונגען .אין איין איינציקן טאָג.

ע ל ז ע

(זי נעמט אָן העגריעטטע אונטערן אָרעם) קום איצט א פּאָר שריט מיט מיר, הענריעטטע. (זי געזעגנט זיך מיט א האַנט־באַוועגונג מיט אסתרן, יענע ענטפערט איר נישט, און מיט א באַוועגונגסלאָזן בליק מיט רוססאָן) אַ פּאָר שריט בלויז, הענריעטטע. (זיי גייען ביידע אַרוים דורך דער טיר לינקס, די טיר ווערט פאַר־מאַכט, מען הערט זיי ווייטער רעדן אין קאָרידאָר).

א ס ת ר

(גייט גיך צו צו רוססאָ, אָפּגעהאַקטער שרעקעוודיקער געשפּרעך) זאָרג נישט, איך וועל עס אַלץ שוין גוט מאַכן.

ר ו ס ס אָ

ווידער איז זי דאָ אין מיין לעבן. נישטאָ קיין אַנטרינען פאַר איר.

א ס ת ר

איך וועל אָנווענדן אַלץ, עס מוז ווידער ווערן גוט.

ר ו ס ס אָ

ווייסט אסתר, איך האָב קיינמאָל נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ קאָן ווערן אַזוי שרעקליך.

אסתר

איך פֿאַרשטײ דיך גוט, בלויז האָט זײַנע געזעצן.

רוססאַ

רחמנות בלויז, און צו רחמנות מישט זיך דער עקל. עס איז פֿון אײביק אָן אַזוי.

אסתר

יונג בין איך, אָבער איך האָב באַלד געוווּסט, אַז עס מוז אַזוי קומען.

רוססאַ

(הילפֿלאָז) און עס איז שוין אַבסאָלוט נישט מעגליך געוועזן אויפֿצוהאַלטן?

אסתר

וואָס? (פֿאַרשטײַט און באַגרײַפֿט מיט אַמאָל) ווי קאָנסטו רעדן אַזוי גרויזאַם?

רוססאַ

דער כאַאָס וואַקסט, און דאָס, וואָס וועט איצט קומען, וועט נאָך גרויזאַמער זײַן.

אסתר

(גלעט זײַנע הענט און האַרכט זיך מיט פּחד אײַן) זי איז דאָך (גאַנץ שטיל) בלינד. זי איז אײן — מײַנע, אין אונזערע הענט. און איך זע אַלץ אַזוי שטאַרק, אַזוי שאַרף.

רוססאַ

פֿונאַנדעררײַסן האָב איך געוואָלט, און דערווײַל שליסט זיך ענ־גער עפּעס אָן אײַזערנער קרײַז.

אסתר

(מיט פֿאַרליבטער חניפֿה) אָבער איך בין דאָך אויך אינמיטן דעם קרײַז. (עס הערט זיך גערויש פֿון לינקס, עס ווערט פֿאַרהאַקט די דרויסענדיקע טיר) דו, איך מוז דיך נאָך הײַנט זען, נאָך הײַנט.

רוססאַ

(שווידערט אויף) אך!

אסתר

ווו? זאָג עס שוין.

ראָסאַ

(מיט די הענט אויף די אויגן) ווי שטענדיק.

אסתר

ווען?

ראָסאַ

אַכט אין אָוונט. אין פּאַרק, ביים טויער.

אסתר

אָבער זיכער און פּינקטלעך.

ראָסאַ

(איבעראַשט) הענריעטטע!

הענריעטטע

(קומט אַריין, גייט ערנסט און פּאַרזיכטיק אין איר ווינקל ביים קלאַוויר, זעצט זיך און קוקט זיך אַרום, וואַרט עס זאָל עמיץ זאָגן עפּעס צו איר).

אסתר

און איך זאָג דיר, הענריעטטע, אַז דו האָסט געדאַרפט זיין קאַלט צו איר, אָפּשניידן די נייע פריינטשאַפט מיט עטליכע ווערטער. נור דו האָסט עס געקאָנט. דאָס איז אַ פריינטשאַפט פון אַ בי־ליקן ראָמאַן.

הענריעטטע

אָבער עס פאַלט אַזוי פּלוצלונג, שווער זיך צו אָריענטירן גלייך, אסתר.

אסתר

צו וואָס דאַרפסטו עס? איצט האָסטו אים און האָסט מיך.

הענריעטטע

ווי פראָסט און קלאָר דיינע ווערטער זענען.

אסתר

אַ שוועסטער איז ווי אייגן בלוט, דעם מעג מען גלויבן, נור דעם. אין אַזעלכע סיטואַציעס.

ראָסאַ

(שווער קומט אים אָן יעדעס וואָרט) מעג איך דאָ אויך זאָגן אַ

וואָרט? אסתר איז נערעכט. אין אזעלכע סיטואַציעס — און מיר אַלע דאַרפֿן דאָך דו אצינד. רו דאַרפֿן מיר אַלע.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

אָבער זי איז דאָך אַזוי צעבראָכן געווען. זי האָט מיך מיט אַזוי־פֿיל אויפֿריכטיקער ליבע געקושט אין די — אויגן.

א ס ת ר

ווי ווילד, ווי אוממענטשליך זי איז.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

זי האָט געזאָגט, אַז אַ פֿרוי, וואָס האָט אַ מאַן, מוז האָבן אויגן. דאָס זענען אירע לעצטע ווערטער געווען. מיט דעם איז זי אַוועק.

ר י ס ס אַ

פֿילסטו דען נישט די ציניִשע געמיינהייט אין אירע רייד? ווען דאַרף זי קען ווידער קומען?

א ס ת ר

מיר מוזן זיין ביי דיר, ווען זי וועט דאַרפֿן קומען. מען קאָן דיך דאָך נישט איבערענטפֿערן אין אירע הענט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך האָב זי נישט געפֿרעגט און זי — האָט פֿאַרגעסן צו זאָגן, ווען זי וועט נאָך קומען. אפֿשר וויל זי מער נישט קומען.

ר ו ס ס אַ

אפֿשר איז דאָס בלויז אַ זשעסט געווען? אָבער ניין, ניין — איך קען זי צו גוט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(צו זיך) וואָס האָט זי אייגנטלעך געמיינט מיט אַלע אירע רייד?

ר ו ס ס אַ

אַזוי איז זי, זי גייט מיר נאָך. ווידער. עס איז קיין אַנטרינען נישטאָ פֿאַר איר. איין מאָס פֿון בלוט איז איר ווינציק.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

רעד נישט אַזוי, ווער עס האָט דאָס אַלץ נישט איבערגעלעבט, האָט נישט קיין רעכט —

אסתר

צו וואָס אַזעלכע שאַרפע ווערטער?

רוססאַ

זי גראָבט אָבער ווייטער אונטער אונז. זי וויל אונז אַלע אין אַפּ גרונט שטויסן און איך האָב געמיינט, אַז זי וועט איצט גיין אין אַ גייעם לעבן אַריין — און וועט אויך אונז לאָזן.

אסתר

זי האָט דיין קערפּער — געהרגעט, איצט שטרעקט זי אויס דאָס ברענענדיקע גיפט צו דיין נשמה.

רוססאַ

און זי דאַרף דאָך וויסן, אַז פאַר איר איז געווים שוין קיין צוריק נישטאָ. עס איז בלויזע שלעכטיקייט.

אסתר

אַ פרוי!

העגריעטטע

דו זאָגסט עס?

אסתר

ווייל איך בין נאָך יונג, די יינגסטע צווישן אייך אַלע דאָ. נאָך מעג איך עס זאָגן.

העגריעטטע

(זי גייט צו צו רוססאַ, ער גייט איר אַנטקעגן, זי גייט צו נאָענט צו אים, נעמט אים אָבער נישט אַרום) איך ווייס נישט, וואָס אין מיר קומט פאָר. ערשט נישט לאַנג בין איך גרייט געוועזן שטענדיק און אַלעמען צו גלויבן, און איצט קומט עפּעס אַזאַ שרעקן, עפּעס אַזאַ ווילדער אומגלויבן אין מיר — וואָס איז דאָס?

אסתר

(ענערגיש) אין אַזאַ סיטואַציע איז נאָר איין אויסוועג דאָ — דעם אייגענעם בלוט צו גלויבן. איין מוטער האָט אונז דאָך ביידן געהאַט. מיר, מיר (זי ציטערט פון אינערליכער אויפרעגונג) קאָנסטו גלויבן — בלינד.

רוססאַ

(צו זיך) גלויבן בלינד.

הענריעטטע

זוי וואונדערליך פראסט און קלאר דיינע ווערטער זענען, און ווי זיי איבערצייגן. פאלן אזוי מילד אויף דער נשמה און בארויקן, בארויקן. דו האסט עס אזוי פראסט געזאגט, איין מוטער האט אונז ביידן געהאט — און די מוטער איז שוין טויט. דיך געבוירן און געשטארבן. און ביז איצט בין איך דיר א מוטער געוועזן און איצט ביזטו מיר א מוטער — אסתר. (שטילע טרערן רינען איבער איר פנים).

אסתר

אבער הער דאך אויף, דו האסט דאך קיינמאל פריער נישט גע-וויינט. דארפסטו איצט? איצט?

הענריעטטע

(דורך טרערן, אבער שוין בארויקט) און איצט ביזטו מיר א מו-טער.

אסתר

איצט אבער מוז איך שוין גיין, אבער איך וועל נאך זיין צוריק היינט. גיב א קוש, וואס פעלט אונז אייגנטלעך איצט? דער קאשמאר פון פראצעס איז אריבער, דאס איז דאך געוועזן דאס שווערסטע, (זארגלאז) איר וועט זען, איך, איך וועל עס נעמען אין מיינע ענערגישע הענט, איך וועל אלץ ארויספירן אויף א וועג. די היים אוועקשטעלן אויף געזונטע פונדאמענטן.

הענריעטטע

און — און עלזע?

רוכסא

ווידער א רים אין די וואנט פון דער היים.

אסתר

עלזע דארף קיינמאל מער אהער נישט קומען. דאס איז דאך אזוי איינפאך. דאס איז דאך אזוי קלאר. עלזע דארף מער אהער נישט קומען.

רוכסא

דא דארף בכלל קיינער מער נישט קומען. מיר דארפן איצט דאך קיינעם נישט מער.

הענריעטטע

איך האָב אָבער אַזוי מורא פֿאַר איר.

אסתּר

דאָס איז אַ סך פּשוטער ווי דו שטעלסט עס דיר פֿאָר. עס איז נישט קיין חידוש אין אַזאַ טאָג. די טיר דאַרף אײַנפֿאַך זײַן גע־שלאָסן. מער גאָרנישט, דאָס איז דאָך אַזוי פּשוט.

הענריעטטע

אסתּר, לערן עס מיך, לערן מיך אַזוי פּראָסט און אַזוי קלאָר אַלץ אויפֿצונעמען. אַזוי איז דאָך צום בעסטן. איך מוז מיך שטאַרקן, ווערן ווי דו.

אסתּר

איך וועל גיין און לאָזן אײַך אַליין. (טוט זיך אָן, קוקט אין שפּיגל. קוקט לאַנג און דורכדרינגענדיק אויף רוססאַ) און אין אָוונט וועל איך ווידער קומען. (זי קוקט ווידער, און נאָך דורכדרינגענדער, מיט אַ פֿילזאָגנדיקן שמייכל, הענריעטטע קוקט זיך אום אויף זיי, זיי פֿאַרלירן זיך און ווענדן האַסטיק אָפּ די בליקן פֿון זיך) אָבער אַז איך וועל ווידער קומען, וויל איך אײַך טרעפֿן אין אַ גוטער שטימונג. איך האָב פֿײַנט אָט די אָנגעצווונגנקייט. אַלץ איז פֿאַר־ביי און האָט זיך גוט געענדיקט. אַזוי איז עס. (קושט הענריעטטע) אַרום ניין וועל איך ווידער דאָ זײַן. אַרום ניין אין אָוונט.

הענריעטטע

און רוססאַ?

רוססאַ

(פֿאַרלוירן) זאָל איך נאָך הײַנט אין אָוונט זײַן ביי דער אַרבעט?

הענריעטטע

(באַרויקט) דו זאָלסט, דו זאָלסט. אָבער איצט וועסטו נאָך בלײַבן מיט מיר.

אסתּר

זײַט מיר געזונט און פֿריילעך ביז צום אָוונט, ביז איך וועל ווידער קומען (אָפּ).

הענריעטטע

זוויסטו, איך האָב קיינמאָל נישט געהאַט איר ענערגיע. עס איז

אבער בעסער אזוי. זאָרגלאָז צו זיין איז אזוי גוט. ווען איך וואָלט עס געקאָנט. מיך אָבער דריקן אַלעמאָל גרעסערע זאָרגן. איך וויים, אז עס איז אן אומזין און איך קאָן עפּעס נישט אַנ־דערש. אָבער זי — ווען אַלע זענען שוין פאַרצווייפלט בלייבט זי פעסט. און מיט וועלכער רויקייט זי האָט אויפגענומען דאָס אַלץ אין יענעם טאָג. מיר האָבן געזעדט און געוויינט — זי אָבער האָט געראַטעוועט, דער איינציקער מענטש צווישן אונז. איך גלויב עפּעס אזוי אין איר, און אין — דיר.

ר ו ס ס אָ

אייביק, אייביק.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

דו!

ר ו ס ס אָ

וואָס איז הענריעטטע?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך וויל דיר עפּעס זאָגן, קום נענטער צו מיר.

ר ו ס ס אָ

(גייט צו נענטער, זעצט זיך אויף א שטול נעבן איר ביים קלאַוויר)

וואָס איז עס, קינד?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

זאָל איך מיך נישט שעמען?

ר ו ס ס אָ

זאָג עס קינד מיינס, זאָג עס. (זיין פּנים ווערט פינסטער און טרויעריק).

ה ע נ ר י ע ט ט ע

מיינסטו, אז די בלינדקייט איז נישט קיין שטערונג?

ר ו ס ס אָ

צו וואָס?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(שטיפעריש) גיי, דו ווייסט עס דאָך.

ר ו ס ס אָ

איך וויים נישט, וואָס דו מיינסט.

הענריעטטע

אזא קליין, קליין יינגעלע פונקט אזוי ווי דו. מיינסטו — עס שרעקט מיך אזוי — מיינע בלינדע אויגן.

רוסאַ

אָבער גיי, קינד מיינס, דו ביזט דאָך נישט פון געבוירן בלינד, און דערצו איך.

הענריעטטע

איך האָב אזוי געהאַפּט אויף דעם, און איצט ווייס איך עס זיכער, זיכער.

רוסאַ

ווייסטו עס זיכער? אינגאנצן זיכער?

הענריעטטע

אינגאנצן זיכער. און איך פיל, ווי עס וואקסט אזא געזונטע וועלט אין מיר, א נייע, געזונטע וועלט.

רוסאַ

(געצוווּנגען) א נייע, געזונטע וועלט, גוט אזוי, גוט.

הענריעטטע

איך בין אזוי גליקלעך, אזוי גליקלעך.

רוסאַ

און דאַן וועסטו דאָך געוויס שיין קיינעם נישט דאַרפן, קיינעם נישט מער.

הענריעטטע

נור דו און אסתר — און —

רוסאַ

(שטייט אויף) איצט וועל איך נאָך בלייבן דאָ, און דאַן וועל איך גיין. און אסתר וועט קומען צו דיר נאָך היינט.

הענריעטטע

און מער קיינער נישט, גאַנץ באַשטימט מער קיינער נישט.

רוסאַ

(רוקט צו די שטול צום טיש, עפנט דאָס בוך, וואָס אסתר האָט געבראַכט, בלעטערט נערוועז).

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(טראכט א ווײַלע, קוקט מיט אָפענע אױגן אױף רוססאָן. דאַן נעמט זי אױף דעם קלאַװיר אײנצעלנע, שטילע אַקאָרדן, װאָס קלינגען לאַנגזאַם אױס אין אַ װיגליד).

פערטער אַקט

ערשטע סצענע

(פינסטערער ווינקל אין אַ פּאַרק נישט ווייט פון אַ טויער. אויפן הימל אַפּשיין פון דער שטאָט, אונטן ווו נישט ווו אַפּשיין פון פאַראייַנצלטע לאַמטערנס. אסתר קאַראַ גייט אומגעדולדיק אויף און אָפּ, יוסף רוססאַ קומט לאַנגזאַם פון לינקס, גייט נידערגע־שלאָגן מיט אַ געבויגענעם קאָפּ).

אסתר

ענדלעך ביזטו דאָ, איך האָב מיר שוין די אויגן בלינדגעקוקט, די אויערן טויבגעהערט. דו האָסט פאַרשפּעטיקט, שוין לאַנג האָט דער זייגער אַכט אויסגעקלונגען.

רוססאַ

זיי נישט בייז, מיר איז שווער געוועזן פון איר אַוועקצוגיין.

אסתר

מיך צו לאָזן וואַרטן איז לייכטער, געוויס. איך בין נישט בייז אויף דיר.

רוססאַ

צערודערונג וואַקסט אין מיר פון מינוט צו מינוט. דאָס גע־וויסן — איין שטיק שווערצער פלעק. איך וועל מער נישט לאַנג קענען קומען צו דיר.

אסתר

אָבער אז איך וועל איצט אוועק פון האנעט, וועסטו מיך מאָרגן רופן אַליין. איך ווייס עס גוט, לאָמיר נישט רעדן דערפון.

רוסטאָ

ווער וואָלט דאָס געגלויבט, ווער וואָלט געגלויבט, אז עס וועט זיין אזוי שרעקלעך?

אסתר

ביזט א קינד, זינד איז דאָס, וואָס טוט וועמען וויי. אונזער ליבע —

רוסטאָ

דו האָסט נאָך נישט קיין רעכט צו זאָגן: אונזער —

אסתר

(געצווונגען) מיין ליבע צו דיר טוט קיינעם נישט וויי.

אסתר

חוץ די וונדן, וואָס זי ברענט אויס אין מיין געוויסן.

אסתר

דיינע ווערטער דערנידריקן. ווען דו וואָלסט נישט אזוי אָפּגע־שטויסן פון דיר, וואָלט איך אפשר גיכער צו מיר געקומען, אזוי אָבער קען איך נישט, איך קען נישט אַנדערש.

רוסטאָ

איך ווייס, אז מיין געוויסן שפּילט דאָ אַן אומזיניק שפּיל, אָבער עס קומט איבער מיר אליין, ווי עפּעס א שווארצע כוואַליע.

אסתר

איך בין נאָך יונג און דו ביזט דער ערשטער מאַן. די ערשטע ליבע איז אַזאַ. דיין ערשטע ליבע איז אויך ווילד און אפשר אויך גרויזאַם געוועזן .

רוסטאָ

איך בין פאַרשלאָסן אין מיר, איך וויל זיין אליין, אליין, אליין. און אייביק איז בראַנד ארום מיר, ליבע פון פרויען. און אין מיר איז איינזאַמקייט, טרייבט צו אַנטלויפן פון זיך. קום מאַך איך דעם ערשטן שריט פון זיך ארויס ,כאַפּט פייער ארום.

אסתר

ווי הערליך דיינע ווערטער ברענען.

רוססא

און אפילו אין טויט אריין איז קיין אנטרינען נישטא, איך קאן דאך אייך אלע צוויי — אלע דריי — נישט מיטנעמען מיט מיר.

אסתר

אבער צו וואס די אלע ווילדע רייד? דא שטייט פאר דיר א שלאנקער קרוג מיט יונגער ליבע, טרינק אים.

רוססא

און שפעטער?

אסתר

שפעטער וועט גוט זיין, שפעטער וועט דו זיין. אלע וועט גיך אריבער, ערשטע ליבע איז אזא.

רוססא

אבער שפעטער וועל איך נישט קאנען מער — דו ביזט דאך נישט מיין ערשטע.

אסתר

וויפיל דו רעדסט, וויפיל דו רעכנסט.

רוססא

ערשט האבן דאך מיינע ווערטער געברענט.

אסתר

אבער דו רעכנסט אזוי פיל. דו, וועמען מיט דען אונזער ליבע ווי? שווארץ געווען איז ווי שווארצע נאכט — גארנישט — עס איז נישטא. עס איז נישטא. (זי נעמט אים ארום, קושט אים, ער ענטפערט נישט). דו מיין, מיין, מיין אויף אייביק.

רוססא

ווייסטו, אז הענריעטטע שוואנגערט? פון היינט אן איז קיין שום צווייפל מער נישטא.

אסתר

איז גוט, איז גוט, איך וועל עס אזוי שרעקלעך שטארק ליב האבן, דיין קינד, דיינס — (זי קושט אים ווידער).

רוסקאַ

אָבער אַט וועט דאָס קינד אויפמאַכן די אויגן — הענריעטטעס אויגן וועלן ווידער זיין אָפן.

אסתר

אויגן פון א קינד, וואָס פאר אן אומזין רעדסטו. ביז די אויגן וועלן זעענדיק ווערן, וועט דאָס אלץ שוין זיין פארביי.

רוסקאַ

רעד נישט אזוי. רעד נישט. און ווען זיי וועלן זיך עפענען, וועלן זיי זיך שוין קיינמאָל מער נישט פארמאַכן צוריק — הענריעטטעס בלינדע אויגן.

אסתר

א פרוי זעט דאך אלץ גאַנץ אנדערש ,גאַנץ אנדערש.

רוסקאַ

ווער וואָלט עס געגלויבט, אז דאָס איינמאָל פארגאָסענע בלוט וועט זיך צעגיסן ארום מיר אין אזא שרעקליכן שטראָם.

אסתר

ווייל דו רעדסט אזויפיל וועגן דעם.

רוסקאַ

אין יענעם טאָג האָב איך געפילט אזא דאנקבארקייט. ענדליך האָט זיך דאָס געוויסן בארויקט אין פארגאָסענעם בלוט. און אויף איינמאָל איז הענריעטטע געווארן מיין, אומענדליך מיין.

אסתר

רעד נישט אזוי פיל וועגן איר.

רוסקאַ

אָבער זי האָט זיך באַלד גענומען קלאַמערן אָן מיר מיט אזא וויל־דער שרעק און אירע שרעקלעכע אויגן־ווייסלען —

אסתר

(האַלט אים צו דאָס מויל) רעד נישט דערפון, נור דערפון רעד נישט.

רוסקאַ

לייכטן אין דער נאכט, ווען זי וואכט איבער מיר, ווען איך זאָל נישט אויפמאַכן די אויגן, ליגט זי און וואכט איבער מיר.

אסתר

(גייט עטלעכע שריט אוועק פון אים, א רגע טיפער שוויינן, באלד קערט זי זיך אום, קוקט אים טיף אין די אויגן) אָבער מיינע אויגן ברענען 'גרין.

רוסאָ

דיינע אויגן ברענען אַזוי שרעקליך.

אסתר

(הערט זיך פּלוצלונג איין אין אַלע זייטן) דו, מיר דאכט זיך, אַז עמיץ איז דאָ אין דער נאָענט. קום ווייטער אוועק.

רוסאָ

ווו האָסטו וועמען געהערט? איך הער גאָרנישט. (האָרכט זיך איין) און דאָך — איך הער אויך.

אסתר

אָבער וואָס גייט עס אונז דען אָן? זי איז עס דאָך געוויס נישט.

רוסאָ

אָבער זי קאָן דאָך געוואר ווערן.

אסתר

פון וועמען? אומזין.

רוסאָ

דו, אינטואיציע נארט מיך זעלטן. איך האָב מורא פאַר אַ קאַ-טאַסטראָפע.

אסתר

דו ביזט דאָך גאָר קיין מאַן נישט.

רוסאָ

דו, זי איז דאָך אייביק ווי ביי אַ ברעג פון אַן אָפּגרונט. איין טריט, און זי וועט פאַלן אַראָפּ. עס איז אַזוי שרעקלעך. זי האַלט זיך איינ-גאַנצן אויף מיר. איין איינציקער פאַלשער שריט מיינער. דו, איצט הער איך עס דייטלעך. עמעץ איז דאָ נעבן אונז.

אסתר

אַ שאָד, וואָס איך האָב עס דיר געזאָגט, דו וואָלסט עס נישט גע-וווּסט.

ר ו ס ס ק

דו, אשפר איז נאָך נישט צו שפּעט, מיר מוזן זיך באַלד פאַנאַנדערגיין.

א ס ת ר

ווו ווילסטו דען גיין?

ר ו ס ס ק

צו מיין ארבעט, אפשר וועט עס געבן א רגע רו. א גאַנצן טאָג האָט מען געוואַרט אויף מיר. איצט וועל איך אַליין זיין אין אינסטיטוט. ווי שרעקלעך איז היינט דער טאָג פאַרביי.

א ס ת ר

זיי רויק, זיי רויק, אַלץ איז גוט.

ר ו ס ס ק

דו, עס שרעקט מיך אזוי. דו עמעץ איז אוועק פון דאַנעט. האָסטו נישט דאָרט קיין שריט געהערט? דו, איך בעט דיך, זיי באַלד ביי איר. אזוי וועט מיר בעסער זיין, ווען דו וועסט זיין ביי איר.

א ס ת ר

ווען דו ביזט גוט צו מיר, האָב איך זי אזוי שרעקלעך ליב — הענריעטעטען. זיי גוט צו מיר און איך וועל זי אזוי שרעקלעך, שרעקלעך ליב האָבן.

ר ו ס ס ק

(נעמט זי אָן בייביידע הענט, אָן אינערע קראַפט בויגט אים צו צו איר, ער קושט זי שטיל אין שטערן) זאָג, ווער ביזטו? ווער ביזטו אסתר? ווער זענט איר אַלע?

א ס ת ר

איך בין דיין, דיין — מיר זענען אַלע דיין, דיין.

ר ו ס ס ק

(לאָזט פּלוצלונג אָפּ אירע הענט, מיט גיכע שריט אָפּ).

א ס ת ר

(פליסטערט אים נאָך) איך וועל וואַרטן אויף דיר, וואַרטן אויף דיר.

פערטער אַקט

צווייטע סצענע

(די זעלבע דעקאָראַציע, ווי אין ערשטן, צווייטן און דריטן אַקט. נאַכט אין אָפענעם פענסטער. פינסטער אין שטוב).

הענריעטטע

(הויבט זיך אויף פון קלאַוויר, נעמט אַ גרוים בוך פון טיש, בלע־טערט אין אים און ענדלעך הויבט זי אָן לעזן טאָפּנדיק מיט די פינגער) איבער אַלע בערגער איז רו, איבער די שפּיצן, איבער וואַלד, איבער בוים, הערסטו קוים — אַ שאָרך, אַ הויך. עס שווייגן די פייגל אַרום אין וואַלד, וואַרט מידער, וואַרט און באַלד — וועסטו רוען אויך. (עס קלאַפּט אין טיר, פאַר שרעק לאָזט זי פאַלן דאָס בוך אויף דער בריק) ווער איז, ווער קען דאָס זיין? (עס קלאַפּט שטאַרקער, זי הויבט זיך אויף, גייט צו און מאַכט ליכט, גייט אַריין אין קאָרידאָר, מען הערט אירע ווערטער: ווער איז דאָרט? אַך, דו עלזע — איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן. אָבער איך קען נישט, איך בין גאַנץ אַליין. איך בין גאַנץ אַליין, עלזע. אויף איין רגע בלויז? עלזע, אָבער נור אויף איין רגע. — באַלד קומט זי אַריין צוזאַמען מיט עלזע).

עלזע

עס איז בעסער, דו זאָלסט עס וויסן שוין, שוין היינט. ביזטו גאַנץ אַליין?

הענריעטטע

וואָס ווילסטו? זאָג! באַלד דאַרף מען קומען.

עליזע

מעג איך דיר דאָס זאָגן?

הענריעטטע

אַלץ, אַלץ, אָבער זאָג עס גיכער!

עליזע

עס איז בעסער, אַז דו זאָלסט עס וויסן היינט, איידער ווי איך ערשט נאָך יאָרן. עס איז בעסער אַזוי — נאָך איינמאָל אין לעבן קען איך גוטס טון פאַר דיר. מיט די לעצטע כוחות בין איך אַהער־געלאָפן — כדי פריער דאָ צו זיין.

הענריעטטע

אָבער וואָס, אָבער וואָס?

עליזע

איינע אַליין בין איך אַרומגעגאַנגען אין גאַס. איך וועל דיר דעם אמת זאָגן, עפּעס אַ טיפע בענקשאַפט צו אַלץ, וואָס איז פאַרביי — פאַרביי הענריעטטע, קענסט רויק זיין — האָט מיך געטריבן צו גיין אין דער נאָענט פון אינסטיטוט —

הענריעטטע

אָבער פאַרוואָס ציסטו אַזוי לאַנג די ווערטער?

עליזע

נישט ווייט פון גאָרטן זע איך אים גיין. זיי נישט בייז, אָבער אַ טיפע בענקשאַפט האָט מיך אָנגעכאַפּט — איך בין אים נאָכגע־גאַנגען.

הענריעטטע

פון וועמען ביזטו שטיל נאָכגעגאַנגען — דיין מאַן? מיין על־זע — מיין עליזע. (זי גלעט זי איבערן פּנים, איבערן קאָפּ).

עליזע

הענריעטטע, הענריעטטע! — אין אַ שטילן ווינקל פון גאָרטן האָט זי —

הענריעטטע

ווער?

עלזע

האָט זי אויף אים געוואַרט.

הענריעטטע

ווער? אָבער ווער?

עלזע

(פאַלט איר אויפן האַלז) אסתּר, אסתּר!

הענריעטטע

(בייסט זיך די הענט אומגעדולדיק, און אין אַ רגע ווערט זי ווי־דער רויק) וואָס איז דען דערביי?

עלזע

הענריעטטע, איך האָב נישט געוואָלט, איך שווער דיר, איך האָב נישט געוואָלט, אָבער איך האָב יעדעס וואָרט געהערט, וואָס זיי האָבן צווישן זיך גערעדט.

הענריעטטע

און מיר ווילסטו דאָס אַלץ זאָגן?

עלזע

איך קען נישט אַנדערש, עס איז צו שרעקלעך.

הענריעטטע

עלזע! עלזע! גיי אַוועק פון דאַנען, גיי אַוועק פון אונזער שטוב! עלזע, גיי אַוועק פון אונזער שטוב. (זי מאַכט פאַרצווייפלטע באַ־וועגונגען, ווי זי וואָלט עמעצן געטריבן פון זיך, פאַלט צו צו דער זאַפע לינקס, עלזע רוקט זיך אַרוים דערשראָקן).

עלזע

(צעלאַכט זיך) איך קען גיין, איך קען, גוט וואָס עס האָט זיך אַזוי געטראָפן. גוט, וואָס דו האָסט עס אַזוי אויפגענומען. אָבער הינ־טער מיר וועט ווערן אינגאַנצן פינסטער, הערסטו הענריעטטע — ערשט איצט וועט ווערן אינגאַנצן פינסטער. אַ גוטע נאַכט! גוטע נ אַ כ ט! (שנעל אָפּ).

הענריעטטע

(וויינט אויף הויך, און באַלד שטילער און שטילער —)

אסתר

(קומט גיך אריין) וואָס איז דאָ העגריעטטע? פאַרוואָס איז די טיר אָפן געוועזן?

העגריעטטע

איז די טיר אָפן געוועזן?

אסתר

געוויס, פאַרוואָס ווייסטו?

העגריעטטע

דאָ האָט עמעץ געקאַלפּט. (זי ציטערט) עפּעס אַ פרעמדער, האָב איך די טיר צופעליק אָפן געלאָזט.

אסתר

מען האָט דיר דאָך געזאָגט, אַז דו זאָלסט די טיר נישט עפענען.

העגריעטטע

אָבער ער האָט אַזוי לאַנג געקלאַפּט.

אסתר

ווער איז דאָס געוועזן?

העגריעטטע

איך ווייס נישט, איך האָב אים דאָך נישט — געזען.

אסתר

ווער האָט עס געקאָנט זיין?

העגריעטטע

עפּעס אַ פרעמדער, איז באַלד ווידער אַוועק.

אסתר

אָבער פאַרוואָס ווייסטו?

העגריעטטע

איך בין אַזוי איינזאַם. איך בין אַזוי אַליין, איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן.

אסתר

עס האָט מיך אָבער אַ ריכטיק געפיל אַזוי גיך אהערגעטריבן. ווען איז רוססאָ אַוועק?

העגריעטטע

דו ווייסט דאָך —

א ס ת ר

וואָס?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ערשט נישט לאַנג איז ער אַוועק, ער וועט קומען שפּעט אַהיים.

א ס ת ר

אָבער איצט בלייב איך שוין דאָ ביז רוססאָ וועט קומען. מען קען דיך דאָך נישט לאָזן אַליין.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ווי גוט, וואָס דו ביזט אַהערגעקומען איצט. עס האָט מיך אַביסל באַרויקט.

א ס ת ר

וואָס איז דיר דען געווען?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן.

א ס ת ר

פאַרוואָס ליגט דאָס בוך אויף דער ערד?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ליגט עס אויף דער ערד? איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן, ווען עס האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר.

א ס ת ר

(גייט צו, הויבט אויף דאָס בוך) ווילסטו נאָך לעזן הייַנט?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ניין, ניין הייַנט קען איך נישט מער. איך בין אַזוי מיד.

א ס ת ר

דו דאַרפסט אויך רוען הייַנט, דאַרפסט שוין שלאָפן גיין, הענ־ריעטטע. דו האָסט הייַנט אַזאַ שווערן טאָג.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

שרעקלעך, שרעקלעך — אַלץ אין איין טאָג.

א ס ת ר

וואָס?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

אסתר, עס איז דאָך אַזאַ שרעקלעכער טאָג היינט. אַזויפיל אויף איינמאָל.

א ס ת ר

דו וועסט דיך אויסרוען, דו וועסט אויפשטיין מאָרגן פרי, אַלץ וועט ווידער גוט זיין. דו גייסט דאָך ערשט דעם לעבן אַנטקעגן.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(שמייכל פלוצלונג אויף איר פנים) אסתר, קום נור צו מיר, אסתר.

א ס ת ר

(זי זעצט זיך נעבן איר, נעמט זי אַרום) וואָס איז, וואָס?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

דו ווייסט דאָך, וואָס איך וויל דיר זאָגן.

א ס ת ר

פון וואַנעט זאָל איך וויסן? זאָג, זאָג, וואָס דו ווילסט.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איך, איך בין נישט מער איינע אליין אויף דער וועלט.

א ס ת ר

איך פאַרשטיי דיך נישט. וואָס איז הענריעטטע?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

אין מיר, אונטער מיין האַרץ — דו ווייסט דאָך. איך שעם מיך ווייטער צו רעדן.

א ס ת ר

(שפרינגט אויף מיט פרייד) אַט אַזוי, אַט אַזוי איז גוט, אַט אַזוי געפעלסטו מיר! איצט וועסטו אינגאַנצן, אינגאַנצן גענעזן. (קושט זי ווילד, כאַפּט אַרום איר קאָפּ, נעמט זי אַרום, הויבט זי אויף פון דער זאַפע, וואָלט גערן געטאַנצט מיט איר, אָבער זי זעצט זי דאָך צוריק אַוועק) ווי גליקלעך איך בין, ווי גליקלעך איך בין מיט דיין גליק!

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ער אָבער האָט עס אויפגענומען אַזוי קאַלט.

אסתר

אזוי? גיי מאַך דיר נישט פון אים. און איבריגנס, די פרייד פון דעם געהערט צו פרויען, וואָס קענען דעם מענער פאַרשטיין?

העגריעטטע

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט זיך עפּעס דערשראָקן דערפאַר.

אסתר

וואָס גייט דאָס אים אָן? איך בין דאָ! הערסטו? איך.

העגריעטטע

איך בין אַזוי שלעפעריק, קומט עס דערפון?

אסתר

געוויס, איצט דאַרפסטו נאָך שלעפעריק זיין. אָבער אביסל שפּע־טער וועלן מיר מיט דיר ארומלויפן איבער די גאַסן און גערט־נער, דו וועסט דאַרפן פיל גיין.

העגריעטטע

פּונקט ווי אונזער מוטער, ווען דו האָסט געדאַרפט קומען אויף דער וועלט. ווי געדענק איך דאָס נאָך גוט.

אסתר

זאָג מיר, זאָג מיר עפּעס מער וועגן דעם ווי אַזוי האָט אויסגע־זען די וועלט, אַז איך בין נאָך נישט דאָ געוועזן.

העגריעטטע

איך געדענק עס אַזוי גוט. די מוטער האָט דאַך געפּלעגט מאַכן אַזעלכע ווייטע שפּאַצירן הינטער דער שטאָט, און מיך פּלעגט זי מיטנעמען.

אסתר

און איצט וועל איך גיין מיט דיר. אַלץ קערט זיך אום צוריק. ווי וואונדערלעך.

העגריעטטע

האָב איך געפרעגט די מוטער, וואָס לויפט זי אַזוי אַרום. האָט זי געזאָגט, אַז דאָרט ערגעץ, הינטער דער שטאָט אויף אַ הויכן דאַך שטייט אַ בושיק, האָט ער אַ ברודערל, אָדער אַ שוועסטערל פאַר מיר אין שנאָבל. און ער זוכט די מוטער און זי זוכט אים —

ביז זי וועט אים געפינען. און דאַן וועט זי אים זאָגן, ווו זי וווינט, און ער וועט עס ברענגען בייַנאַכט ביז אין שטוב אַריין. און עס איז געקומען — און די מוטער איז אַוועק, און מיר זענען אייַנע אַליין געבליבן אויף דער וועלט. צוויי שוועסטערן, איך און דו.

אסתר

און איצט וועט ווידער קומען אַ גאַסט צו אונז.

העגריעטטע

אָבער איך האָב אַזוי מורא, אַז איך וועל דאַרפן אַוועקגיין, ווען דאָס קינד וועט קומען.

אסתר

אויב דו רעדסט שוין יאָ אַזוי, מוזטו באַלד שלאָפן גיין. גיי דו, גיי, דו ביזט דאָך אַזוי געזונט און שיין, און דו האָסט שטענדיק געזאָגט, אַז די מוטער איז אַ קראַנקע געוועזן. זע, ווי געזונט דו ביזט. (זי הויבט זי אויף, גלעט די קיילעכדיקע פאַרמען פון איר קערפּער) דו ביזט אַזאַ שווערע, שיינע מוטער, אין דיר איז אַזויפיל ליבע, דו ביזט אַ מוטער, אַ גליקלעכע מוטער.

העגריעטטע

ווי גוט וואָס דו האָסט מיר דאָס אַלץ געזאָגט, איצט בין איך אַזוי רויק, רויק. איצט וועל איך גיין שלאָפן. (זי גייט אַריין אין דער צווייטער שטוב רעכטס, רעדט פון דער אָפענער טיר) אָבער דו וועסט דאָ בלייבן, איך וויל נישט בלייבן אַליין, ביז ער וועט קומען, ביז רוסטאַ וועט קומען. און אַז ער וועט קומען —

אסתר

אַז ער וועט קומען?

העגריעטטע

אַז ער וועט קומען, הערסטו אסתר, זאָלסטו מיך נישט וועקן. איך האָב אַזוי ליב אויפצוקומען פּלוצלונג אין מיטן שלאָף און אויסשטרעקן די האַנט אין מייַן גרויסער נאַכט —

אסתר

שוין ווידער די ווערטער?

הענריעטטע

אויסצושטרעקן די האַנט אין מיין נאַכט און צו געפינען אים נעבן זיך. דעמאָלט ווערט מיר אַזוי ליכטיק, אַזוי ליכטיק.

אסתר

איז גוט, וועל איך דיך נישט וועקן, נור גאַנץ שטיל אַוועקגיין.

הענריעטטע

איך בין אַזוי מיד, אַזוי שרעקלעך מיד. וועסטו מיך נישט וועקן, אַז ער וועט קומען? אַזאַ שווערער טאָג.

אסתר

ענדיקט זיך אַזוי רויק, אַזוי גוט.

הענריעטטע

עס איז אַזוי גוט מיט דיר. דו, איך וויל דיר געבן נאָך אַ לעצטן קוש היינט. (זי קומט אַריין אין נעגליזש, קושט אסתרן) וועסטו נישט וועקן? אַ גוטע נאַכט!

אסתר

שלאָף רויק, זאָל דאָס זיין דיין רויקסטע נאַכט. דיין רויקסטע נאַכט.

הענריעטטע

אַ גוטע נאַכט. (אָפּ).

אסתר

(פאַרשפּאַרט די טיר רעכטס, לייגט צו די האַנט צו דעם אָרט אויף דעם פּנים, וווּ זי האָט באַקומען הענריעטטעס קוש, שטיל ווי ברענט איר קוש. (זי זעצט זיך צום קלאַוויר, שפּאַרט צו דעם קאָפּ צו דער וואַנט רעכטס (דער פאָרהאַנג גייט לאַנגזאַם אַראָפּ, אָבער נישט ביז גאַנץ אונטן, בלייבט אַזוי אַ לענגערע ווײַלע, דאַן גייט ער לאַנגזאַם ווידער אַרויף).

פערטער אַקט

דריטע סצענע

(דער פֿאַרהאַנג גייט לאַנגזאַם ווידער אַרויף, ווען ער איז גאַנץ אויבן, גיט זיך אסתּר אַ ריס פֿון דער זאָפֿע)

אסתּר

ענדלעך.

דוסיאַ

(קומט אַריין שטיל אין מאַנטל).

אסתּר

(נעמט פֿון איר אַראָפּ דעם מאַנטל, ווינקט איר שטיל צו זיין, טראָגט דעם מאַנטל אין קאָרידאָר) ענדלעך ביזטו דאָ — מ׳ער־טערנאַכט איז שוין באַלד. וואָס איז מיט דיר?

דוסיאַ

שווערע טעג, די שווערסטע זינט איך האָב די אַרבעט אָנגע־הויבן. אַלע זענען קעגן מיר. זיי אַלע קוקן מיר אין פּנים מיט געמאַכטן ערנסט — אָבער איידער איך גיי נאָך אָפּ אַ פּאָר שריט פֿון זיי — לאַכן זיי.

אסתּר

אָבער איך גלויב, גלויב. מיין לעבן איז פֿול מיט געלעכטער. אָבער ווען עס קומט צו דיר, בין איך עפּעס אַזוי ווונדערלעך ערנסט. עס איז גוט צו האָבן אַ גלויבן, דו ביזט דער ערשטער אין מיין לעבן.

דוססאַ

(האָרכט, אָבער הערט נישט) מען גראָבט אונטער מיר. ביז איצט זענען זיי אפשר גלייכגילטיק געווען אַלע, אָבער איצט, ווען עס האַלט שוין אַזוי נאָנט ביי פאַרווירקלעכונג — זענען אַלע געוואָרן שונאים. ווילן ווידער אַ רים טון צו דער ערד. זיי לאַכן — קיין שאַרף וואָרט צערודערט נישט אַזוי, ווי געלעכטער. עס איז אפשר אומזין, אסתר, אָבער יעדע רגע פיל איך, אַז איך וועל אַ שליידער טון מיט אַלץ.

אסתר

און איך וועל דיך אַזוי אויך ווייטער ליב האָבן. מיר איז אַלץ איינס. אָבער — ווען זיי לאַכן, שפּיי זיי אין פּנים!

דוססאַ

(צוערשט רעדט ער שטיל, דאַן אַלעמאָל העכער און העכער) דאָרט טרעט איך אויף אַ וועלט פון האַס — אָפּט ווייס איך נישט מער איבער וואָס איך אַרבעט. דער הויפּטגעדאַנק איז אין נעבל פאַרזונקען. אויף אַ וועלט פון האַס טרעט איך און יעדער שריט קאָן ווערן אַ פאַל אין אַן אָפּגרונט אַריין. און דאָ טרעט איך אויף אַ וועלט פון ליבע, און אויך דאָ קען יעדער שריט זיין אַ פאַל אין אָפּגרונט אַריין.

אסתר

דער שטילער, רעד שטילער — איך בעט דיך.

דוססאַ

דאָרט וויל מען דיר גאָרנישט געבן, אַלץ שטעלט זיך אַנטקעגן, און דאָ גיט מען דיר אַלץ אַוועק — קיין זאַך שטעלט זיך נישט אַנטקעגן. און אַזוי יעדן טאָג דאָסזעלבע.

אסתר

וואָס ציטערסטו איננאַנצן? (באַליידיקט) אויב דו ווילסט, קען איך גיין, קען איך שוין גיין.

דוססאַ

ניין, גיי נאָך נישט, איך מוז נאָך האָבן צו וועמען אַ וואָרט הייגט צו רעדן.

אסתר

(שאַרף) צו איר, דריי שריט פון דיר איז זי דאָך.

רוסקאַ

(נעמט מיט צער אַן איר האַנט, די האַנט וועקט שטילן ציטער אין איס) ניין, דו בלייב.

אסתר

נור באַרויִק דיך און אַלץ וועט ווידער גוט זיין.

רוסקאַ

שלאָפט זי שוין לאַנג?

אסתר

שוין באַלד דריי שעה. זי איז דאָך אַזוי מיד געוועזן היינט. אַזאַ טאָג.

רוסקאַ

איך פיל ווי אירע אויגן עפענען זיך אַלעמאָל מער און מער.

אסתר

וואָס פאַר אַ זינלאָזע שרעק איז עפּעס אין דיר? (גייט צו נעבעטער) ווייסטו, וואָס זי האָט מיר געזאָגט? — אַז דו וועסט קומען, זאָל איך זי נישט וועקן.

רוסקאַ

פאַרוואָס?

אסתר

איך ווייס נישט. אַז איך בין געקומען האָט זי — — (כאַפּט זיך צוריק).

רוסקאַ

וואָס האָט זי? וואָס?

אסתר

האָט זי שוין געוואָרט אויף מיר, ווייל זי האָט נישט געוואָלט אַליין גיין שלאָפן.

רוסקאַ

איז עמעץ דאָ געוועזן? איז עמעץ דאָ געוועזן ביי איר?

אסתר

ווער האָט דען געזאָלט דאָ זיין?

רוסמאַ

ווער? זי?

אסתר

איצט ביינאַכט? וואָס דיר קען איינפאַלן. פריער, אז איך בין געקומען האָט זי —

רוסמאַ

וואָס דערדערסטו נישט?

אסתר

און אין אַ רגע שפּעטער האָט זי מיר געזאָגט, אז זי האָט אַזוי ליב אויסצושטרעקן די האַנט אין דער פינסטער און דיך צו געפינען נעבן זיך. נישט צו וויסן וויאזוי דו ביזט צו איר געקומען.

רוסמאַ

דאָס רעדט זי מיט דיר?

אסתר

ווייל זי האָט געבעטן נישט צו וועקן זיך, ווען דו וועסט קומען.

רוסמאַ

האָט זי אויך וועגן דעם מיט דיר גערעדט?

אסתר

וועגן דעם קינד? זי האָט גערעדט און עס האָט מיך אַזוי געפרייט. זי ווערט אַלעמאָל מער מוטער און עס איז גוט אַזוי פאַר איר — און פאַר אונז. זי רעדט אַזוי אָפן וועגן אַלץ, קיין ברעקל בושה מער אין איר. אַ מוטער, וואָס זויגט אַ קינד טראָגט אָן בושה די ברוסט אין דרויסן — עפּעס אַזוי ווערט זי. עפּעס אַן ערדישע הייליקייט.

רוסמאַ

און וואָס האָט זי נאָך געזאָגט? זאָג מיר אַלץ.

אסתר

מער גאָרנישט. און איצט שלאָפט זי שווער ווי אַלע פרויען אין די ערשטע, געבענשטע טעג פון שוואַנגערשאַפט. — און איצט בלייב נאָך אַ רגע מיט מיר. אַז דו וועסט שוין ווען דאָרט אריינגיין — דאַן וועל איך אַוועקגיין.

רוססאַ

(הערט זיך איין מיט שרעק צו דער טיר רעכטס) אָבער מיינסטו נישט, אַז זי הערט יעדעס וואָרט?

אסתר

איידער דו ביזט געקומען, בין איך עטלעכע מאָל ביי איר געוועזן. זי שלאָפט שווערלייביק און טיף. אַ הייליקער שלאָף. אָט זע! (זי עפנט די טיר רעכטס און רופט דאָרט אין דער פינסטערניש אריין, צוערשט גאַנץ שטיל און דאַן העכער און העכער) הענריעטטע, הענריעטטע, הענריעטטע! (אַז זי באַקומט קיין שום ענטפער נישט, פארמאַכט זי שטיל, אָבער גרינדלעך ווידער די טיר, צוקט צוזאַמען פון פרייד) זעסט? (זי לויפט און עפנט די טיר לינקס) און טאָמער וועלן מיר זי דערהערן, וועסטו — ערשט אריינקומען. (גייט צו נאָנט צו רוססאַ).

רוססאַ

זי ווערט אינגאַנצן אַ מאַמע, און איך האָב געוואָלט אַ פריינט. זי ווערט אינגאַנצן זי — מאַמע. עס איז נישט צום אויפהאַלטן מער.

אסתר

דו פאַלסט דאָך ביי דיר, און דאָס איז שלעכט. איינמאָל אַ שריט געטון, מוז מען ווייטער גיין. אָבער עס קען אַזוי אויך גוט זיין.

רוססאַ

זע, ווי האָב איך געקענט אויפהאַלטן? זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיר, אָפּגעריסן אַ שטיק פון מיר — אַ צווייג און אריבערגעפלאַנצט אין זיך. זי איז עפּעס אַזוי פּרוכפּערדיס, אַזוי ערדיש געוואָרן. קוים האָב איך מיך צוגערירט צו איר — איז זי שוין אַ מאַמע.

אסתר

עס איז בעסער אַזוי — זי דאַרף דאָך האָבן אַ וועלט, וואָס איז פאַרנומען מיט איר. זי מוז האָבן אַ קינד, זי וועט עס זויגן — זי וועט זיך קלאַמערן אין קינד, אַזוי ווי דאָס_קינד אין איר. און דו — דו וועסט פרייער ווערן.

רוססאַ

פּלייש וואַקסט אַרום מיר, פאַמיליע. און איך פיל, אַז זי וועט מאָגן נאָך, נאָך.

אסתר

זי וועט זיין די מוטער פון דיינע קינדער. — בעסער אַזוי. און איך — וועל זיין — (כאַפּט זיך קושן זיינע הענט) און איך וועל דיך ליב האָבן.

רוססאַ

זי פּויזעט אָבער אַזוי שווער אַרום מיר, טאַפּט מיך אַלע טאָג אַרום, צי איך בין נאָך אינגאַנצן איר. צי קיינער איז אַרום מיר נישטאָ.

אסתר

(געוואַלטזאַם) אָבער וואָס גייט דאָס אַלץ מיך אָן! (גיט אים דאָס מויל צום קושן. אַ רגע קוקט ער מיט צער אויף די גע־עפנטע ליפּן, זיין פּנים ווערט מילדער און ער קושט זי פון גאַנצן האַרץ אין שטילער פאַרגעסונג).

הענריעטטע

(עפנט שטיל די טיר רעכטס, זי איז אין אַ ווייסן לאַנגען נאַכט־העמד, זוכט מיט די אויגן אַרום) אסתר! אסתר ביזטו איינגע־שלאָפן? איז ער נאָך נישטאָ?

אסתר

(נעמט לאַנגזאַם אַראָפּ פון זיך רוססאַס הענט, ער מאַכט אַ באַ־וועגונג צו זאָגן אַ וואָרט, זי פאַרהאַלט אים שטיל די ליפּן מיט דער האַנט, ער בלייבט פאַרשטיינערט שטיין) שטעל דיר פאָר, עס איז שוין מיטערנאַכט און ער איז נאָך אַלץ נישטאָ. אָבער בעסער אַזוי, אפשר וועט ער שוין היינט ברענגען דאָס גרויסע וואָרט צו אונז. היינט וואָלט עס געדאַרפט געשען. היינט — הענריעטטע.

הענריעטטע

און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך הער שריט.

אסתר

דאָס האָסטו מיינע שריט געהערט. איך בין איינגעשלאָפן ביים

קלאוויר. צוערשט האָב איך געשפּילט — האָסטו עס נישט גע־הערט? דאַן בין איך איינגעשלאָפן, און איצט האָב איך אַ קוש געגעבן צו דער טיר.

העגריעטטע

דו ביזט דאָך אויך מיד, ווייסטו וואָס, וואַרט נישט מער אויף אים. איך בין אַזוי מיד, איך וועל באַלד ווידער אַנטשלאָפן ווערן, איך וועל נישט געדענקען, אַז איך בין אַליין.

אסתר

(גייט צו צו הענריעטטע) גיי רויק שלאָפן, מיין קינד. גיי שלאָפן. איך בין שוין מער נישט מיד. אַז איך האָב שוין אַזוי לאַנג גע־וואַרט —

הענריעטטע

קום גיב מיר אַ קוש.

אסתר

(גייט צו און קושט זי) שלאָף ווייטער און נאָך רויקער.

הענריעטטע

ווי הייס דיינע ליפּן זענען.

אסתר

פון שלאָף. נו גיי שוין, גיי שוין ווידער אין בעט אַריין.

הענריעטטע

איך גיי. (זי מאַכט אַ שריט פאָרויס, בלייבט שטיין, גייט גיך צוריק, שליסט די טיר הינטער זיך).

רוססאַ

(הויבט פּלוצלונג, און מיט אַטעמלאָזער שטילקייט, הינטערוויי־לעכיג צוריקצוגיין אין דער ריכטונג פון קאָרידאָר).

אסתר

(גייט צו צום קלאַוויר, רירט אָן עטלעכע קלאַווישן, פּלוצלונג נעמט זי טענער פון אַ טאַנץ. ווילדע פרייד כאַפּט זי אַרום, זי גייט אין דער מיט פון דער שטוב, מאַכט עטלעכע באַוועגונגען פון אַ טאַנץ, גייט צו צו רוססאַ און ציט אויך אים מיט אירע באַוועגונגען מיט. ווילנאַ לאָזט ער זיך מיטציען).

דוססאַ
(בלייבט פּלוצלונג שטיין פּעסט, פּליסטערט) אָבער איך הער דאָך אירע באָרוועסע שריט, איך הער דאָך ווידער אירע שריט. (מיט וואַקסנדיקער שרעק) אירע שריט.
אסתר
זי איז ווידער איינגעשלאָפן, זי באַוועגט זיך אין בעט. (אַנט־שלאָסן גייט זי צו צו דער טיר, מאַכט זי הויך אויף) הענריעטטע? הענריעטטע! שלאָף רויק. (זי פּאַרמאַכט ווידער די טיר) וואָס זאָגסטו איצט?
דוססאַ
איז זי אַזוי גיך ווידער איינגעשלאָפן? איז דאָס מעגלעך?
אסתר
אַזוי זענען שוואַנגערע פרויען. אַזאַ דו איז אין זיי.
דוססאַ
איך וויל אַליין אַ קוק טון.
אסתר
נישט דו, אויב דו ווילסט, וועל איך צו איר אַריינגיין.
דוססאַ
דאָס געוויסן האַמערט שווער אין מיר, לאָז מיך צו איר אַריין.
אסתר
(פאַרשטעלט אים די טיר מיט זיך, כאַפּט זיך מיטביידע הענט ביי איר ברוסט, רייסט ברייט אויף דעם דעקאָלט) איך וועל דיך נישט לאָזן גיין. איך וועל מיר נישט לאָזן נעמען די נאַכט.
דוססאַ
אָבער דו ביזט דאָך וואַנזיניק, זי שלאָפט דאָך נישט. איך הער, אַז זי וואַכט.
אסתר
דו הערסט גאָרנישט.
דוססאַ
זי גייט אַרום איבער דער שטוב.
אסתר
דו הערסט גאָרנישט, דאָס איז שרעק בלויז, דו ביזט אַ — דער־

שראָקענער, א — פּחדן. (זי רוקט זיך מיט עקל אָפּ פון אים) דו ביזט א פּחדן!

ר וּ ס ס אָ

(גייט צו צו דער טיר, הויבט זי אָן עפענען) הענריעטטע? (עפנט גאַנץ די טיר מיט שרעק) הענריעטטע, וואָס איז מיט דיר? דו ביזט דאָך אין די קליידער!

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(קומט אַרויס, קליידער הענגען משונהדיק אַרום איר, זעען אויס ווי שמאַטעס, זי איז באַרוועס) אַך, ווי גוט, וואָס דו ביזט שוין ענדלעך דאָ. קום מיט מיר. קום מיט מיר אַוועק פון דאַנעט!

ר וּ ס ס אָ

הענריעטטע, איצט? אין דער נאַכט?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(זי לאַכט ווילד און ווילדער) איצט אין דער נאַכט, ווען דען? ווייסטו דען נישט, אַז אַ שוואַנגערע פרוי מוז פיל אַרומגיין — אין דער נאַכט.

א ס ת ר

(בייזע אנונג באַפאַלט זי — פאַרצווייפלט און כמעט דורך טרערן) אָבער אַזוי אַ, אַזוי נישט אָנגעטון?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ווער וועט מיך דען זען? איצט איז דאָך נאַכט. (זי לויפט צום פענסטער צו, קוקט עס אַרום פון אַלע זייטן) אָדער איז שוין טאָג?

א ס ת ר

ניין, עס איז נאַכט, עס איז נאָך מיטערנאַכט, הענריעטטע — הענריעטטע געדענקסטו נישט, אַז מיר האָבן ערשט גערעדט. ערשט נישט לאַנג. מיט עטלעכע מינוט צוריק.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

איז עס ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק געווען? ערשט מיט עטלעכע מינוט צוריק?

ר ו ס ס אָ

אָבער, הענריעטטע, דו ביזט דאָך באָרוועס, פילסטו נישט, אַז דו ביזט באָרוועס?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

מיטערנאכט, זאָגסטו? איך וועל גיין אין דער מיטערנאכט אריין. באָרוועס — ווי דען אנדערש גייט מען ביינאכט?

ר ו ס ס אָ

איך וועל מיטגיין מיט דיר.

ה ע נ ר י ע ט ט ע

(לויפט ווידער צו צום פענסטער, רייסט עס אויף, רוססאָ און אסתר קוקן פאַרשטיינערט, גרייט יעדע רגע אַ שפּרונג צו טון צו איר) ניין, איך וויל גיין אליין. (זי וויל זיך זעצן אויף דעם פענסטער־ברעט, רוססאָ און אסתר נעמען זי אָן בייביידע הענט, זי ראנגלט זיך שוואך און רופט נאָך אין דרויסן ארויס) עלזע, עלזע ווו ביזטו? עלזע, עלזע! (דאָס פענסטער ווערט ווידער פאַר־מאכט).

ר ו ס ס אָ

ווו ווילסטו דען גיין, הענריעטטע, הענריעטטע?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ווו? ווארט אַ רגע. ווו? צו עלזע וויל איך גיין.

ר ו ס ס אָ

קענסטו נישט ווארטן ביז צום מאָרגן?

ה ע נ ר י ע ט ט ע

ניין, איצט וויל איך גיין. איצט.

ר ו ס ס אָ

(באגרייפט מיט פלוצלונגער, טיפלעצטער שרעק) הענריעטטע דו ביזט —

א ס ת ר

(כאפּט זי אָן מיט ביידע הענט ביים קאָפּ) איצט פאַרשטיי איך שוין אַליין, וויי, זי איז — — הענריעטטע! ע ל ז ע איז דאָ געוועזן?!

העגריעטטע

עלזע? ווו איז זי? (זי לויפט צו דער טיר ליגקס, קלאפט א ווײלע מיט דער טיר, עפנט זי נישט) עלזע — האסטו געזאגט? (פאלט צו צו דער זאפע).

רוסטא

(לויפט גיך אין דער צווייטער שטוב, ברענגט די שיך, פאלט אויף דער ערד מיט זיי צו העגריעטטעס פיס, קושט די פיס) קום, מיר וועלן גיין, איך וועל דיר די שיך אנטון.

העגריעטטע

(שטויסט אים ווילד מיט די פיס פון זיך) איך וויל גיין אזוי, באָרוועס וויל איך גיין. אין דער נאכט אריין גייט מען באָרוועס.

רוסטא

(הויבט זיך אויף) עס איז געשען.

העגריעטטע

אויב איר ווילט נישט גיין, וועל איך גיין אליין. (זי לויפט ארויס אין קאָרידאָר, קלאפט דאָרט מיט דער טיר).

אסתר

זי איז וואנזיניק געוואָרן, וואָס וועט איצטער זיין?

רוסטא

דו ווייסט דאָך שטענדיק, וואָס וועט זיין.

אסתר

אָבער איין רגע קען דאָך שוין זיין צו שפעט, איצט מוזן מיר איר נאָכגיין.

רוסטא

מיר קענען איר איצט שוין ביידע נאָכגיין. דער רינג איז גע־שלאָסן. די זון איז אונטערגעגאנגען. עס איז ווידער נאכט.

העגריעטטע

(קערט זיך ווידער אום, העלער וואנזין אין אלע אירע באוועגונגען, דאָס פנים צוקט ווילד) די טיר איז געשלאָסן, פארוואָס האָט איר די טיר געשלאָסן? עפנט מיר די טיר!

רוסטא

אָבער העגריעטטע, די טיר איז אָפן ווי שטענדיק.

הענריעטטע

(לאַכט) ער זאָגט, אַז די טיר איז אָפן, ער זאָגט, אַז די טיר איז אָפן.

אסתר

(גייט צו צו הענריעטטע) ווי שטענדיק, ווי אַלעמאָל.

הענריעטטע

קומט מיט מיר מיט, אַלע אין דער נאַכט אריין! אַלע אין דער נאַכט אריין, די גאַנצע וועלט.

רוססאָ

(נעמט זי פעסט אָן ביי ביידע הענט) איך גיי מיט דיר מיט, הענריעטטע אין דער נאַכט אריין.

הענריעטטע

(פרייט זיך וואַנזיניק) מיט מיר, מיט מיר, אין דער נאַכט אריין.

עלזע

(שטייט פּלוצלונג אין דער טיר) דו האָסט מיך גערופן, הענריעטטע. איך בין דאָ, איך בין דאָ ביי דיר.

הענריעטטע

(האָרכט אויף, ווילדקייט אין פנים, רייסט זיך פון רוססאָס הענט) לאָז מיך! לאָז מיך!

רוססאָ

איך בין דאָך מיט דיר.

הענריעטטע

דו ביזט נישט מיט מיר. (אירע הענט ווערן שטאַרק, זי רייסט זיך מיט אַלע כוחות פון רוססאָס הענט. ער לאָזט נישט נאָך, נעמט זי זיי בייסן, רייסט מיט די ציין איינצלנע פינגער, ביז ער לאָזט נאָך, זי לויפט צו צו עלזע, פאַלט איר אויפן האַלז, וויינט און שרייט) עלזע, עלזע מיין איינציקע.

רוססאָ

(אַלע דריי פרויען אַרום אים, ער זינקט לאַנגזאַם אין די קני, פאַלט צו מיט דעם קאָפּ צו דער ערד) פאַרלאָשן, פאַרלאָשן, פאַרלאָשן —

פון אייגענעם אויטאָר:

*

אויף דער שוועל...

יוגנט-פּאָעזיעס, לעמבערג, 1912.

*

רואינענגראַז

לידער, ווין, 1917.

*

שפּינאָזאַ

פּאָעטישער פּרווו — ערשטע אויסגאַבע, ווין, 1918.

צווייטע פאַרענדערטע אויסגאַבע, ווין, 1921.

*

נאַקעטע לידער

ווין, 1921.

*

דער קרן פון אַלע מיינע לידער

אויסגעקליבן פון זעקס ביכער, וואַרשע, 1922.

*

פּרעהיסטאָרישע לאַנדשאַפטן

וואַרשע, 1924.

*

צו דער יידישער יוגנט

וואַרשע, 1924.

*

בלוט אויף דער פאָן

סאָציאַלע דראַמע אין עלף בילדער, וואַרשע, 1929.

*

די פיר זייטן פון מיין וועלט

פיר פּאָעמעס, וואַרשע, 1929.

*

JEWISH PUBLIC LIBRARY, TORONTO

Mełech Rawicz

Kobieta i Mężczyzna

Trzy dramaty

Druk. „Di Welt“

Warszawa 1931

Wyd. B. Kleckina

פֿאַרלאַג
ב. קלעצקין

ווייב און מאַן